STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03825

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק פון שלום עליכם

זיבעצנטער באַנד

אָרעמע און פריילעכע

צווייטעס בוך

ווילנע—וואַרשע 1926
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין.

עס איז שטרענג פארבאָטן צו קויפן און פאַר־
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרומאפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1921, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

צוליב דעם פאַרלאַנג פון שלומעליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

„Szolem-Alejchem. T. XVI. „Oreme un Frejliche“.
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. KLECKINA

אָרעמע און פֿריילעכע. צווייטעס בוך

אינהאלט

אַ „היינרישנע ביליעט"	7
מיט'ן עטאפ	51
הונדערט איינס	101
מיין ערשטער ראמאן	117
צוויי אנטיסעמיטען	149
אפגעשלאגענע הושענות	163
מען איז זיך מוחל	191
אַ חוליעט	225

א „וויגרישנע ביליעט"
(אַ לאָטעריי־צעטעל)

ערצעהלונג

געשריבען אין יאָהר 1902

א „ווינגרישנע ביליעט"

א.

— בנימטשיק — דאָס וואַכסט ביי מיר אַ ווינגרישנע ביליעט.

אַזוי האָט געזאָגט ישראל דער שמש פון דער אַלטער שוהל אויף זיין זוהנדעל בנימין, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוט יונגעל נאָך בשעת ער האָט געלערענט ביי ירחמיאל־משה דעם מלמד אין חדר. ירחמיאל־משה האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּ־לויבען פון איהם.

— אייער קליינער — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו ישראל דעם שמש — איז ביי מיר, קיין עין־הרע, פון די בעסטע. ער־שטענס, איז ער אַ גרויסער מתמיד, אַ וואוילער וואָס אַ וואוילער הייסט; הייגט דאָס קעפּעל זיינס, די תפיסה, מיין איך, דער זכרון — איז אַזעלכעס, וואָס מע באַדאַרף עס זוכען; ווען ביי איהם זאָל זיין דער זכרון אַזוי ווי די תפיסה, מיין איך פאַרקעהרט, די תפיסה אַזוי ווי דער זכרון — עהע־הע!

דעם „עהע־הע!" ציהט־אויס ירחמיאל־משה דער מלמד מיט אַ ניגון, און ישראל דער שמש ווערד ברייטער ווי לענגער.

— גאָט זאָל אייך געבען געזונט און פּרנסה! — בענשט ער דעם מלמד און העלפט איהם צונויפלעגען דעם טלית־ותפילין. דאָס איז גלאַט אַזוי, אַ מתנה הייסט דאָס; שכר־למוד פאַר זיין קינד צאָהלט ישראל דער שמש גלייך מיט אַלע בעלי־בתים, צוויי

קאַרבען אַ זמן, אַ חוץ חנוכה־געלד און פּורים־געלד, האָטש ישו"אל דער שמש לעבט אַליין כמעט נאָר פון חנוכה־געלד און פּורים־געלד. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? דער מנהג העולם איז שוין אַזוי פון קדמונים, אַז מיר מוזען לעבען אומעטום איינער פון'ם אַנדערען: איך נעם ביי יענעם און געב אייך; איהר נעמט ביי מיר און גיט יענעם. אמת, עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז נעמען ביי מיר נעמט איהר צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי מע בעדאַרף, און געבען גיט איהר יענעם אַ מכה; דערפאַר, אַז כ'וועל נאָר קאָנען, וועל איך ביי יענעם נעמען דריי מאָל אַזוי פיעל און וועל א י י ך געבען אַ מכה. מיר וועלען זיך מיט'ן חשבון, האָט קיין יסורים ניט, אויסגלייכען. חכמים רופען דאָס אָן מיט פערשיעדענע נעמען: „געזעץ פון דער נאַטור", „לעבענס־מלחמה", „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" וכדומה; נאָר אַזוי ווי מיט אונזער מעשה קעהר זיך עס שוין נישט אָן, לכן געהען מיר ווייטער.

שפּעטער, אַז בנימטשיק איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען קורס ביי ירחמיאל־משה'ן, האָט איהם ישראל דער שמש זעהר געוואָלט אָפּגעבען צו רב אלי־מאיר דעם גמרא־מלמד, האָט איהם אלי־מאיר נישט געקאָנט צונעמען: ראשית, איז שוין ביי איהם געווען דער חדר פול ווי אַיין אויג; והשנית, האָט ישראל נישט געקאָנט צאָהלען אַזאַ שכר־למוד, ווי די נגידישע בעלי־בתים. האָט בנימטשיק געטהאָן דאָס, וואָס אַנדערע טהוען: אַז מע האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען, לערענט מען אַליין. דערויף איז פאַרהאַן אַ גרויס בית־המדרש מיט אַ סך סטענדערס, מיט אַ סך שטיקלעך ליכט פון די יאָהרצייטען, מיט אַ סך ספרים: חומשים, פּסוקים, משניות'ען, גמראס מיט מדרשים — און וואָס ניט? אבי מע וויל נאָר, קאָן מען לערנען אויף אַ בוידעם אויך. קאַרג גרויסע מענשען, גאונים, זענען אויסגעוואַכסען ביי אונז אַט אַזוי, ערגיץ ביי אַ סטאַטשיק אין בית־המדרש? אַזעלכע גרויסע מענשען, גאונים, מפורסמים וואָלטען מיר, קאָן זיין, געהאַט איצטער אָהן אַ שעור; דער חסרון איז אָבער, וואָס אין די לעצטע פיער־צוואַ־

פופציג יאָהר האָט זיך פער׳גנב׳עט אין אונזער ווינקעל אריין א שטראַהל פון ליכטיגקייט און האָט אָנגעשפּאַרט דוקא אין בית־המדרש אריין, דוקא דאָרטען, צווישען די אָרעמע בחורים, און אָנשטאָט דעם, מע זאָל לערנען „יורה־דעה", האָט מען בגנבה געגאַשט א שטיקעל „ביאור", שטילערהייד געשלונגען מליצה־ספרים, זיך געוואָרגען מיט א רוסישער גראַמאַטיקע און פערבי־סען מיט מאַפּו׳ס א ראָמאַן. פון אַזא מין לערנען האָבען קיין גאונים, רבנים מפורסמים, געוויינטליך, ניט געקאָנט ארויס. אי־דישע קינדער האָבען זיך צעקראָכען איבער דער וועלט, געוואָרען א תל; דאָקטוירים, אדוואָקאַטען, משוררים, מחברים, שרייבערס, לעהרערס און גלאַט אפּיקורסים. קיין רב — נישט איינער א רעכטער. דאָס הייסט, רבנים זענען ארויס פון זיי א סך; נאָר וואָסערע רבנים? קאַזיאָנע! „קאַזיאָנע" איז דער טייטש אָנ־געהאַנגענע — אשטייגער, ווי מע הענגט־אָן עמיצען א לונג־און־לעבער אויף דער נאָז; צי איהר ווילט, צי איהר ווילט ניט — נאָט אייך א באָמבע און האַלט זיך מיט איהר... נאָר אַזוי ווי מיט אונזער מעשה געהער זיך עס נישט אָן, לכן געהען מיר ווייטער.

אונזער בנימטשיק האָט געלערענט אין בית־המדרש נישט אליין — מיט נאָך צוויי חברים, אויך אַזעלכע אָרעמע בחורים׳לעך ווי ער, און דאָס איז טאַקי געווען דער חסרון, וואָרום איין מענש אליין קאָן אַזוי גראָב נישט זינדיגען, ווי מיט יענעם בשותפות. א סימן האָט איהר פון אדם הראשון: כל זמן ער האָט זיך גע־שפּאַציערט אין גן־עדן איינער אליין, איז געווען שטיל, א מחיה; און אַז עס האָט זיך נאָר אריינגעמישט די מוטער חוה, אַזוי האָט זי איהם באַלד אָנגערעדט, ער זאָל פערזוכען פונ׳ם עץ־הדעת, און מי יודע אויף וואָס זי וואָלט איהם נאָך ארויפגעפּיהרט, מע זאָל זיי ניט בעצייטענס ארויסטרייבען... דער משל איז געזאָגט געוואָרען אַקעגען בנימינ׳ען. בנימין זאָל געווען זיצען און לער־נען אין בית־המדרש איינער אליין, וואָלט געווען אַז וואויל איז איהם; ער האָט דאָך אָבער געלערענט מיט נאָך חברים, אויך

אזעלכע נאקעטע און באָרוויסע, הונגעריגע און דאָרשטיגע, ווי ער, — האָט מען תמיד זיך נאָר געריסען אהין, אויף דער גרויסער ליכטיגער וועלט, אויף דער וועלט פון חכמה און פון וויסענשאַפט. אליין זענען זיי געווען דאָ, און זייער קאָפּ איז געלעגען דאָרטען, צווישען די ג ר ו י ס ע, צווישען די ג ע ל ע ר ע נ ט ע, צווישען די ג ל י ק ל י כ ע. עס האָט זיי געצויגען אהין, ווי א מאַגנעט, ווי א קליין קינד ציהט אוים די הענטלעך צו דער מאַמע... איז שוין עפּים א חידוש, אשטייגער, אז איינמאָל אין א שבת־צונאַכטס האָבען די דריי בית־מדרש־בחורים, איציק, יוסיל און בנימטשיק, ניט געסטייעט? וואָס הייסט ניט געסטייעט? — נישטאָ און א סוף! מע האָט זיי אויסגעזוכט אין שטאָדט, וואו די וועלט האָט איין עק! מילא, יענע צוויי חברה־לייט, איציק און יוסיל, זענען סבצנ׳ישע קינדער, יתומים, אָהן א טאַטען אָהן א מאַמען, — וועמען זענען זיי אָפּגעגאַנגען? אָבער בנימטשיק! ישראל דער שמש האָט איינגעלעגט די וועלט, איבערגעקלערט גאָט ווייסט וואָס, און האָט זיך בערוהיגט ערשט אויף מאָרגען, אז ס׳איז אָנגעקומען א בריוועל פון אלע דריי ווייסע־חברה׳ניקעס, אז מע זאָל גאָר נישט איבערטראַכטען, זיי זענען, ברוך השם, געזונד און שטאַרק; זיי האָבען ארויסגעזעהען (אזוי שרייבען זיי), אז דאָ אין בית־המדרש איז פאַר זיי קיין תכלית ניט, לכן האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזט אין דער ישיבה אריין, קיין ווילנאָ, קיין וואָלאָזשין אָדער אין „דער מיר”... זיי האָבען מיט א כיון אויסגערעכענט אלע דריי ישיבות, בכדי מע זאָל ניט וויסען, אין וואָסער א שטאָדט זיי צו זוכען. אָט דאָס הייסט אָפּגעאַרבייט קלוג, מיט שכל!...

ס׳איז אָבער געווען אומזיסט דאָס פערשטעלען זיך מיט׳ן בעהאַלטען זיך מיט׳ן אנטלויפען. ס׳איז זיי קיינער מיט קיין פּאַטשט נישט נאָכגעלאָפען. די שטאָדט איז געווען, אדרבה, צופריעדען. ערשטענס, וועט זיין ווינציגער מיט א צוויי־דריי אָרעמע בחורים, וואָס מע מוז זיי אויסהאַלטען ווי ס׳ניט איז; מע קאָן דאָך זיי נישט לאָזען אזוי, זיי זאָלען אויסגעהן פון הונגער. והשנית,

איז טאקי גלאט שען, אז אָרעמע קינדער ווילען לערנען. הלואי וואָלטען אַלע אידען געקאָנט, וואָלטען זיי זיך אויך אוועקגעלאָזט ערגיץ אין עק וועלט, אבי מע זאָל ניט דארפען מוטשען זיך, טראָגען דעם עול פון פרנסה...

ב.

וואָס איז געוועזן דער סוף פון יענע צוויי בחורים'לעך, איציק און יוסיל — ווייסען מיר נישט, נאָר פון בנימטשיקען האָט ישראל דער שמש אין א האַלב יאָהר אַרום מקבל געווען א בריעף ניט פון וואָלאזשין, ניט פון ווילנא און ניט פון „דער מיר", נאָר פון איין אַנדער שטאָדט, פון א גרויסער שטאָדט, אז ער זאָל זיך גאָר ניט זאָרגען, וואָרום ער, בנימטשיק הייסט דאָס, געפינט זיך אויפ'ן „רעכטען וועג", עס וועט פון איהם, מיט גאָט'ס הילף, זיין א לייט, גאָט זאָל איהם נאָר העלפען, ער זאָל אָפּגעבען דעם עקזאמען און אריין אין גימנאזיע, וועט ער, אם ירצה השם, געהן ווייטער און „שטודירען דאָקטאָר"; און אז ער וועט „אויסשטודירען דאָקטאָר", וועט ער האָבען א פיינע בכבוד'ע פרנסה אין האנד, און וועט קאָנען אויסהאַלטען טאטע־מאמע אויף דער עלטער; דער טאטע וועט פערשפּאָרען האָרעווען, זיין א שמש, און די מאמע א שמש'טע; און די שוועסטער וועט ער, בעזרת השם, חתונה מאַכען אַלע דריי, און מע וועט זיצען אַלע אינאיינעם בשלום ושלוה, און מע וועט האָבען פיעל נחת. „און דאָס וואָס איז שייך צו אידישקייט, — אזוי האָט בנימין געשריבען — זאָלט איהר זיך, מיינע ליעבע און געטרייע, גאָר ניט זאָרגען; מע קאָן זיין געלערענט ווי די גאנצע וועלט, און פון דעסטוועגען וואָס צו גאָט איז צו גאָט. איך דאַווען, זאָלט איהר וויסען, אַלע טאָג, און לעג תפילין, און וואש זיך צום עסען, אבי ס'איז נאָר פאראַן וואָס, מחמת עסען — עסען מיר דאָ איין מאָל אין צוויי טאָג, וואָס גאָט גיט, אמאָל א

טרוקען שטיקעל ברויט, און אמאל איינגעטונקען אין זאלץ־וואסער, און אז עס מאכט זיך, ס׳איז נישטא גארניט, סמאטשקעט מען א שטיקעל צוקער. צוקער איז א סגולה צום הונגער, פערשלאגט דעם אפעטיט. דערפאר לערענט מען אבער געשמאק! פערגעסט ניט: פיער גראמאטיקעס בעדארף מען אויסלערנען! היינט וואו איז געאגראפיע? וואו איז היסטאריע? און וואו איז „שאר ירקות״? מאטעמאטיקע איז בלאטע; אלגעבּרע, זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, האבען מיר נאך געלערענט אין דער היים, אין בית־המדרש, און די מליצה־ספרים, וואס מיר האבען זיך דעמאלט אנגעלייענט, קומען אונז היינט צונוץ ביי׳ם שרייבען „סאטשיניעניעס״. איין שטיקעל חסרון, וואס דאס לשון איז ביי אונז א ביסעל ניט אזוי שארף, ווי מע בעדארף. נאר צו גאט א האפענונג, מיר וועלען דאס אויך איבערקומען בשלום. איהר זאלט זיך נאר ניט זארגען, עס וועט, אם ירצה השם, אלסדינג זיין אזוי ווי מע בעדארף. דער עיקר — נאר ניט געזארגט און געהאפט אויף דעם וואס לעבט אייביג!״

ישראל דער שמש, אז ער האט בעקומען דאס דאזיגע בריוועל, איז ער באלד אוועק צו ירחמיאל־משה דעם מלמד, — איין אלטער גוטער ברודער, איין עהרליכער איד און א בעל־סוד.

— זייט זשע מוחל, לייענט־דורך דאס דאזיגע בריוועל, און אז איהר וועט דאס דורכלייענען, וועט איהר זיך מטריח זיין טאקי אין איינוועגס אנשרייבען איין ענטפער, דאס הייסט, איך וואלט געקאנט אפילו אליין אנשרייבען, נאר אלץ הייסט געשריבען. אודאי וועט איהר בעסער אנשרייבען פון מיר, למאי זאל איך לייקענען?

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייסט גאנץ גוט, אז ישראל דער שמש זאגט נעבאך א גרויסען ליגען. אזוי לאנג שמייסט מען איהם, ווי לאנג ער קאן אנשרייבען איין ענטפער! נאר ארויסבעווייזען איהם, אז ער איז א ליגנער — איז ער ניט מחויב. למאי זאל ער מבייש שטעלען א מענשען? האט ער אנגעזאטעלט די נאז מיט

א פּאָר משונה־מאָדנע ברילען, וואָס זענען בעשטאַנען פון א שטי־קעל דראָט מיט צוויי בענדלעך: אין איין אויגעל איז געשטאַנען א בלעכעל, און דאָס אַנדערע איז געווען לעדיג, גלאַט א לעכעל. האָט ישראל נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען און האָט איהם א פרעג געטהאָן:

— וואָס טויג אייך, רבי, אַזא בריל? איהר זעהט דען עפּיס אויף איהר?

— אַלץ גלייכער ווי אָהן א בריל, כ׳בין שוין איינגע־וואָהנט! — האָט איהם ירחמיאל־משה געענטפערט, גענומען דאָס ברייוועל א ביסעל פון דערווייטען, איין אויג (יענס וואָס אונטער׳ן בלעכעל) צוגעמאַכט, און מיט׳ן אַנדערען אויג (יענס וואָס אונטער׳ן לעכעל) האָט ער געלייענט גיך ווי א וואַסער, און הויך אויף א קול, זיך אָפּגעשטעלט אַלע מאָל און געקוקט אויף ישראל׳ען, ווי איינער רעדט: „היינט פערשטעהט איהר, וואָס הייסט געקאָנט לייענען?" און ישראל איז געשטאַנען בשעת מעשה דעם קאָפּ א ביסעלע אויף א זייט און פערריסען אַרויף מיט גדלות, ווי איינער רעדט: „היינט פערשטעהט איהר, וואָס הייסט געקאָנט שרייבען?"...

— נו, רבי, וואָס וועט איהר היינט זאָגען? — האָט זיך ישראל אָנגערופען צו ירחמיאל־משה׳ן, נאָכדעם אַז ירחמיאל־משה האָט אויסגעטהאָן די ברילען און אָוועקגעגעבען איהם דאָס ברייוועל.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — האָט איהם ירחמיאל־משה געענטפערט מיט א זיפץ. — אודאי, אודאי! מהכתיתי, זעהר פיין, אַבי ער דאַווענט אַלע טאָג און לעגט תפילין. הלואי וויי־טער ניט ערגער, חלילה...

— איך שמועס עם אַקעגען דעם, וואָס ער וואַכסט, מיין בנימטשיק הייסט דאָס, א מענטש, אָט דאָס מיין איך! — אַזוי מאַכט צו איהם ישראל דער שמש, און מיינען מיינט ער גאָר עפּיס אַנדערש. ביי איהם אויף דער צונג ליגען גאָר די ווערטער: „גימנאַזיע", „דאָקטאָר"... נאָר אַרויסלאָזען דאָס פונ׳ם מויל האָט ער מורא, רופט ער זיך אָן צו ירחמיאל־משה׳ן:

— איך שמועס אקעגען דעם, וואס איהר זאגט, ער לערענט זיך אויף... דאקטאר? הא? וואס זאגט איהר? איהר זענט דאך עפּיס א איד א חכם.

ירחמיאל־משה ווייסט, אז ער איז א איד א חכם, נאר וואס קאן ער איהם דערויף זאגען? אודאי, ווען ס'זאל זיין געווענדט אן איהם, אן ירחמיאל־משה'ן, וואלט ער איהם נישט געלאזט שטו־דיערען אין די גימנאזיעס; צו וואס טויג ישראל דעם שמש א זוהן פון גימנאזיעס מיט דאקטוירים גאר? נאר, אפּנים, עמיצער פרעגט ביי איהם איין עצה? און ירחמיאל־משה דער מלמד קוקט מיט פערגלעזערטע אויגען אויף דער וואנט און לאזט־ארויס א טיעפען זיפץ. ישראל דער שמש פערשטעהט, וואס בעדייט דער דאזיגער זיפץ: ער איז מיט זיך אליין אויך נאך נישט אינגאנצען פארטיג; ער איז אליין אויך נישט אזוי צופריעדען מיט דער גימנאזיע. נאר צוריק שמועסענדיג: סטייטש, זיין זוהן, זיין בנימטשיק וועט זיין „דאקטאר"!

— עלעהיי — זאגט ער צום מלמד און פער'גנבה'ט זיך מיט ווערטער — עלעהיי א בעל־מלאכה? „דאקטאריע" איז דען ניט קיין מלאכה? ובפרט ער דאווענט אלע טאג און לעגט תפילין, הלואי ווייטער, חלילה, ניט ערגער...

ישראל דער שמש שטעהט א ווײלע, נאכדעם רופט ער זיך אן צום מלמד און קווײנקעלט זיך:

— איך האב דאך אייך געזאגט, רבי, אז כ'האב צו אייך א בקשה, מטריח זיין זיך אפּענטפערען אויפ'ן בריוועל. נאר וואס דען? איהר קענט דאך אונזער שטעדטעל... מע האט ליעב האל־טען יענעם אין מויל... און אליין בין איך א פארקויפטער מענטש... די וויסטע פּרנסה... איך האב אייך געוואלט בעטען, ס'זאל דער־ווײלע זיין בסוד. איהר פארשטעהט?...

— איך פארשטעה, פאר וואס זאל איך ניט פארשטעהן? — זאגט ירחמיאל־משה און זאטעלט זיך אן נאך א מאל מיט זיינע מאדנע ברילען, נעמט א שטיקעל פּאפּיער און א טינט־און־פעדער.

טונקט איין די פען און ווארט וואס דער שמש וועט איהם זאגען וואס צו שרייבען.

— שרייבט איהם, זייט מוחל, — דיקטירט איהם ישראל דער שמש — לבני היקר מוהר"ר בנימין. ראשית שרייב איך דיר, אז מיר זענען אלע, ברוך השם, אין בעסטען געזונט, געב גאט דאס נעמליכע פון איהם צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער, אמן. והשנית, שרייבט איהם, אז איך און סימע, מיין ווייב הייסט דאס, לאזען איהם גריסען גאר פריינדליך, און בעטען איהם, ער זאל אונז שרייבען אפטע בריוולעך פון זיין מאכען וואס ער מאכט אין געזונט, און שרייבט, אז מיר ווינטשען איהם אלדאס גוטס און הצלחה, ער זאל מצליח זיין דארטען, און שרייבט איהם, ער זאל זיך גאר ניט זארגען, גאט איז א פאטער, דער עיקר, ער זאל זיך אפהיטען אין געזונט זאל ער זיך אפהיטען, און זיין א איד, ווא־רום דאס איז דער עיקר, און שרייבט איהם, אז איך שיק איהם א קערבעל שיק איך איהם (ישראל קראצט זיך אין אלע קעשע־נעס), און שרייבט איהם, אז איך וואלט געשיקט מעהרער, האב איך ניט, מחמת די פרנסה איז איצטער זעהר געשלאגען, עס פארדיענט זיך ניט קיין געלט פארדיענט זיך ניט, נישטא קיין יאהרצייטען, און פון חתונות מיט ברית'ען שמועסט מען ניט, איך געדענק שוין ניט די צייט, ווען ס'זאל זיין ביי אונז א חתונה, פון זינט רב חערש האט חתונה געמאכט די לעצטע טאכטער איז ניט געווען ביז אחער איין חתונה. דאס הייסט, ס'איז געווען א פאר חתונות, נאר אלץ הייסט חתונות. אויך מיר חתונות!...

— ששש... חאפט ניט אזוי! — זאגט צו איהם דער מלמד. — איהר פאהרט, ווי מיט פאטשטאווע פערד, איך קאן אייך ניט דעריאגען. נו, ווייטער?

— און ווייטער שרייבט איהם, אז מעהר איז ניטא וואס צו שרייבען, און שרייבט איהם, אז איך לאז איהם גריסען גאר פריינד־ליך, און סימע, די מאמע הייסט דאס, לאזט איהם גריסען גאר

פריינדליך, און אַלע שוועסטער לאָזען איהם גריסען, פעסיל און סאָסי און ברכה'צי, גאָר פריינדליך, און שרייבט איהם, ער זאָל אָפּהיטען אידישקייט און זאָל זיין אַ איד, דאָס איז דער עיקר, און ווייטער... אַז איהר וועט אָפּשרייבען, וועל איך זיך אָפּ'חתמ'נען...

אַז דער מלמד האָט דאָס אַלכדינג אָנגעשריבען, האָט ישראל דער שמש פערקאַטשעט די אַרבעל, גענומען די פּען פּאַוואָלינקע מיט צוויי פינגער און האָט זיך אָנגעברייט צו טהון איין „איידעלע מלאכה", אַנידערגעלעגט אויפ'ן פּאַפּיער זיין אייגענעם נאָמען ישראל, און דעם נאָמען פון זיין טאַטען נפתלי, עליו השלום, און די פאַמיליע ריטעלמאַן, געדרעהט בשעת מעשה מיט דער צונג אין אַלע זייטען, עס ווענדט זיך ביי וואָסער איין אות; למשל: אַ „למד" געהט רעכטס — געהט די צונג רעכטס, אַ „נון" געהט לינקס — געהט די צונג לינקס. פאַרהאַן מענשען, וואָס האָבען אַזאַ טבע נישט נאָר בשעת זיי אַליין — אפילו בשעת יענער טהוט עפּיס איין אַרבייט און זיי שטעהען ביי דער זייט און קוקען, דרעהען זיי מיט דער צונג...

סע פערשטעהט זיך, אַז אין שטעדטעל איז מען גיך געוואָהר געוואָרען פון דעם סוד, אַז ישראל דעם שמש'ס זוהנדעל שטודיערט אין די גימנאַזיעס „אויף דאָקטאָר", און עס האָט איהם נישט געשאַדט, חלילה, צו דער פּרנסה נאָר נישט; מע האָט איהם נאָר דעקוטשעט מיט ווערטער:

— וועט איהר האָבען, הייסט דאָס, אַ זוהן אַ „יאָקטאָר" אָהן אַ חיטעל? און אפשר נאָך מיט אַ קנעפּעל? וואָס פאַר אַ פּנים וועט איהר דעמאָלט האָבען, רב ישראל? ווי אַ הוהן זיצט־אויס קאַטשקעלעך; די קאַטשקעלעך לאָזען זיך שווימען אויפ'ן וואַסער, און די הוהן שטעהט און קוואָקעט...

ישראל דער שמש האָט דאָס אַלסדינג איבערגעטראָגען שטילערהייד און געטראַכט ביי זיך אין האַרצען: „לאַכט, לאַכט פון מיין בנימטשיקען; דאָס איז ביי מיר אַ „וויגרישנע בילעט"!"...

ג.

איינמאָל — ס'איז געווען ערב פסח, סימע די שמש'טע און אַלע דריי טעכטער, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי, האָבען גע־ראַמט אויף יום־טוב — עפענט זיך די טהיר און עס קומט־אַריין עפּיס אַ יונגערמאַנטשיק מיט ווייסע קנעפּ, מיט אַ מאָדנע היטעל אויפ'ן קאָפּ, און פאַלט סימען אויפ'ן האַלז, און נאָכדעם פעסלען און סאָסלען און ברכה'צין, און עס ווערד אַ קושערײַ.

דאָס איז געווען בנימין.

סימע האָט זיך אָזש צעוויינט פאַר פרייד.

— זוהנעניו! קדיש מיינער!

איז אָנגעקומען ישראל אַ פערסאַפעטער, אַ דערשראָקענער, און האָט זיך צעשריגען אויפ'ן ווייב.

— שאַ, שאַ! זעה נאָר, זי האָט זיך אַ ביסעל צעיאַכמערט, טאָמער ווייסט דו וואָס איז דאָס געווין וואָס?

און אַליין, אַז ער האָט בעטראַכט בנימינ'ען, ווי ער איז אויס־געוואַכסען, האָט ער זיך אויך קוים אײַנגעהאַלטען פון געוויין. נאָר אַ מאַנסביל איז ניט קיין אידינע. אַ אידינע אַז זי וויינט, מוז זי באַלד אָנהויבען שנייצען די נאָז; און אַ מאַנסביל אַז ער וויל אפילו וויינען, קאָן ער מאַכען אַזוי, אַז מע זאָל מיינען, אַז ער לאַכט.

— ווען ביזט דו געקומען ווען? אַנו, דרעה זיך נאָר אויס צו מיר מיט'ן הינטען! — מאַכט ער צום זוהן. — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין הלבשה אויף דיר? טהו זיך אויס, פאַר וואָס טהוסט דו דיך ניט אויס?

און אַז בנימין האָט זיך אויסגעטהאָן און איז געבליבען אין אַ בלויען מונדיר מיט אַ סך זילבערנע קנעפּלעך, און די בעקלעך זענען געווען רויט, און די בלויע אויגען האָבען געגלאַנצט, — האָט ער טאַקי געהאַט דעם זיעבעטען חן ניט נאָר ביי זיי — ביי

איטליכען אין די אויגען. ווער עס האָט איהם געזעהען, האָט זיך נישט געקאָנט זאט אָנקוקען אין איהם. „קיין עין־הרע, אויס־געוואַכסען ישראל דעם שמש'ס זוהנדעל, געוואָרען א פּארשוין!"... פייגה־לאה דער שכנה'ס טעכטערל מינצי, א מיידעל פון א יאָהר נייענצעהן מיט שווארצע אויגעלעך און מיט א געדיכטען שוואר־צען צאָפּ, פערפלאָכטען אונטען מיט א רויט סטיינגעלע, וואָס פּאַסט איהר זעהר צום פּנים, איז אריינגעקומען צו סימען כלומרשט א פרעג טהון, אפשר געפינט זיך ביי איהר איין איבעריג טעפּעל, וואָס זי דאַרף עס נישט? — האָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אז סימע האָט אויף איהר לעבען נישט געפּרובט האָבען קיין איבעריגע טעפּלעך. דאָס איז נאָר געווען איין אויסרעד אויף אָנצוקוקען בנימינ'ען, א גלאַנץ טהון מיט די שווארצע אויגעלעך און א וואָרף טהון הין און צוריק מיט'ן געדיכטען שווארצען צאָפּ און מיט'ן רויטען סטיינגעלע, זיך אויסדרעהען און אנטלויפען, און שפּעטער אביסעל נאָך א מאָל אריינלויפען, מיט א נייעם אויסרעד און ווידער א מאָל דאָס אייגענע, אזוי, אז בנימינ'ס דריי שוועסטער, פּעסיל און סאָסיל און ברכה'צי, אלע דערוואַכסענע שוין, האָבען א קוק געטהאָן איינס אויפ'ס אַנדערע, ווי איינער רעדט: „טאָמער ווייסט דו וואָס איז דאָס דדעהען, וואָס זי דרעהט זיך?"... און בנימין האָט דערווייל אוועקגערופען די מאַמע אויף א זייט און האָט איהר עפּיס געגעבען א מטבע, אריינגערוקט אין האנד אריין, זי זאָל מאַכען „א שענעם פּסח". סימע האָט אויף איהר לעבען אזוי פיעל געלד נישט געהאלטען אין האנד! און פאר די שוועס־טער האָט ער געבראַכט צו פיהרען מתנות און מתנות: סטיינגעס, מיט קעמעלעך, מיט שפּיעגעלעך, מיט שמאָכטעליאַקעס אָהן א שיעור! און דער מאַמען א זיידענע פּעטשיילע, א געלע מיט רויטע און מיט בלויע קווייטען. סימע די שמש'טע האָט זיך אזש צע־וויינט פאר פרייד.

— וואָס איז דאָס? ווי קומט צו דיר געלט? — פרעגט איהם ישראל מיט א געלעכטער.

— וואס הייסט, ווי קומט צו מיר געלט? — ענטפערט איהם בנימין מיט גדלות. — איך פארדיען שוין היינט, ברוך השם, אכט קארבען א חודש. איך געב „שטונדען". איך לעהרען, הייסט דאס, מיט קינדער, צאהלט מען מיר. איך בין שוין אין גימנאזיע אין פינפטען קלאס. אכט קלאסען איז פארהאן. נאך דריי קלאַ־סען, דריי יאהר הייסט דאס, ענדיג איך די גימנאזיע און טרעט־אריין אין אוניווערזיטעט, שטודירען אויף דאקטאר...

בנימין דערצעהלט און דערצעהלט, און אלע שטעהען און לאזען נישט אראפ פון איהם קיין אויג, און טראכטען זיך: „אט דאס זאל טאקי זיין בנימין? יענער באָרוויסער בנימטשיק, וואס האט זיך געוואלגערט אין בית־המדרש?... אכט קארבען א חודש... אכט קלאסען... א זיידענע פאטשיילע... אוניווערזיטעט... דאק־טאר"...

גאט ווייסט, אויב עס האט נאך עמיצער געהאט אזא פריי־ליכען פסח, אזא געהויבענעם סדר, ווי עס האט געהאט ישראל דער שמש. מילא, פון וויין אויף ארבע־כוסות און פון פסח'יגען בראנפען, פון פיש און קניידלעך און פאלירטשיקעס, שמועסט מען ניט; איך רעד פון דער הגדה, וואס ישראל און בנימין האבען געזונגעןביידע איינם איבער דאס אנדערע — ס'איז געווען א מחיה צו הערען! אז ס'איז געקומען צו „רבי אליעזר אומר מנין שכל מכה ומכה...", האבען זיי זיך ביידע צעשאקעלט און גענומען א הויכען טאן, האט סימע, וואס איז געזעסען די גאנצע צייט און געקוקט אויף איהר טרייסט, אויף בנימינ'ען, מיט א מאל אנ־געהויבען מאכען פיסקעס אויף צו וויינען, האבען זיך אלע דריי שוועסטער, פעסיל און סאסיל און ברכה'צי, נישט געקאנט איינ־האלטען און האבען זיך צעלאכט, און אויף זיי קוקענדיג האבען אלע אנגעהויבען לאכען און סימע אויך — ס'איז שוין געווען א פסח ביי זיי, וואס זאלט איהר קלערען!

יום־טוב אין דער פריה, אז בנימין איז געקומען אין שוהל אריין, האט מען בעטראכט דאס „סטעדענטעל" מיט די זילבערנע

קנעפּ, ווי אַ ווילדע חיה. יונגלעך, קונדייסים, האָבען איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, געטייט מיט די פינגער און געלאַכט אין פּנים אריין. נאָר בנימין איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט'ן סדור'על און האָט געדאַווענט, און אַז ס'איז געקומען, אַז מע האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה (רב מאָניש דער גבאי האָט צוליעב געטהאָן ישראל דעם שמש און האָט געשענקט זיין זוהן איין עליה), און בנימין האָט געמאַכט די ברכה הויך אויף אַ קול מיט'ן יום־טוב'דיגען ניגון, איז אין שוהל געוואָרען אַ הורהאַ: „וואָס זאָגט איהר אויף אונזער ישראל'ס זוהנדעל!"

פאַר'ן ארויסגעהן פון שוהל האָט דער נגיד פון שטעדטעל, רב הערש, אַ זאָג געטהאָן צום שמש, ער זאָל איהם צופיהרען זיין זוהנדעל.

— ישראל! — האָט געזאָגט רב הערש צום שמש ברייטליך, ווי אַ נגיד בעדאַרף צו זאָגען בשעת ער רעדט מיט אַ קלענערען פון זיך, האַלט זיך בשעת מעשה ביי'ם זיידענעם גאַרטעל, קוקט נישט גלייך אין די אויגען אריין און רעדט מיט אַ צווייענדיג הוסטעל פונ'ם האַלז און פון דער נאָז. — ישראל! אַנו, קום נאָר אהער, המ... המ... מיט דיין זוהנדעל; לאָם איך איהם... המ... המ... אויך אָנקוקען!

דערהערט, אַז רב הערש וויל רעדען מיט ישראל דעם שמש'ס „סטעדענטעל", האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטהאָן האָרכען, וואָס וועט מיט איהם עפּיס רעדען דער נגיד און וואָס וועט ער איהם ענטפערען. בנימין איז צוגעגאַנגען צו רב הערשען, ווי צו זיינעם אַ גלייכען, גאָר נישט געשעמט זיך, איהם אָפּגעגעבען שלום, ווי איין אַלטער, און רב הערש האָט אַ קוק געטהאָן אויף בנימינ'ען פון אויבען אַראָפּ, נישט געוואוסט, ווי אַזוי זאָל ער מיט איהם רעדען: זאָל ער איהם זאָגען „איהר" — אַזאַ וועוורדיק? צופיעל כבוד פאַר'ן שמש'ס זוהנדעל! זאָגען איהם „דו" — איז עפּיס אויך נישט אַזוי, פאַרט אַ „סטעדענטעל" מיט קנעפּ, אַ גאַנץ פּריצ'על...

איז רב הערש געפאלען אויף איין עצה און האט מיט איהם אָנ־געהויבען רעדען גאר בלשון נסתר: „וואס מאכט מען? ווען קומט מען? ווען פאהרט מען צוריק?" בנימין האט ארויסגע־שטעלט דעם רעכטען פּוּס אויף צו־פריהער, איין האנד האט ער אריינגעלעגט אין בוזעם און מיט דער אנדערער האט ער געשטשי־פעט די אויבערשטע ליפּ, אפגעענטפערט אויף איטליכס ווארט גייציג, גאר נישט אנגעהויבען צו שעמען זיך אפילו! רב הערשען איז דאס יא געפעלען און נישט געפעלען: „נישט קיין נאריש בחור'על, נאר, דאכט זיך, איין עזות־פּנים א גרויסער"... אזוי טראכט זיך רב הערש און לאזט זיך אריין מיט בנימינ'ען אין א ברייטען שמועס אריין מכח קלאסען, וויפיעל איז פאראן קלא־סען? און צו וואס בעדארף מען דאס דוקא אכט קלאסען? פאר וואס נים קיין נייען קלאסען? און וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביז'ן אנדערען קלאס?... „אויף דער טאבליצע אזא שענער איד — און אזא בחמה!"... אזוי טראכט זיך בנימין און גיט איהם צו פערשטעהן דעם שכל, וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביז'ן אנדערען. רב הערשען שטעהט ניט אן די מעשה, וואס אזא שנעק גיט איהם צו פערשטעהן דאס, וואס ס'איז נישטא גאר צו פערשטעהן, מאכט ער צו איהם:

— מילא בקצור, דאס פארשטעהט א מינדסט קינד. אבער פאר וואס איז דער שכל פון אכט קלאסען, ניט קיין נייען?

— ווארום ווען סע זאל זיין נייען קלאסען, וואלט איהר גע־פרעגט, פאר וואס עפּיס דוקא נייען קלאסען, ניט קיין צעהן?

אזוי ענטפערט איהם אפּ בנימין, און דער עולם צעלאכט זיך; נאר איין רב הערש לאכט נישט. ער קלערט זיך בשעת מעשה: „אָ, א רעכטער שייגעץ!" און טהוט א הוסטעל פונ'ם האלז און פון דער נאז: „המ... המ... צייט געהן אהיים... חמ... המ... מאכען קידוש"...

ווער עס האט ניט אנגעקוקט דעמאלט ישראל דעם שמש, וואס איז געשטאנען ביי דער זייט, געקוקט פון איינעם אויפ'ן

אנדערען און געשלונגען בנימינ׳ס ווערטער, דער האָט ניט געזעהען קיין גליקליכען מענשען קיינמאָל אויף זיין לעבען. ער האָט גע־ווארט ביז רב הערש וועט שוין אָפּלאָזען זיין זוהן און ער וועט קאָנען געהן מיט איהם אהיים; דאָרט קוקט מען שוין אַרויס אויף איהם, די מאַמע מיט אַלע דריי שוועסטער; אויפ׳ן טיש ליגען שוין אָנגעגרייט מסתמא די שענע מצות און אין אויוועו זידט אַ געשמאַקער באָרשט אַ פּסח׳ינער, און הייסע קניידלעך מיט שמאַלץ, און אפשר נאָך אַ טייגעכץ אויך... און אַז רב הערש האָט זיך אויסגעהוסט און איז געגאַנגען מיט זיינע מקורבים צו זיך אויף קידוש, האָט ישראל דער שמש פערבעטען צו זיך אויף קידוש זיין איין־און־איינציגען גוטען פריינד, זיין בעל־סוד, ירחמיאל־משה דעם מלמד, האָט איהם מכבד געווען מיט אַ גלע־זעל וויין פונ׳ם אמת׳ן ראָזינקעס־וויין, און סימע האָט זיך אויס־געפּיינט פאַר איהם מיט אַזעלכע מינים חרעמזלעך, וואָס ס׳איז שווער געווען צו זאָגען מבינות, וואָס ליגט אין זיי: צי מעהר האָניג, צי מעהר שמאַלץ, מחמת זיי זענען געווען אי געגנוג זיס, אי גענוג פעט, זיי האָבען זיך אַזש געקלעפּט צום גומען, און די שמאַלץ האָט גערונען איבער דער באָרד. ירחמיאל־משה, וואָס האָט געהאַט אַ טבע פון שווייגען און זיפצען, אַז ער האָט גענומען דאָס ערשטע גלעזעל וויין פונ׳ם אמת׳ען ראָזינקעס־וויין, האָט זיך איהם שוין אָנגעהויבען דרעהען דער קאָפּ און די צונג האָט זיך ביי איהם אויפגעבונדען, און ער איז מיט אַ מאָל געוואָרען בע־רעדעוודיג, האָט פערהערט בנימינ׳ען, צי ער געדענקט נאָך דעם חומש מיט רש״י, וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט מיט איהם אין חדר.

בנימין האָט געדענקט אי דעם חומש, אי די רש״י, און ישראל דעם שמש׳ס הארץ איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר תענוג.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? — האָט ער זיך אָנגערופען צום מלמד שוין אויף יענער זייט טהיר.

— א כּלי שלימה! — מאַכט צו איהם ירחמיאל־משה, נעמט־צונויף די ליפּען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָבער א איד, הא? — זאָגט צו איהם ווייטער דער שמש און קוקט איהם אין די אויגען אריין.

— מיט גאָט'ס הילף! — מאַכט ירחמיאל־משה.

— איאָ, א „וויגרישנע ביליעט", הא?

דערויף טהוט ירחמיאל־משה א מאַך מיט'ן קאָפּ, מיט די אויגען און מיט די הענד; ער מאַכט אזא מינע, וואָס ס'איז שווער צו פערשטעהן, וואָס ער מיינט; מע קאָן רעכענען אי אזוי, אי אזוי, יאָ א וויגרישנע ביליעט און ניט קיין וויגרישנע ביליעט. וואָס ווייסט א מענש?...

— א גוטען יום־טוב! — זאָגט ער און קושט נאָך א מאָל די מזוזה. — גאָט זאָל העלפען דערלעבען איבער א יאָהר, און מע זאָל זיין געזונט און מע זאָל געהן איינער צום אַנדערען אויף שמחות, אין גיכען אויף א חתונה ביי אייערע טעכטער, און נאָכ־דעם, אם ירצה השם, ביי אייער זוהן, און אידען זאָלען אויס־געלייזט ווערען פון אַלע צרות, און מע זאָל הערען בשורות טובות ישועות ונחמות אויפ'ן כּלל אידען, וואָרום ס'איז שוין צייט גאָט זאָל עפּיס רחמנות האָבען, אידען זאָלען עפּיס אויפגערעכט ווערען, און ס'זאָל זיך פאַרבעסערען אין די פּרנסות, און ס'זאָל גלאַט עפּיס ווערען גוט אויף דער וועלט און פריילין אויפ'ן הארצען, און ס'זאָל זיין... ס'זאָל ווערען... ס'זאָל... ס'זאָל... ס'זאָל...

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייסט שוין אַליין ניט וואָס ס'זאָל זיין און וואָס ס'זאָל ווערען. ער האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגעשאָטען אַלסדינג, וואָס ער האָט געהאַט. איז ער געבליבען שטעהן גיט אהין ניט אהער; ווי אזוי געהט מען אוועק גלאַט אזוי, אין מיטען דרינען, אָהן א זיי־געזונד? א גליק, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט:

— און ס'זאָל... קומען משיח!

— אָמן! — האָט איהם געענטפערט ישראל דער שמש און אין הארצען ביי זיך האָט ער געטראכט: לאָז פריהער מיין בנימין ענדיגען דאָקטאָר און נאָכדעם לאָז קומען משיח...

ד.

ווי לעבעדיג און ווי פריילוך עס איז געווען ביי ישראל דעם שמש אין שטוב בשעת בנימין איז אָנגעקומען, אזוי איז דאָרטען געווען אומעטיג און טרויעריג ביי זיין אוועקפאָהרען צוריק אין דער גרויסער שטאָדט אריין. וויינען האָט קיינער נישט געוויינט, נאָר ס'איז גלאָט געווען איטליכען בעזונדער אָנגעזאָלעט אויפ'ן הארצען, ווי צו א לויה חלילה. סימע האָט זיך אפילו א פאָר מאָל יאָ א נעם געטהאָן צום פארטוך, האָט ישראל, וואָס אלע אין שטוב האָבען געציטערט פאר איהם און געהאט דרך־ארץ, געגעבען אויף איהר אזא קוק, אז זי האָט פערשטאנען, אז מע דארף נישט וויינען. ישראל האָט געוואָלט, ס'זאָל דוקא זיין פריילוך, האָט ער פריהער בעוואָהרענט, אָנגעזאָגט דעם ווייב און אלע דריי טעכטער, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען לאָזען א טרער. נאָר אז בנימין האָט זיך אָנגעהויבען קושען און ס'איז געקומען צו דער מאמען, האָט סימע ארויסגעלאָזט עפּיס א מאָד־נעם קוויטש פונ'ם האלז און איז פערשטאָרבען געוואָרען אויף בנימינ'ס האלז; דעמאָלט האָבען זיך אלע דריי שוועסטער גע־נומען שנייצען די נעזער, מחמת זיי האָבען דערפיהלט, אז ביי זיי אויף די ברעמען טאנצען טרערען און אין האלז איז ביי זיי געוואָרען מיט א מאָל שרעקליך ענג... נאָר איין ישראל האָט זיך געהאלטען, ווי א מענש; ער האָט ניט אויפגעהערט צו לאכען פון דער „ווייבעריי" מיט זייערע „וואָלוועלע טרערען", האָטש אליין האָט ער געפיהלט, ווי טויזענד קעץ גראבלען איהם מיט די נעגעל ביי דער נשמה, און ס'איז איהם אָפּגעגאנגען א מינוט ער־

זאָל זיך צעוויינען. נאָר אַ מאַנסביל איז פאַרט אַ מאַנסביל; ער האָט זיך מיישב געווען און האָט גאָר אָנגעהויבען ווערטלען זיך, חאָטש עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַרומטאַנצען הין און צוריק, ווי אַ משוגע׳נער, געהאָלפען בנימינ׳ען זיך אָנטהון, געמאַכט חוזק פון די זילבערנע קנעפּ מיט דער פּאַדקע וואָס פון הינטען, און סוף כל סוף, נאָך אַלע ווערטלעך זאָגען מיט׳ן אַרומטאַנצען, האָט ער אויסגעזעהען, ווי אַ מענש, וואָס האַלט ביי אַרויסרייסען זיך אַ צאָהן.

נאָך איין נשמה איז געווען פערצאָרענט און שטאַרק טרויעריג פון בנימינ׳ס צוועקפאָהרען, חאָטש יענע נשמה האָט זיך אָנגעזעהרט מיט איהם אַ ווילד־פרעמדע. דאָס איז געווען פייגה־לאה דער שכנה׳ס טעכטערל מינצי מיט די שוואַרצע אויגעלעך, מיט׳ן געדיכטען שוואַרצען צאָפּ און מיט׳ן רויטען סטיינגעלע. וואָס פאַר אַ מחותנת׳טע איז דאָ געווען מינצי? וואָס האָט זיך אָנגעזעהרט מיט איהר בנימין, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען איהם בעגלייטען אַזש אין דרויסען אַרויס, געשטאַנען צונויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן האַרצען און געזיפצט? און וואָס האָט בעדייט דאָס קוקען, וואָס זיי האָבען זיך ביידע אַזוי געקוקט אין די אויגען אַריין? ווען האָבען זיי צייט געהאַט צו בעקענען זיך, אַז אַ גאַנץ פּסח איז בנימין געווען אין געפּענגעניש ביי זיינע דריי שוועסטער, וואָס האָבען איהם נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין מינוט? נאָר אויך די אייגענע מעשה, ווער קאָן דאָס ערוב זיין פאַר אַ בחור מיט אַ מיידעל, אַז זיי זיצען־אָפּ אַ פּאָר וואָכען אונטער איין דאַך און עס ציהט זיי איינס צו דאָס אַנדערע, ווי אַ מאַגנעט? אפשר האָבען זיי זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ פּאָר ווערטער און זיך נאָך אַ קוועטש געטהאָן די האַנד אויך — ווער קאָן דאָס וויסען?... אפשר האָבען זיי זיך בעגעגענט פאַרנאַכטליך אין הויז ערגיץ אין אַ ווינקעלע און האָבען זיך אין דער פינסטער שטילערהייד צעקושט — איך וויים? למאי זאָל איך זאָגען אַזעלכעס, וואָס איך האָב נישט געזעהען מיט די אויגען?... אַ קונץ נעמען און אויס־

טראכטען פונ׳ם קאָפּ גלאַט אַ בבא־מעשה? מילא בנימין — גאָרנישט; ער וועט זיך אוועקפאָהרען צוריק אין דער גימנאַזיע און וועט פערגעסען דעם זיי־געזונד; אָבער מינצי? מינצי איז אַ מיידעל צו לייטען, און אַ שען מיידעל דערצו! זי בעדאַרף חתונה האָבען, איהר קאָן דאָס חלילה שאָדען צום שידוך!... אודאי וואָלט געוועןאַ גרויסער יושר, אַז דער ראָמאַן זאָל זיך נישט ענדיגען אַזוי גיך, אַז די ליעבע צווישען זיי זאָל ברענען ווי אַ העליש פייער, אַז עס זאָלען געהן הין און צוריק פלאַמפייעריגע בריוולעך, אַז בנימין זאָל ענדיגען דאָקטאָר און קומען און פאַלען מינצי׳ן צו די פיס; אָדער לאָז ער נישט וואַרטען, ביז ער וועט אַמאָל ענדיגען דאָקטאָר, און באַלד ארויס׳גנב׳ענען מינצי׳ן דורכ׳ן פענסטער און אַנטלויפען מיט איהר קיין פאַריז, אַהין וואו עס לויפען אַלע העלדען פון אונזערע אידישע נאַטירליכע „העכסט־אינטערעסאַנטע” ראָמאַנען... אַי, וואָס וועלען זיי טהון אין פאַריז? זיי וועלען דאָך דאָרט פגר׳ען פאַר הונגער! אַ דאגה מיר — אודאי דאַרף איך געהן פערזאָרגען דעם תכלית פון ישראל דעם שמש׳ס זוהן מיט פייגה־לאה דער אַלמנה׳ס טאָכטער! וואָס איז? איך קאָן ניט בעשטעהן, אַז בנימין אָדער מינצי זאָל פּלוצים בעקומען עפּיס אַ צעהן מיליאָנשטיקלעך ירושה פון אַ רייכען פעטער, וואָס איז געוועןפריהער אַ באַנדיט און נאָכדעם אַ באַראָן, ווי אין אַלע „העכסט־אינטערעסאַנטע” ראָמאַנען? צי איך קאָן ניט אויספיהרען, אַז בנימין אַליין זאָל געפעלען ווערען אין פאַריז און זאָל ווערען פּרעזידענט? אָדער אין מינצי׳ן זאָל זיך פערליעבען אַ פּרינץ (וואָס מאַכט אייך אויס וואָסער פּרינץ? קאַרג פּרינצען פאַרהאַנען אויף דער וועלט — טאַטעניו!), און זי זאָל פערלייקענען פאַר איהם, אַז זי איז אַ כלה פאַר׳ן פּרעזידענט, דאָס הייסט פאַר בנימינ׳ען, און ער, דער פּרינץ הייסט דאָס, זאָל זי אָפּגילטען פון קאָפּ ביז פיס, און אַז עס קומט צו דער חופּה, וואַכסט־אויס בנימין, געוויינטליך פערמאַסקירט, מיט נאָך צוויי באַנדיטען, און גנב׳עט־אַוועק די כלה פון אונטער דער חופּה און

אנטלויפט מיט איהר קיין לאָנדאָן — און געה לאָד מיך! יענער, דער פּרינץ, איז אָבער אויך נישט קיין פּראָמאַך, יאָגט ער זיי נאָך מיט אַ געזונדען פאָלק זשאַנדאַרמען און וויל זיי חאַפּען; וואַרפט־אַראָפּ בגימין די מאַסקע, מע טהוט אַ קוק — שאַ, ס'איז גאָר דער פּרעזידענט פון פראַנקרייך! פאַלען זיי אין אָהנמאַכט, און מע טהוט פאַר איהם קניהען און בוקען, און מע פיהרט איהם מיט גרויס פּאַראַד קיין פּאַריז אינאיינעם מיט מינצי'ן, און פון דאָרטען פאָהרען זיי גלייך אהיים, אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און מיט ברילּיאַנטען, און קומען־אָן פּונקט אין דער צייט, ווען ישראל ליגט פאַר צרות און פאַר הונגער טוידט־קראַנק, סימע איז שוין לאַנג געשטאָרבען (סע שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, טאָמער שטאַרבט אַ אידינע אין אַ ראָמאַן!), אַלע דריי שוועסטער, פּעסיל און סאָסיל און ברכה'צי, שטעהען אויף די קניהעס ביי'ם טאַטענ'ס בעט און גיסען מיט טרערען, און פייגה־לאה די אלמנה ברעכט די הענד און בעוויינט איהר מינצי'ן מיט זודיגע טרערען.

— שוין באַלד אַ יאָהר — רופט זיך אָן צו איהר ישראל מיט זעהר אַ שוואַכער שטימע — שוין באַלד אַ יאָהר זינט אונ־זערע ליעבע קינדער זענען פאַרשוואונדען געוואָרען, און מיר הע־רען נישט אויף צו וויינען. מיין סימע נעבאך איז געשטאָרבען; איך שטאַרב אוועק און לאָז־איבער מיינע דריי טעכטער, ווי אויפ'ן וואַסער. וואָס וועט זיין פון זיי? גוואַלד, גאָטעניו, וואָס שווייגסט דו?!

פּלוצים עפענט זיך די טהיר, און עס פאַלען אַריין אין שטוב אַריין בגימין דער פּרעזידענט פון פראַנקרייך און מינצי די פּרינ־צעסין פון לאָנדאָן, אָנגעטהאָן בגדי־מלכות.

— ליעבער פאָטער!

— ליעבע מוטער!

— ליעבער ברודער!

— ליעבע שוועסטער!

— טהייערע טאָכטער!

— וואו זענט איהר געוועזען אזוי לאנג?
— אין פאריז און אין לאנדאן.
— וואס איז ביי אייך דארטען אין די זעק און אין די טשע־מאדאנקעס?
— גאלד! סאמע אימפריאלען! דאס האבען מיר אייך גע־בראכט א מתנה... יא, איהר ווייסט, אז אונז קומט מזל־טוב?
— וואס איז דען?
— מיר זענען דאך חתן־כלה!
— אויב אזוי, קומט דאך אונז אלעמען מזל־טוב!
— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!!!

. . . .

אזוי וואלט איך געטהאן, ווען איך זאל שרייבען א נאטיר־ליכען „העכסט־אינטערעסאנטען ראמאן". נאר איך דערצעהל גלאט א מעשה פון איין ארעם־בחור, וואס האט זיך אוועקגעלאזט נישט קיין פאריז און נישט קיין לאנדאן, נאר גלאט אזוי אין א גרוי־סער שטאדט אריין זיך לערנען, — האבען מיר נישט נויטיג אויסצו־טראכטען פונ'ם קאפ נסים ונפלאות, וואס נישט געשטויגען נישט געפלויגען, און דערצעהלען בעסער די מעשה וואס איז געווען.

ה.

דריי יאהר זענען איבערגעגאנגען פון יענעם גליקליכען פסח, וואס מיר האבען בעשריבען. א סך וואסערען זענען אפגעלאפען, א סך צרות זענען אויסגעשטאנען ישראל דער שמש דא און זיין זוהן בנימין דארטען; א סך נעכט איז ניט געשלאפען ישראל דער שמש דא און בנימין זיין זוהן דארטען; ישראל דער שמש איז ניט געשלאפען קיין נעכט, ווייל ער האט איבערגעטראכט און גע־האט יסורים פון זיין בנימינ'ען, וואס ער האט געוועט נעבאך אזוי

שטאַרק, און בנימין איז ניט געשלאָפֿען קיין נעכט, ווייל ער האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען.

„גאָט זאָל מיר העלפֿען, איך זאָל שוין אַריבערשפּרינגען דעם עקזאַמען, — אַזוי האָט בנימין געשריבען אַהיים — וועל איך דער־מאָלט קומען צו פֿאָהרען צו אייך, מיינע ליעבע און געטרייע, אויף אַ גאַנצען זומער זיך אויסרוהען די ביינער!"...

און ישראל דער שמש האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער בשורה פֿונ'ם „עקזאַמענט", ווי מע קוקט אַרויס אויף משיח'ן. איהם האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז בנימין קומט צו פֿאָהרען אַ פֿאַר־טיגער דאָקטאָר, אַ גרויסער דאָקטאָר; די גאַנצע שטאָדט לויפֿט זיך צונויף אָנקוקען „ישראל דעם שמש'ס דאָקטאָר"; מע שלאָגט איהם אָפּ די טהירען, דער מיט אַזאַ בקשה און דער מיט אַזאַ בקשה; איטליכער זוכט זיך אַ צד; אפילו הענזעל דער איינ־בינדער, אַ שלים־מזל מיט אַ קרום פּיסעל, — אַז ער געהט שפּרינגט ער אונטער, — איז אויך געקומען צו שפּרינגען.

— וואָס ביזט דו דאָ פֿאַר אַ רב שמעלקע, האַ? — פֿרעגט איהם ישראל.

הענזעל דער איינבינדער, געגוג ער הינקט־אונטער אויף אַ פֿוס, רעדט ער נאָך שעפּיליאַווע אויך, קאָן ניט אויסרעדען קיין רי"ש.

— סטייטש, יב ישיאָל, איך בין דאָך אייעיעי איין אייגענעי קיוב.

— וואָס פֿאַר אַ קרוב ביזט דו? — פֿרעגט איהם ישראל, חאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ קרוב, אפילו אַ ווייט־ליכער, נאָר פֿאָרט אַ קרוב.

— מיין עלטעי־פֿעטעי יאָובן און אייעי סימע'ס מוהמע ייזעל זענען געוועזן אייגענע שוועסטעי און בידעי.

— אוֹדאי קעהרסט דו זיך אָן מיט מיין זוהן אַ קנעפּעל! — זאָגט צו איהם ישראל. נאָר הענזעל דער איינבינדער מאַכט אַזאַ קרום פּנים, אַז ער האָט אויף איהם רחמנות און לאָזט איהם צו.

— נו? — פרעגט איהם ישראל ביי'ם ארויסגעהן פון בנימינ'ען. — וואס הערט זיך, שלים־מזל?

— הונדערט און צוואנציג יאהר זאלט איהר לעבען! — ענט־פערט איהם הענזעל, האלט א זשמענע מיט געלד, שפרינגט אויפ'ן פיסעל און דאס פנים פלאמט איהם און שוויצט אזש.

— די משפחה דיינע! — זאגט ישראל צו סימען מיט א שטאך און בעוויזט איהר מיט די אויגען אויפ'ן שלים־מזל הענ־זעל דעם איינבינדער.

— נעבאך א גרויסער אביון! — פערענטפערט איהם סימע.

— דערימאך איז וואס? קארג ארעמע לייט פארהאן אין שטאדט?... — אזוי זאגט ישראל, נאר מיינען מיינט ער עפיס אנדערש; ער האט מורא, אז מע וועט אזוי שלעפען ביי זיין זוהן כסדר, וועט מען איהם מאכען פאר א קבצן.

— גענוג! — זאגט ישראל און שליסט צו די טהיר. — גענוג אייך שוין צו געהן אויף־און־אפ! לאזט איהם אפרוהען זיך האטש א ביסעל פונ'ם וועג!...

ישראל דער שמש איז אין זיינע לופטיגע גילדענע מחשבות פערגאנגען אזוי וויט, אז ער האט אנגעהויבען מאנקירען מיט דער שטעלע; ס'איז איהם נמאס געווארען דאס שמשות, זיין איטליכען א משרת, אויסשטעהן יעדענ'ס קאפריז, טראגען אויפ'ן קאפ איט־ליכענ'ס יאהר־צייט, חנפה'נען איטליכען בעזונדער, יוצא זיין פאר, קיין עין־הרע, אזא עולם מיט אידען, וואס אלע ווילען דוקא דעם אויבען־אן אין מזרח, אלע ווילען דוקא שישי, אלע ווילען דוקא דעם ערשטען פסוק פון „אתה־הראית"! און אז די גבאים צווישען זיך קריעגען זיך, איז ווער דאס כפרה־היתהנדעל? דער שמש! אז צוויי נגידית'טעם אין שוהל צעאמפערען זיך איבער'ן אתרוג, וואס מע האט צו איינער געשיקט פריהער ווי צו דער אנדערער, איז וועמען פליהט דעמאלט אין טאטען אריין? — דעם שמש! ווער הארעוועט מעהר פון אלע? ווער קומט אחיים שבת און יום־טוב שפעטער פון אלעמען? ווער זעצט זיך צום טיש דעמאלט, ווען אלע

שלאָפען שוין ? אַלץ דער שמש — אַז אַך און וועה איז איהם ! און טאָמער ווייסט איהר, וואָס האָט ער דערפון ? צרות האָט ער דערפון, מיט עגמת־נפש, מיינע שונאים, מיט בזיונות, מיט גריזאַ־טע, אַז קיין שכירות נעמט ער ניט, בלייבט נאָר די הכנסה, דאָס וואָס עס מאַכט ; איז ווי באַלד עס מאַכט זיך, מאַכט דאָס, און אַז עס מאַכט זיך ניט, מאַכט דאָס מכות...

— ישראל ! וועסט מוחל זיין אַ לויף טהון צו מיר אַהיים. — אַזוי האָט איהם אין יענער צייט אַ זאָג געטהאָן איינמאָל רב הערש דער נגיד און האָט זיך בשעת מעשה געגלעט דאָס בייכעל און גע־געבען אַלע מאָל אַ צווייענדיג הוסטעל. — טהו אַ שפרונג אויף איין פוס צו מיר אַהיים, זיי מוחל, און המ... המ... זאָג מיין שרה'ן, אַז ביי מיר אונטער'ן קישען המ... המ... האָב איך איבערגעלאָזט די שליסעלעך ; טאָמער וועט זי זיי זוכען, זאָל זי וויסען המ... המ... וואו זיי צו זוכען.

ישראל דער שמש איז געוואָהנט געוואָרען שטעהן פאַר רב הערש דעם נגיד, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל, און איידער ער לאָזט־אַרויס דאָס וואָרט „געה", לויפט ער שוין ; נאָר איצטיגס מאָל האָט זיך ישראל עפּיס נישט אַזוי געהאַפּט און האָט געמור־קעט אונטער דער נאָז :

— שליסעלעך... טאַטענ'ס משרת... לאָז מען געהן, אַז מע דאַרף... אַבי טרייבען יענעם ווי אַ הונט...

— וואָס מורקעסט דו ? — פרעגט איהם רב הערש דער נגיד, וואָס איז ניט געוואָהנט געוואָרען צו אַזעלכע זאַכען.

— ווער מורקעט ווער ? איך מורקע דען ? גלאַט איך זאָג, לאָז מען געהן, אַז מע דאַרף... דאָס הייסט, איך געה, אַטאַ געה איך... אַטאַ...

ישראל לאָזט זיך לויפען מכח די שליסעלעך און שעלט בשעת מעשה רב הערש דעם נגיד מיט אַלע נגידים, זיי זאָלען געהן כפּ־הקלע. לאָז נאָר גאָט העלפען זומער, אַז ס'וועט קומען צו פאָהרען זיין זוהן — שלאָגט ער מיט זיי אַלעמען כפרות !...

ז.

נאַט האָט געהאַלפען, דער זומער איז געקומען, נאָר בנימין איז נישט געקומען. און בריעף האָט ער אויך אָנגעהויבען שיקען נישט אַזוי אָפט, ווי פריהער, און די בריעף אַליין זענען עפּיס אויך געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ קירצער, אַלץ אומעטיגער. ער האָט נאָר מודיע געווען, אַז דעמאָלט און דעמאָלט בעדאַרף זיין ביי איהם אַזאַ און אַזאַ עקזאַמען.

„דער דאָזיגער עקזאַמען — אַזוי האָט געשריבען בנימין אין זיין לעצטען בריעף — דאָס איז ביי מיר דער יום־הדין, וואָרום טאָמער פעהלט מיר, חס ושלום, איין זעכצעהנטעל, וועל איך נישט קאָנען אריין, און אַז איך וועל ניט אריין איצט, וועל איך מוזען בלייבען אויף איבער־אַ־יאָהר, און ווער ווייסט, וואָס וועט זיין איבער־אַ־יאָהר, טאָמער איז איבער־אַ־יאָהר נאָך ערגער? וואָס זשע וועל איך דעמאָלט טהון? וואָס וועט זיין ווייטער? אויף וואָס האָב איך בעדאַרפט אַזוי פיעל האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען? אַזוי פיעל לערנען, חזר'ען אויף אויסוועניג, הונגערען גאַנצע טעג, ניט שלאָפען קיין נעכט און פריהרען, ווי אַ הונד? נישט איך אַליין פרעג די דאָזיגע קשיא — עס זענען דאָ נאָך אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען פערבליבען נאָך פון פאַר־אַ־יאָהרען און קאָנען נישט אריין, ווייל סע פעהלט זיי צו דער נאָרמע, און אָט שפּרינגט־אונטער דער פּריזיוו, און אויפ'ן עקזאַמען שניידט מען — ס'איז שלעכט!... ביטער און פינסטער!"...

ישראל דער שמש איז ארומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס זענען עפּיס בנימין'ס בריוו־לעך געוואָרען מיט אַ מאָל אַזוי אומעטיג? ער האָט געבעטען ירחמיאל־משה דעם מלמד, ער זאָל שרייבען בנימין'ען, וואָס איז דאָס פאַר נאָרמעס, און וואָס הייסט „עס פעהלט אַ זעכצעהנטעל"? מע מעסט דען ביי'ם עקזאַמען אויך מיט אַ מאָס, אַזוי ווי ביי'ם פּריזיוו? און וואָס הייסט „מע שניידט ביי'ם עקזאַמען"? ווער

שניידט? פאר וואס שניידט מען? הכלל, ער זאל איהם ארויס־שרייבען אלסדינג באריכות, און זאל נאר ניט זארגען, ער זאל זיך פערלאזען אויף דעם וואס לעבט אייביג, ער קאן אלץ, און דער עיקר, ער זאל זיין א איד, וועט אלסדינג, אם ירצה השם, זיין גוט...

אויף דעם דאזיגען בריעף און אויף אלע איבעריגע בריעף האט שוין אבער ישראל דער שמש מעהר קיין ענטפער נישט בעקומען. ישראל איז נישט געוואחנט געווארען, אז פון בנימינ'ען זאל אזא צייט קיין בריעף ניט זיין. ער האט אזוי לאנג איהם געשריבען און געשריבען, ביז ער האט אויפגעהערט צו שרייבען. ס'איז איהם גע־ווען א בזיון פאר ירחמיאל־משה דעם מלמד...

— וואס קאן עס זיין, וואס ס'איז ניטא קיין בריעף אזוי לאנג? — פרעגט סימע ביי ישראל'ען און בעקומט פון איהם א פסק, ווי געוויינטליך.

— כשר'ע בהמה! ער האט מעהר ניט וואס צו טהון, נאר שרייבען בריוולעך? ווארט־אויס א ביסעל, לאז ער אפגעבען דעם „אקזאמענט״, וועט ער דיר דעמאלט שרייבען!...

בעקומען איהרם, טרעט סימע אפ, ווי א הונד בשעת ער חנפה'ט זיך צו צום בעל־הבית, דרעהט מיט'ן ווידעל און בעקומט א „פשאל־וואן!״

ישראל איז ארומגעגאנגען מיט א געשוואלען הארץ און מיט א שווער געמיטה; ער האט זיך גאר קיין ארט ניט געקאנט געפי־נען. וואס זיין קאפ האט איבערגעקלעהרט אין דער צייט — זאל קיין פאטער נישט וויסען, און די חלומות, וואס ער האט געזעהן ביינאכט, זענען געווען מורא'דיגע, שרעקליכע חלומות. איינמאל חלומ'ט זיך איהם, אז ער פאהרט צו־גאסט צו זיין זוהן אינאיינעם מיט סימען. געפאהרען־געפאהרען, איבער בערג, איבער טהאלען, וואלד־איין וואלד־אויס. געקומען צו פאהרען צו א גרויסען פאר־לאץ, פרעגט ער: „דא זיצט ריטעלמאן דער דאקטאר?״ זאגט מען: „זיצען זיצט ער דא, נאר מע קאן איהם ניט זעהן״. פרעגט ער: „פאר וואס?״ זאגט מען איהם: „דערפאר, ווייל מע לאזט

קיינעם ניט צו". רופט זיך אָפּ ישראל: „גערט זאָגט איהם, זייט מוחל, אז דער טאַטע איז געקומען". „און די מאַמע" — רופט זיך אָן סימע. „אַט האָסט דו דיר, ס'קאַצעל קומט, זי איז אויך דאָ אין מיטען!" — זאָגט צו איהר ישראל. און אַזוי ווי זיי רעדען, דער־זעהט ער פון דער וויטען אַ „ידנעראַל מיט פּאַליעטען"; ער וואָלט געמעגט שווערען, אז ס'איז בנימין. ישראל לאָזט זיך געהן, און סימע נאָך איהם, נאָר וויפיעל זיי געהען, קאָנען זיי צו איהם ניט גרייכען. „גיכער אַ ביסעל! זעה־נאָר, ווי זי שלעפּט זיך? נו, ריהר זיך! ריהר זיך!" — שרייט ער צו סימען, און ביידע לאָ־זען זיי זיך לויפען, לויפען מיט אַלע כחות, און ישראל הערט נישט אויף צו שרייען אויף סימען: „גיכער! גיכער! שלעפּט זיך ווי אַ טשערעפּאַחע! סימע, פאַרברענט זאָלסט דו ניט ווערען!!"...

— גאָט איז מיט דיר, וואָס שרייסט דו? — זאָגט צו איהם סימע און טאָרעט איהם פונ'ם שלאָף. ישראל חאַפּט זיך אויף, שטעלט־אויס אַ פּאָר אויגען, שפּייט־אויס דריי מאָל, קעהרט זיך איי־בער אויף דער אַנדערער זייט, ווערד אַנשלאָפען און זעהט אַ נייעם חלום, נאָך איין ערגערען ווי פריהער: אַ שוואַרצע חופּה... שוואַר־צע ליכט... אַ שוואַרצע מטה... עמיצער שטעהט מיט איין אָפּ־צווייגגע און וויל איהם אַרויסרייסען אַ צאָהן. לאָזט ער זיך ניט, באַרעט זיך. דערהערט ער בנימינ'ס קול:

— טאַטע!... טאַטע!... ס'איז פון דיין טובה וועגען...

. . . .

ז.

פון לעמעל דעם סטאַראָסטאַ האָט איהר געהערט אַמאָל? צי איהר הערט דאָס ערשטע מאָל לעמעל'ס נאָמען? ווי קומט דאָס? ער איז דאָך אַ איד, וואָס האָט אַ שם אומעדום. אַ חוץ וואָס ער איז אַ סטאַראָסטע אין אופראַווע און אַ קאַכלעפעל און

פיהרט דאָס גאַנצע שטעדטעל ביי דער נאָז, איז ער אַ גאַנצער מאַכער דאָרט אין דער „גובערניע", אויסגעבונדען מיט אַלע גרעס־טע. אַז ער קומט צו פאָהרען אין דער „גובערניע", זאָגט ער, ווייסט ער ניט, וואוהין ער זאָל געהן פריהער; איטליכער, זאָגט ער, שלעפּט איהם צו זיך: „פּאַני לעמעל! גאָספּאָדין לעמעל! רב לעמעל!" — סע טהוט זיך! אַלע מאָל, ווען ער קומט צו פאָהרען פון דער „גובערניע", מוז ער ברענגען עפּיס אַ נייעס, וואָס זאָל זיין נאָכדעם אויף דריי חדשים צו רעדען: אַ גרויסען אַנזעץ פון דריי מאָל הונדערט טויזענד, אַ מורא'דיגע שרפה, וואָס פינף און זיעבעציג נפשות זענען פערברענט געוואָרען, אָדער אַ שרעקליכע הריגה אין מיטען שטאָדט, וואָס די האָר שטעלען זיך קאפּויר. און חאָטש ביי לעמלען זענען די אַנזעצען אַ ביסעל צו אָפט, די שרפות מיט די הריגות כמעט אַלע וואָך, פון דעסט־וועגען איז קיינעם ביז אַהער נישט איינגעפאַלען, ער זאָל זיך אַנידערשטעלען דערויף. אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט; למאי די גאַזעטען? די גאַזעטען מעגען? איהר דאַרפט נאָך געדענקען מן הסתם די שרעקליכע מעשה, וואָס איז געוועזען בעשריבען אַנומעלטען אויף אַלע גאַזעטען. פערלאָפען האָט זיך דאָס אין ביאַליסטאָק, אין ריגאַ אָדער אין זשיטאָמיר — איך געדענק שוין ניט אַקוראַט. אַזוי איז געוועזען די מעשה: איינמאָל איז געזעסען אַ פרוי מיט אַ זויגעדיג קינד אויף די הענד. פּלוצים צעוויינט זיך דאָס קינד. וויל די פרוי דעם קינד געבען זויגען און צעשפּיליעט זיך. שפּרינגט־אַרויף אַ שלאַנג צו איהר אויפ'ן שוים און חאַפּט די ברוסט אין מויל אריין און לאָזט ניט אַרויס שוין באַלד דריי מעת־לעת. אַלע דאָקטוירים מיט די גרעסטע פּראָפעסאָרען קומען צו פאָהרען און פאָהרען אַוועק. זיי ווייסען ניט וואָס צו טהון: אָפּרייסען די שלאַנג מיט גוואַלד — האָבען זיי מורא, טאָמער לאָזט זי דעם גיפט, איז די פרוי אַ פערפאַלענע; לאָזען זי זאָל זויגען — וועט זי פון איהר אַרויסציהען דאָס דם־התמצית! וואָס דער סוף וועט זיין — וועלען מיר מסתמא מודיע

זיין אונזערע לעזער... אזוי לאָזען־אויס די גאַזעטען, און שוין מעהר אַז דריי יאָהר שרייבען מיר אויס און לייענען די גאַזעטען און ווייסען נישט עד היום דעם סוף פון דער שרעקליכער מעשה, און וואָס מאַכט די אומגליקליכע פרוי נעבאך? רעכענען, אַז די שלאַנג זויגט נאָך — איז עפּיס נישט צו גלויבען, עס קומט אויס אביסעל חוץ לדרך הטבע; און ווידער, אַז די פרוי זאָל האָבען געשטאָרבען — וואָלטען דאָך די גאַזעטען געשריבען. לכן מוזען מיר אָנקומען דערצו, אַז ס'איז נישט קיין פרוי, נישט קיין ברוסט און נישט קיין שלאַנג. וואָס דען איז דאָס? אַפּנים, אַ ליגען!

אָדער נישט לאַנג האָבען מיר געלייענט אויף די גאַזעטען אַזאַ מעשה: אין אַ קליין שטעדטעל (דאַכט זיך, אין באָברויסק) איז געוועזן אַ אידישע חתונה. די כלי־זמר האָבען געשפּיעלט. די מחותנים האָבען געטאַנצט. די סאַרוועדס מיט די סאַרוועדקעס זענען אַרומגעלאָפען פערטאַרעראַמט, ווי געוויינטליך אַ חתונה. פּלוצים זאָגט די כלה, ס'איז איהר נישט גוט, און לעגט זיך צו אויף אַ ווייל־עטשקע. און אַזוי ווי זי האָט זיך צוגעלעגט, אַזוי איז זי אַנשלאָפען געוואָרען. די כלי־זמר שפּיעלען, די מחותנים טאַנצען, די סאַרוועדס מיט די סאַרוועדקעס לויפען־אַרום פער־טאַרעראַמט — די כלה שלאָפט. מע האָט שוין אָפּגעשפּיעלט, אָפּגעטאַנצט, אָפּגעגעבען די גילדערנע יויך — די כלה שלאָפט. דער עולם איז זיך צעגאַנגען אהיים, מע פערלעשט די ליכט — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף אין דער פריה — די כלה שלאָפט. מע לעגט זיך שלאָפען — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף — די כלה שלאָפט. הקיצור, ס'איז שוין דריי וואָכען נאָך דער חתונה — און די כלה שלאָפט! „וואָס מיט איהר איז געשעהען, וועלען מיר מסתמא באַלד געבען צו וויסען אונזערע לעזער"... סע פערשטעהט זיך, שוין דאָס אַנדערע יאָהר אַז מיר שרייבען אויס נאָר דאָס דאָזיגע בלאַט, מיר האָבען מורא, טאָמער האַפּט זיך אויף די כלה און מיר וועלען אפילו ניט וויסען ווער ס'האָט אונז געשלייערט — עס איז אָבער אַרויסגעוואָרפען די טרחה;

אלע טאָג, אז עס קומט אָן דאָס בלאַט, איז דאָס ערשטע פרעגט מיך מיין ווייב:

— וואָס הערט זיך מיט דער באָברויסקער כלה?

— נישטאָ גאָרנישט. די משמעות, אז זי שלאָפט נאָך. — אזוי ענטפער איך מיין ווייב, און ביי זיך אין הארצען טראַכט איך מיר: „אוי־וועה, איך האָב מורא, אויב די גאַנצע מעשה איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, שקר וכזב?"...

אזוי איז מיט אונזער לעמלען אויך. דער חילוק איז נאָר, וואָס די גאַזעטען, אז עס מאַכט זיך, זיי האַקען אריין אמאָל א ליגען, טהוען זיי דאָס מיט א מיין — זיי מיינען געלד; און אונזער לעמעל דער סטאַראָסטע איז גלאַט א שקרן און א פּלאַפּ־לער. היינט שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר א יום־טוב ס'איז גע־ווען פאַר אונזער סטאַראָסטע, אז ס'איז אָנגעקומען פּלוצים אין דער אופּראַווע פון דער „גובערניע" א פּאַפּיער, מע זאָל אויס־שליסען פונ'ם אידישען קהל בנימינ'ען, דעם זוהן פון ישראל ריטעלמאַן, מחמת ער האָט אָנגענומען איין אנדער גלויבען...

לעמעל דער סטאַראָסטע, אז ער האָט נאָר איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיער, האָט ער פערגעסען אַלע געשעפטען מיט דער או־פּראַווע, געחאַפּט דאָס פּאַפּיער און איז אוועקגעלאָפען אין גאַס אריין, זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, איינגערוימט איטליכען בע־זונדער א סוד אויפ'ן אויהער און צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט.

פאַרהאַן צייטען, וואָס מע קאָן זיי אָנרופען די „שטילשוויי־גענדיגע טעג". דער הימעל איז לויטער, קיין שפּרינקעלע, קיין ווינטעלע, שאַ־שטיל ארום און ארום; אַלע שלאָפען, ווי אויסגע־שטאָרבען די גאַנצע שטאָדט, — פּלוצים, מע ווייסט ניט פון וואַנען, עס פאַלט־אראָפּ א באָמבע און רייסט־אויף די גאַנצע וועלט. אַלע חאַפּען זיך אויף און לאָזען זיך לויפען: „הא? וואָס? וואו? וואָס איז געשעהען?" — עס ווערד לעבעדיג, פריילעך אין שטעדטעל.

די מעשה מיט ישראל דעם שמש׳ס זוהנדעל איז געווען יעגע באַמבע, וואָס האָט אויפגעריסען דאָס גאַנצע שטעדטעל און אויפגעוועקט אַלע אידען. איטליכער בעזונדער איז געווען אַזוי צעקאָכט און אויפגעטראָגען פון דער מעשה, גלייך ווי ס׳איז איהם נוגע אין נפש אָדער אין פּרנסה, גלייך ווי עס געהט איהם מעהר נישט אָפּ, נאָר דאָס. אַ סך האָבען אַוועקגעוואָרפען דאָס געשעפט, דאָס עסען אין מיטען, און אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק „הערען וואָס הערט זיך?״ אַרום רב הערש דעם נגיד׳ס שטוב זענען געשטאַנען גאַנצע רעדלעך מענשען, און רב הערש אַליין איז געשטאַנען אין אַ חאַלאַט און אין דער יאַרמעלקע בײ׳ם גאַניק פון שטוב, אַרומגערינגעלט מיט זיינע מקורבים און מיט גלאַט אידען ווילד־פרעמדע, וואָס חנפה׳נען און לעקען איהם, טאָמער וועט דערפון עפּיס אַרויס אַמאָל אַ שטיקעל טובה, אַ קשיה אויף אַ מעשה?... רב הערש דרשה׳ט, און די לעקערס פאַרטאַקעווען איהם:

— מסתמא! וואָס דען? זיי זענען ניט גערעכט? זיי זענען זעהר גערעכט!

— אַ שמש, אַ פאַרך, אַ קבצן — וויל ער זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט! — זאָגט רב הערש מיט זיין צווייענדיג הוסטעל. — המ... המ... אַ דאָקטאָר האָט זיך איהם גאָר פאַרוואָלט מאַכען פון זיין זוהנדעל! און אַז ער וואָלט זיין אַ שמש ווי דער טאַטע, צי, חלילה, אַ מלמד, ווייס איך ניט, וואָס ס׳וואָלט געווען! איך וואָלט אַ בעלן זיין הערען, וואָס זאָגט דער שמש אונזערער אַצינד? צי ער ווייסט נאָך ניט פון דער בשורה, המ... המ...? עפּיס זעהט מען איהם ניט, דעם שלים־מזל. וואו קאָן ער זיין?

עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך ניט געפוילט געהן אין שוהל אַריין און צום שמש אהיים — און האָבען ישראל׳ען נישט געקאָנט געפינען אין ערגיץ.

ח.

די וואָס זענען געוואָהנט געוואָרען צו די „העכסט־אינטערע־סאַנטע ראָמאַנען" וואָלטען אַ בעלן געווען, אַז ישראל דער שמש זאָל זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, אָדער ער זאָל לויפען צום טייך זיך טרינקען, אָדער ער זאָל אַרויף אין בית־מדרש אויפ'ן בוידעם און זיך אויפהענגען אויף די באַנטענעס, ווייב און קינדער זאָלען יאָמערען און קלאָגען, די שטאָדט זאָל זיך וויעגען, קאָכען ווי אין אַ קעסעל — הכלל, עס זאָל דונערען און בליצען! עס קאָן זיין, אַז איצטיגס מאָל וואָלט איך זיי צוליעב געטהאָן. נאָר וואָס קאָן איך מאַכען, אַז ישראל דער שמש ווייסט נאָך גאָר נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום? דעמאָלט, ווען די גאַנצע שטאָדט האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן „פּאַפּיער", איז גאָר ישראל גע־זעסען ביי זיין איין־און־איינציגען גוטען פריינד און בעל־סוד ירחמיאל־משה דעם מלמד. אין דער אייגענער צייט, וואָס ס'איז אָנגעקומען אין דער אופּראַווע דאָס געוויסע „פּאַפּיער", האָט ישראל דער שמש אָפּגענומען פון דער פּאָסט אַ גאַנצען פּאַקעט, וואָס איז איהם אָנגעקומען פון זיין זוהן. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ גרויסען, אַזאַ לאַנגען בריעף נישט געהאַט פון בנימין'ען — אַ גאַנצע מגילה! דורכגעלייענט מיט גרוים מיה אַ פּאָר בלעטלעך און ניט פערשטאַנען כמעט איין וואָרט, איז ער אַוועק צו ירחמיאל־משה דעם מלמד.

— ס'איז דאָ! — האָט ישראל אויסגעשריגען נאָך פון דער טהיר מיט אַ שמחה.

— אַ בריוועל פון אייער זוהן?

— נאָך אַ מין בריוועל, אויף דריי בויגעלעך פּאַפּיער!

דערהערט דריי בויגעלעך פּאַפּיער, האָט דער מלמד אוועק־געלעגט שער־און־אייזען, און די תלמידים האָבען זיך דערווייל מחיה געווען. אַ קלייניגקייט, מע וועט קאָנען שפּיעלען דערווייל אין „פּאַטשערלעך" און אין „טרעפּעניש", און גלאַט אַזוי זיך

אָפּרוהען פונ׳ם חומש איז אויך עפּיס ווערטה! ירחמיאל־משה האָט אָנגעטהאָן די בעקאַנטע ברילען אויף דער נאָז און האָט זיך גע־נומען לייענען דעם בריעף בקול רם און מיט אַ ניגון. נאָר כל זמן עס האָט זיך געלייענט, האָט זיך געלייענט; וואָס ווייטער־ווייטער האָט ער אָנגעהויבען אַ ביסעלע זיך פּעראיקען און אָפּשטעלען זיך, ווי מע געהט אויף שטיינער, ווייל ס׳איז אָוועקגעגאַנגען האַרבע עברי, מאָדנע ווערטער, אַזעלכע, וואָס ער האָט זיי אויף זיין לע־בען אין ערגיץ ניט בעגעגענט. ער האָט אַלע מינוט צורעכט געמאַכט די בריל אויף דער נאָז, צוגעטראָגען דאָס בריוועל נע־הענטער צום פּענסטער, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און געקייעט די ווערטער:

— המ... המ... עפּיס מלאכים־שפּראַך... נאַציע, מאַנציפּאַ־ציע... פּצפּציה... לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע!

ישראל איז געזעסען, געזעסען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנד ביי׳ם עק טיש, געקוקט, געקוקט ירחמיאל־משה׳ן אין מויל אריין, זיך צוגעהערט מיט מח צו איטליכם וואָרט, געוואָלט חאַפּען דעם רעכטען געדאַנק — און ניט געקאָנט בשום אופן. ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס בעדייט דאָס, וואָס בנימין פּלוצים פּערענטפּערט זיך און שווערט זיך מיט שבועות, אַז ער איז דער אייגענער מענש וואָס פריהער, אדרבה, נאָך מיט מעהר ליעב־שאַפט און נאָך מיט מעהר געטריישאַפט... ישראל האָט ניט גע־קאָנט פּערשטעהן, פּאַר וואָס זאָל ער איצטער ניט זיין דער אייגע־נער וואָס פריהער? און וואָס בעדייט דאָס דאָזיגע, וואָס ער בעט פון איהם, ער זאָל איהם מוחל זיין? וואָס זאָל ער איהם מוחל זיין?... „עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, שרייבט ער, ער האָט געגוג געמוטשעט זיך, ווייל ער ווייסט, זאָגט ער, גאַנץ גוט, וואָס פּאַר אַ וועהטיג ער טהוט־אָן זיינע עלטערען; נאָר דאָס שלאָגען זיך פון קינדוויוז אָן צו דער ליכטיגקייט, דאָס רייסען זיך צו דער וויסענשאַפט איז ביי איהם אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט גובר געווען".

דאָ דערמאָנט זיך ישׂראל אינ'ם חלום, וואָס סע האָט זיך איהם גע'חלומ'ט, און עס טהוט איהם אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, ווי אַ מענש, וואָס דערמאָנט זיך, אַז מע בּעדאַרף איהם מאַכען איין אָפּעראַציע... ער טהוט זיך אַ חאַפּ:

— וואָס? וואָס? נאָך אַ מאָל, לייענט נאָך אַ מאָל, וואָס שרייבּט ער וואָס?...

ירחמיאל־משה טהוט אַ רוק די בּרילען אַרויף און וויל לייענען נאָך אַ מאָל, פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין...

בּתיה־הינדע די רביצין, ירחמיאל־משה'ס ווייב, אַ אידינע ניט אַזאַ גראָבּע ווי אַ הויכע, און ניט אַזאַ שענע ווי אַ געלע, מיט אַ גרויסען קאָשעק פוג'ם מאַרק. אין קאָשעק האָט זיך געפונען פון כל טוב: קאַרטאָפּלעס, און ציבּעלעס, און צוויי שוואַרצע רעטאַכער, און אַ שטיקעל לונג־און־לעבּער, וואָס זי האָט קוים אויסגעוויינט בּיי שמחה־ליב דעם קצב, מחמת לונג־און־לעבּער איז אַזאַ סחורה, וואָס אויף דעם איז, בּרוך השם, פאַרהאַן תמיד הונדערט בּעלנים; ווייבּער שלאָגען זיך איבּער דעם אין מאַרק, ווי, להבדיל, אין שוהל די מאַנסבּילען איבּער „אתה־הראית", — און ס'איז גאָר קיין חידוש ניט: אַז קאָסטען קאָסט דאָס וואָל־וועל, און קיין בּיינער האָט דאָס ניט. דאָס אַז מע קאָכט מיט קאַרטאָפּלעס און מיט ציבּעלעס און מיט גענוג פעפער און סע דושעט זיך גוט איין און ס'איז מאָסטקע — איז דאָך עס טעם גן־עדן!...

אַריינגעקומען און דערזעהען דעם שמש זיצען בּיי'ם טיש מיט איהר מאַן און לייענען, האָט בּתיה־הינדע אַ קוק געטהאָן אויף זיי בּיידען און געוואָלט זעהען, צי דער שלים־מזל ווייסט שוין, צי ניין? נאָר פון זייערע פּנימ'ער האָט זי נישט געקאָנט אַרויסזעהען גאָרניט, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם קאָשעק און אַ וואונק געטהאָן צו איהר מאַן, בּשעת מעשה זיך אַ וויש געטהאָן; מיט דער האַנד איבּער'ן פּנים פון אונטען אַרויף.

— חמיל־משה, קום־נאָ אהע!? — האָט זי איהם אַ זאָג געטהאָן. ירחמיאל־משה האָט זיך געשטויסען, אַז בתיה־הינדע וויל איהם מסתמא עפּיס זאָגען, האָט ער אויסגעטהאָן די ברילען און האָט זיך ארויסגעחאַפּט אויף אַ מינוט אין הויז ארויס, און דאָרט, אויף יענער זייט טהיר, איז פאָרגעקומען צווישען מאַן און ווייב שטילערהייד, אונטער פיער אויגען, אזא מין געשפּרעך:

זי: ער ווייסט שוין?

ער: ווער?

זי: דער שלים־מזל.

ער: וואָסער שלים־מזל?

זי: דער שמש.

ער: פון וואָס?

זי: פונ'ם זוהן.

ער: פון וואָסער זוהן?

זי: פון בנימינ'ען.

ער: אז וואָס?

זי: די גאַנצע שטאָדט האָט צו טהון!

ער: מיט וועמען?

זי: מיט זיין זוהן.

ער: מיט וועמענ'ס זוהן?

זי: מיט'ן שמש'ס זוהן.

ער: אז וואָס?

זי: טפו זאָלסט דו ווערען!...

גאָט ווייסט, וויפיעל דאָס געשפּרעך וואָלט זיך נאָך געצויגען, ווען דער שמש אליין זאָל ניט געווען אונטערקומען אַ דערשראָ־קענער און אַ פרעג טהון:

— הא? וואָס? וואָס דערצעהלט איהר עפּיס? וואָס האָט איהר עפּיס געזאָגט בנימין — וואָס?

בתיה־הינדע האָט נישט געוואוסט, וואָס זאָל זי טהון, ווי אזוי דרעהט מען זיך דאָ אוים? למאי זאָל זי זיין דער שליח?

אמעהר, וועט זי איהם בעסער אָפּשיקען גלייך צו לעמעל דעם סטאראָסטע, לאָז ער זיך מיט איהם שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד.

— גאָר נישט, וויים איך! — מאַכט בתיה־הינדע און ווישט זיך דאָס פּנים מיט דער האַנד אַרויף. — עפּיס אַ פּאַפּיער, זאָגט מען, איז אָנגעקומען מכח אייער זוהן.

— וואָסער אַ פּאַפּיער? — פרעגט ישראל, טוידט ווי די לעהם.

— אין דער אופּראַווע דאַרטען. — זאָגט בתיה־הינדע.

— וואָסער אופּראַווע?

— צום סטאראָסטע.

— מכח וואָס?

— לעמעל, הייסט דאָס.

— אז וואָס?

— אייער בנימין, הייסט דאָס.

— וואָס בנימין? בנימין? — פרעגט שוין ישראל מיט כעס.

— איך וויים וואָס? פרעגט מיך בחרם! זייט זיך מטריח אהין, צו לעמלען הייסט דאָס, ער איז איצטער אין מארק, לעמעל הייסט דאָס, מיט׳ן פּאַפּיער.

„פּאַפּיער... לעמעל... אופּראַווע... בנימין... די גאַנצע שטאָדט... וואָס זאָל דאָס בעדייטען?״ — טראַכט זיך ישראל, און ער פיהלט, אז עס פלאַמט איהם אַ באַק און עס פייפט איהם אין אויהער. ער רוקט־אָן דאָס היטעל, בויגט זיך איין אין דרייען און לאָזט זיך געהן.

ט.

פאַרהאַן מענשען, וואָס האָבען ליעב אָנקוקען יענעם בשעת אומגליק, אריינקוקען יענעם גלייך אין פּנים אריין דוקא בשעת ער וויינט, נאָכקוקען יענעם, ווי אזוי ער געהט נאָך דער לויה, זיך

צוקוקען, ווי יענער ברעכט די הענד, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד, וכדומה. איך האַלט נישט פון אַזעלכע סצענעס. לאָז מען זאָגן וואָס מע וויל — איך האָב פיינט טרויעריגע בילדער. מיין מוזע טראָגט נישט קיין שוואַרצען שלייער אויפ'ן פּנים; מיין מוזע איז איין אָרעמע, נאָר אַ פריילּיכע... וואוהין האָט זיך געלאָזט לויפען ישראל דער שמש? מיט וועמען האָט ער זיך געזעהען? וואָס האָט ער געהערט? וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט גאָר נישט, איהר וועט דערפון קיין תענוג נישט האָבען. וואָס וועט אייך אַרויסקומען, אַשטייגער, אַז איהר וועט געוואָהר ווערען, אַז ס'איז פאַרהאַן מענשען, וואָס יענעמ'ס צרה איז ביי זיי נאָר אַ „נייעס", יענעמ'ס האַרץ איז אַ פּיעדעל, יענעמ'ס נערוועז זענען סטרונעס, יענעמ'ס וויינען איז אַ ניגון און יענעמ'ס נשמה — אַ שפּיעלעכעל? וואָס וועט אייך אַרויסקומען, למשל, אַז איהר וועט שוין געוואָהר ווערען, אַז עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען דערלעבט אַ נקמה אין ישראל דעם שמש, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגען טאָג ווי נאַכט מיט זיין „וויגרישנע ביליעט"?

— אַ מצוה! — האָט געזאָגט הנגיד רב הירש מיט זיין צוויייענדיג הוסטעל און געגלעט זיך בשעת מעשה דאָס בייכעל. — אַ מצוה! לאָז אַ קבצן המ... המ... ניט שפּרינגען אין פּנים אריין! דאָקטוירים גאָר, המ... המ...!

אַ סך האָבען, געוויינטליך, רחמנות געהאַט אויפ'ן שמש נעבאך. נאָר איך מיין, אַז עס בעדאַרף אייך זיין קענטליך דאָס וואָרט „נעבאך".

— לאָז אייך גאָט היטען פון אַ אידישער טובה און פון אַ אידישען „נעבאך", — אַזוי פלעגט זאָגען מיין באָבע מינדע עליה השלום — וואָרום פון אַ אידישער טובה קאָן הארט ווערען דער קאָפּ און פון אַ אידישען „נעבאך" — הייליק די צייחן...

ערשט אַרום פאַרנאַכטליך האָט זיך ישראל פערשלעפּט אַהיים, קוים אַ לעבעדיגער, שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אויס־

געטהאָן די שטיוועל, געריסען קריעה און האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שעה „שבעה”. דאָס אייגענע האָבען געטהאָן סימע און אַלע דריי טעכטער — פעסיל, סאָסיל און ברכה'צי, — געוויינטליך, גענוג געוויינט, גענוג געיאָמערט און גענוג געשלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנד, חאָטש זיי האָבען גענוג איינגעלעגט די וועלט נאָך פריהער, איידער ישראל איז געקומען.

שפּעטער, אַז ירחמיאל־משה דער מלמד איז געקומען זיי מנחם־אָבל זיין, האָט ער געטראָפען אַזאַ מין בילד: ישראל איז געזעסען בעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די קניהעס; סימע האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און געוויינט שטילערהייד, און פעסיל, סאָסיל מיט ברכה'צין זענען געזעסען מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און געקוקט מיט פערגליווערטע פּנימ'ער איטליכע אין איין אַנדער ווינקעל. דער וועהטיג מיט'ן בזיון איז פאַר זיי אַלעמען געווען, אַפּנים, אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען נישט געקאָנט קוקען איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַריין...

אַריינגעקומען איז ירחמיאל־משה שטיל, אָהן א גאָט־העלף, ווי געוויינטליך מע קומט אַריין צו איין אָבל, זיך אוועקגעזעצט פּאַוואָלינקע ביי דער זייט, אויף איין עק בענקעל, א זיפץ געטהאָן און שאַ — שטום ווי די וואַנד. שפּעטער א ביסעל — נאָך א זיפץ, און אַנשווייגען געוואָרען, און ווייטער א זיפץ, און ווידער אַנשווייגען געוואָרען. ערשט אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז עפּים נישט קיין תכלית זיצען אַזוי און שווייגען, מע בעדאַרף עפּים זאָגען א גוט וואָרט. נאָר וואָס זאָגט מען? מילא, נאָך א בר־מינן, אַז עס מאַכט זיך, חלילה, מע זיצט שבעה און מע קומט מנחם־אָבל זיין, געפינט זיך נאָך ווערטער: „ד' נתן ד' לקח”... אָדער: „א מענש איז, משטיינס געזאָגט, געגליכען צו א פליעג”... אָדער: „דער טוידט — דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס אויסדרעהען זיך דערפון קאָן מען ניט”... אָדער: „עט, חבל הבלים, גלויבט מיר, מיר וועלען אַלע שטאַרבען”... וכדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס שטאַרק פריילידך אויפ'ן

הארצען קאָן פון זיי ניט ווערען; נאָר דאָך איז דאָס אַ שטיקעל רפואה: מענשען רעדען־אויס דאָס הארץ, ווערד אַ ביסעל גרינ־גער. אָבער וואָס קאָן מען זאָגען דאָ, ביי אַזאַ מין „שבעה" זיצען נאָך אַ לעבעדיגען?... ירחמיאל־משה טהוט זיך אַ דרעה אויפ'ן בענקעל מיט אַ הוסטעל, וויל עפּיס אַ זאָג טהון, נאָר סע זאָגט זיך ניט. ער פּרובט זיך עטליכע מאָל, ביז קוים־קוים — ער האָט זיך צערעדט. און אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער נישט גע־קאָנט זיך אָפּשטעלען, נישט געוואוסט דורך וואַנען מע חאַפּט זיך אַרויס.

— טאַ, מילא, אויך די אייגענע מעשה. ס'איז דאָך נאָר, ווי זאָגט ער, אַ נסיון, מיין איך, פון גאָט, וואָרום אַלסדינג, הערט איהר, איז פון איהם, אָהן איהם טהוט זיך ניט קיין זאַך, אַ מינדסטען פינגער הויבט אַ מענטש נישט אויף פון אונטען ביז מע הייסט איהם נישט דאָרטען פון אויבען... ער איז, וואָס טויג מיר מעשיות, אַ רעכטער בעל־הבית, אוי, אַ בעל־הבית!... און איהם פאָלגט מען, נאָך אַ מין פאָלגען, אוי־אוי־אוי!... דערימאָך איז גערדונגען, איהר הערט, אַז עס באַדאַרף זיין אַזוי ווי עס איז. אַ סימן האָט איהר, עס זאָל באַדאַרפען זיין ניט אַזוי, וואָלט געווען ניט אַזוי, וואָרום ווער נויט דאָס איהם, ס'זאָל דוקא זיין אַזוי און ניט אַזוי? און אַז ער זאָל ווען, ס'זאָל זיין ניט אַזוי, וועט איהם עמיצער זאָגען אַ דעה: ניין, לאָז בעסער זיין ניט אַזוי, מיין איך, לאָז בעסער זיין אַזוי און ניט אַזוי?...

ירחמיאל־משה האָט געפיהלט, אַז ער הויבט עפּיס אָן צו רעדען אַזעלכעס, וואָס ס'איז ניטאָ וואָס צו הערען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אָנגעבויגען דעם קאָפּ אויף אַ זייט און אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ, און האָט ביי זיך גע'פּועל'ט, אַז מע בעדאַרף זיך אויפהויבען נעהן. נאָר ס'איז גרינג צו זאָגען „אויפהויבען זיך"; גנעה הויב זיך אויף, אַז מען איז צוגעקאָוועט צום בענקעל! נישטאָ, הערט איהר, קיין ערגע־רער וויזיט אויף דער וועלט, ווי מנחם־אָבל זיין. וויפיעל מאָל

מיר מאכט זיך קומען צו יענעם מנחם־אבל זיין, קאן איך קיינמאל נישט אויפהויבען זיך און אוועקגעהן אהן א זייט־געזונד. איך בעט גאט אלע מאל, עס זאל זיך עפּיס טרעפען א נס מן השמים: אדער דער וואס זיצט זאל אנשלאפען ווערען זיצענדיג, וועל איך מיך פּאוואלינקע אויף די שפּיץ פינגער ארויס'גנב'ען פון שטוב; אדער ס'זאל זיך מאכען עפּיס פּלוצים אין דרויסען א געשלעג, א שרפה, איין איינגעלויף, וועל איך מיך דערוויילקאנען ארויסחאפּען פון געפּענגניש... ירחמיאל־משה איז געזעסען נאך אביסעל, ביז ער האט א קוק געטהאן פריהער אויף דער סטעלי און נאכדעם אויף אלע פיער וועגד, געזוכט, אפּנים, א זייגער, און א זאג געטהאן צו זיך אליין:

— מע באדארף אנהויבען טראכטען מכח געהן... די ווייסע־חברה'ניקעם וועלען איבערקעהרען דעם חדר מיט דעם קאפּ אראפּ און מיט די פיס ארויף.

און נאך עטליכע מאל לאזענדיג זיך צו דער טהיר און אומקעהרענדיג זיך צוריק, האט ער קוים אריבערגעשפּאנט מיט איין פוס אויף יענער זייט שוועל, און ערשט דא האט ער זיך דערמאנט זיי אויסרעדען דאס הארץ, טרייסטען, זיי זאלען אויפהערען זארגען, ווארום גאט איז א פאטער, ער קאן... און ער האט זיי אנגעזאגט נאך א מאל, אז על־פּי דין, דאס הייסט, ווי דער מנהג איז, בעדארפען זיי זיצען נישט מעהר ווי א שעה, און טאמער, חלילה, א ביסעל מעהר, איז אויך אהן איין אומגליק, און אם ירצה השם, אויף דערנאכט נאך מעריב ווערט ער זיך אריינחאפּען נאך א מאל א ביסעל זיצען, און זארגען זיך זאלען זיי זיך ניט זארגען, מחמת גאט איז א פאטער, וואס ער קאן מאכען, קאן דאס קיין מענשען־פערשטאנד נישט משיג זיין... ובפרט זיי האבען קינדער, זאלען געזונד זיין, שוין דערוואכסענע, קיין עין־הרע...

די שעה איז איבערגעגאנגען, און ישראל מיט זיין הויזגעזינד זענען אויפגעשטאנען פון דער ערד שטיל, אהן ווערטער, אנגעטהאן די שיך און צעקראכען זיך איטליכער אין א בעזונדער

ווינקעל... ישראל (איך זאָל ניט מורא האָבען פאַר אַ גוזמא, וואָלט איך געזאָגט, אז ער האָט זיך אין דעם איינעם טאָג אַ רוק געטהאָן אויף צעהן יאָהר!) האָט אויף. דער גיך אָפּגעחאַפּט מנחה, זיך אָפּגעקלאָפּט תחנון, אויסגעשפּיגען „עלינו" און געלאָזט זיך געהן אין בית־המדרש אריין, ער זאָל חאָטש פערחאַפּען צו מעריב. דערווייל איז ער דאָך שמש, אַ פערקויפטער מענש, מוז ער זיין אויפ'ן אָרט. פּרנסה, הערט איהר, — אוי איז דאָס אַ סגולה, אַ מיטעל צו פערטרייבען אַלע זאָרגען, פערגעסען אַלע צרות!...

— וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייער „ווינגרישנע ביליעט"? — האָבען זיך געפּונען אַזעלכע לעדיגגעהערס, וואָס האָבען איהם אַ פרעג געטהאָן. — וואָס מאַכט עפּיס אייער זוהן?

— עליו השלום, וואו האָב איך אַ זוהן? — ענטפערט ישראל מיט אַ ביטער שמייכעל...

אין דעם דאָזיגען שמייכעל איז געלעגען אַזוי פיעל גאַל, אַז די לעדיגגעהערס איז אַזש געוואָרען איבער דער טבע, און זיי זענען אָפּגעטראָטען אויף אַ זייט. ס'איז געוועזען גענוג, מע זאָל איהם נאָר אַ קוק טהון אין פּנים אריין, אַז מע זאָל מיט איהם שוין מעהר ניט וועלען רעדען פון זיין זוהן.

* * *

וואָס איז געוועזען ווייטער? וואָס איז דער סוף מיט בנימינ'ען? צי האָט ער געשריבען נאָך בריעף? און וואָס האָט ער געשריבען? און צי האָט איהם דער פאָטער געענטפערט, צי ניין? און אַז ער האָט איהם געענטפערט — וואָס האָט ער איהם געענטפערט? — קוועטשט מיך ניט; אַצינד וועל איך אייך ניט זאָגען גאָרנישט. איך בין אייך נאָר מחויב צו זאָגען, אַז פאַר ישראל דעם שמש איז שוין נישט געוועזען מעהר קיין בנימין. געשטאָרבען בנימין. דער „ווינגרישנע ביליעט", דאָס לאָטעריי־צעטעל, איז פאַר ישראל דעם שמש אַרויס אין טיראַזש...

מיט'ן שטאָט

ערציעהלונג

געשריבען אין יאָהר 1903

מיט'ן עטאפ

קאפיטעל א.

המן איוואנאָוויטש פליסעצקי.

אזוי האָט מען גערופען דעם נייעם פּריסטאוו, וואָס איז אראָפּגעקומען קיין טעפליק. דאָס הייסט, דער אמת'ער נאָמען זיינער איז געווען גאָר אַ האַ מ ע מ נ אָ ן אַ פּ אָ נ ע ג ע נ אָ־וויטש, נאָר די טעפליקער אידען, וואָס האָבען ליעב צונעמע־נישען, האָבען איהם משנה־שם געווען איבער צוויי טעמים: ערש־טענס, איז המן איוואנאָוויטש אַ סך קירצער און אַ סך גרינגער אויסצורעדען; געהט, אשטייגער, נעמט־אָן אַ פולע מויל מיט צונג און רעד־אויס „אַ־האַ־מעמ־נאָן אַ־פּאָ־נע־גע־נאָ־וויטש"! דאָס איז נומער איינס. והשנית, זיינט טעפליק איז אַ שטאָדט, געדענקט מען נאָך ניט אַזאַ המן אַ פּריסטאוו, ווי דער דאָזיגער נייער פּריס־טאוו המן איוואנאָוויטש פליסעצקי. אין טעפליק זענען שוין גע־ווען אַלערליי פּריסטאוועס, אי גוטע, אי שלעכטע, אי נעמערס, אי נקי־כפּים'ניקעס, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס פשוט נעמען זיי ניט, סיידען אמאָל אונטער אַ יום־טוב „לשנה־טובה", וואָס רעכענט זיך ניט, אָדער אַ מתנה צום טאָג פון געבאָרען, און ווער זאָגט זיך אָפּ דערפון?... מיר זענען אַלע אמאָל געבאָרען געוואָרען, און דער טאָג פונ'ם געבאָרען איז ביי יעדען מענשען אַ יום־טוב, איינגעפיהרט

פון קדמונים, נאָך פון פּרעה מלך מצרים, ווי מיר ווייסען דאָס פון דער היילינער תורה, אז אינ'ם טאָג פון זיין געבאָרען האָט פּרעה געמאַכט א סעודה פאַר אלע זיינע קנעכט, דעם שר־המשקים ארויס־געלאָזט פון טורמע און דעם שר־האופים אויפגעהאָנגען אויף א בוים, אזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר־חלום געווען מיט דריי טאָג פריהער... אָנגעקומען קיין טעפּליק, האָט ער זיך, צום אלעם ערשטען, גענו־מען רייניגען דאָס שטעדטעל, נאָר רייניגען וואָס רייניגען הייסט. די טעפּליקער פערד־גנבים, וואָס האָבען א שם אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער אין איינע צוויי חדשים אויסגערויכערט, נישט גע־לאָזט פון זיי, איהר זאָלט זאָגען, איינעם אויף א רפואה. אויף וועמען ער האָט נאָר געהאַט א שטיקעל אויג, האָט ער איהם גע־פּאַקט, נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און אָפּגעשיקט מיט'ן עטאַפּ קיין הייסין אין טורמע אריין, — לאָז מען זיך מיט איהם דאָרטען רעכענען. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו די גאַסען און צו די אידען. די גאַסען האָט ער געוואָלט, מע זאָל האַלטען ריין, נישט וואַרפען קיין מיסט גלייך אין פּנים אריין, נישט גיסען קיין פּאַמעניצעס ביי דער טיר און נישט טהון קיין אַנדערע זאַכען וואָס ניט שען... און די אידען, האָט ער געוואָלט, זאָלען זונטאָג פאַר האַלבען טאָג ניט עפענען קיין קלייטען, מלמדים זאָלען ניט קנעלען אָהן שיינצעטלעך און קיין עירוב אין שטאָדט זאָל ניט זיין; מע וועט זיך בעגעהן, האָט ער געזאָגט, אָהן דעם דאָזיגען „טעלע־גראַף" אויך... און אפילו אין שוהל, טאָמער האָבען זיך אידען צעשלאָגען, צעצאַמפּערט פאַר „אתה־הראית", מכבד געווען איינס דאָס אַנדערע מיט פּעטש, האָט ער זיך אויך ליעב געהאַט אריינ־מישען. אָט אזא רשע איז דאָס געווען!

מילא, די קלייטען מע זאָל האַלטען צוגעמאַכט — האָט ער גע'פּועל'ט. אי, טאָמער ניט אזוי פּינקטליך ביז דוקא צוועלף א זייגער? — האָט ער זיך שוין געמאַכט ניט וויסענדיג, וואָרום ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער געטהאָן; נאָר זיין א שומר ביי די אידישע קלייטען, אַב־

טונג געבען, טאָמער עפּענט אויף א איד א האַלבע טיר — דאָס איז דאָך א זאַך וואָס אוממעגליך. זעהט איהר, מיט'ן עירוב האָט ער די ערשטע צייט יאָ געהאַט אביסעל צרות. אַלע פרייטאָג־צו־נאַכטס פלעגט מען דעם עירוב אָנציהען, און שבת אין דער פריה פלעגט ער איהם אראָפּרייסען, און אויף איבערמאָרגען שבת איז אויסגעוואַכסען א פרישער עירוב, און אזוי עטליכע מאָל כסדר. און וויפיעל ער האָט ניט נאָכגעקוקט דורך די שומרים, ווער סע ציהט אָן דעם עירוב, האָט ער ניט געקאָנט חאַפּען דעם גנב, ביז ער האָט זיך אַליין מיט זיין כבוד געמוזט איינמאָל בעהאַלטען אין דרויסען, אין א ווינקעלע, און איז אויסגעזעסען די גאַנצע נאַכט און געלאָקערט, און ערשט העט־העט אַרום פאַרטאָג האָט ער גע־פּאַקט פּייסי דעם שמש'ס יונגעל סאַמע ביי דער רעכטער אַרבייט, ווי ער פערדרעהט דאָס שטריקעל. האָט ער איהם אָנגענומען פאַר'ן לינקען אויהער און אָפּגעפיהרט איהם אין סטאַן אַריין און פערשפּאַרט אויף א גאַנצען טאָג אין „חדר". פון דעמאָלט־אָן איז טעפּליק געבליבען אָהן איין עירוב עד היום הזה, און דער עולם האָט אָנגעהויבען טראָגען אים שבת נאָזטיכלעך און זייגערס אויף וואָס די וועלט שטעהט.

נישט אזוי גרינג איז איהם אָנגעקומען די מלחמה, וואָס ער האָט געפיהרט מיט די מלמדים. די מלמדים האָבען איהם געטהאָן צום טוידט. אָט האָט ער געפּאַקט א מלמד מיט צוואַנציג תלמידים און צוגעמאַכט דעם חדר, און אָט האָט ער איהם געחאַפּט מיט די אייגענע תלמידים שוין אין איין אַנדער געסעל. צוגעמאַכט דעם דאָזיגען חדר אויך און געמאַכט א פּראָטאָקאָל, ער טהוט א קוק — אהא! ער האָט זיך פערקליבען ערגיץ אויף א בוידעם אין דער וויבערשער שוהל און פון דאָרטען זיך געלאָזט הערען מיט'ן גע־זאַנג פון זיינע צוואַנציג תלמידים — איין אומגליק מיט די אידי־שע קינדער! מע קאָן זיי גאָרנישט אָפּטרייבען פונ'ם לערנען! „ממה נפשך, האָסט דו זיך שוין פערקליבען אויף א בוידעם קנע־לען, טאָ זיץ דאָרטען און קנעל צעזעצטערהייד אין דער קרענק,

נאָר ליאַרעם ניט אזוי, לאָזען חאַטש מיינע אויהערען ניט הערען!״...
אזוי האָט געַ׳טענה׳ט פּליסעצקי מיט׳ן מלמד און האָט איהם גע־שוואָרען, אז טאָמער חאַפּט ער איהם נאָך אַ מאָל, שיקט ער איהם אַרויס פון טעפּליק אין פיער און צוואַנציג שעה. דער מלמד האָט די מעשה גאַנץ גוט אויסגעהערט און געטהאָן זיינס, אַראָפּגעלאָזט זיך פון דער ווייבערשער שוהל און אַראָפּגענידערט ערגיץ אין אַ קעלער און דאָרטען געקנעלט, און דוקא מיט אַ ניגון, מיט׳ן גע־וויסען מלמד׳ישען ניגון, וואָס אָהן איהם האָט דאָס אידישע לערנען פונקט אזא טעם, ווי דער קאַלטער קוגעל וואָס די הייגטיגע אַריס־טאָקראַטען אין די גרויסע שטעדט עסען אין דערוואָכען... המן איוואַנאָוויטש האָט אזוי לאַנג „געוואָיעוועט״ מיט די מלמדים, ביז ער האָט אַ שפּיי געטהאָן אויף זיי און האָט זיך געמאַכט כלא ידע...

קאַפּיטעל ב.

דער טעפּליקער נגיד שלום-בער טעפּ־ליקער פון טעפּליק.

מחמת אין טעפּליק זענען די איינוואָהנער, צום מייסטען, אידען, האָט דער נייער פּריסטאַוו געהאַט צו טהון כמעט נאָר מיט אידען, און ער האָט זיך אין אַ קורצער צייט בעקענט מיט אַלע טעפּליקער בעלי־בתים, געוואוסט יעדען איינציגען ביי׳ם נאָמען, געוואָהר געוואָרען ביי זיי אַלסדינג, די גרעסטע סודות, גערעדט מיט זיי האַלב אויף אידיש און גיך געוואָרען צוגעלאָזט, ווייך ווי וואַכס — אַ גוטער ברודער!

די נגידים, די פיינע־בריהם, די קאַכלעפלען, די וואָס האָבען ליעב געוועלטיגען, אז זיי האָבען דערזעהען, אז דאָס פּריצ׳על לאָזט זיך צו, האָבען זיי אָנגעהויבען זיך איינקויפען צו איהם תחילת

מיט א שטיקעל שבת'דיגע פיש („זשידיוווסקא ריבא"), א גלעזעל פסח'יגען בראנפען („פייסאחאווקא"), פערביסען מיט א שטיקעל אידישע מצה („זשידאווסקאיא מאצא"), און נאכדעם האבען זיי זיך שוין גענפרובט אונטערפאהרען צו איהם מיט א שמייכעלע — נתנ'ען איהם עפּיס אין יד אריין. האבען זיי אבער געחאפּט פונ'ם דאזיגען המן אזא מיאוס'ען פסק, אז זיי וועלען שוין פערזאגען קינדס-קינדער, אז מע זאל יענעם אין יד אריין קיין מעות נים נתנ'ען, איידער מע ווייסט איהם, ווער ער איז און וואס ער איז...

— טי דומאיעש, יאסקא, פאדשמיראוואט מעניא טוואאימי מעות'אמי, זנאטשיט טי גרויסער מאשעניק! א נעם איהם א חדר! *

די ווערטער „א נעם איהם א חדר" זענען ביי איהם תמיד געווען פארטיג אויף דער צונג, און געהייסען האט דאס איינזעצען, פערשפארען, אדער אפשיקען מיט'ן עטאפּ אין דער שטאדט אריין, קיין הייסין. און האט ער די דאזיגע ווערטער ארויסגעלאזט פונ'ם מויל, איז שוין געווען פערפאלען, כל מלכי מזרח ומערב האבען שוין דערצו נים געקאנט העלפען גארנים! אט אזא מין נפש איז דאס געווען! און דער גוטער יאהר זאל איהם וויסען — האט זיך אריינגעחאפּט צו איהם אין די הענד אריין איין ארעמאן, וואס האט נים מיט עפּיס צו געהן, האט דער דאזיגער רשע ארויסגענומען פון זיין אייגענער קעשענע א קערבעל אדער צוויי און געשענקט א נדבה, און א זאג געטהאן דערביי אויף זיין אויסגעמישט לשון:

— נא טיבע מילאסט חסד נא וועצאוועס**.

נאר אויף וויפיעל ער האט רחמנות געהאט אויף איין ארע־מאן, אזוי פיעל האט ער פיינט געהאט א נגיד. און ווער שמועסט

---

* דו רעכענסט, יאסי, מיך אונטערשמירען מיט געלד, איז א סימן, אז דו ביזט א שווינדלער, זעצט איהם איין! — ** נא דיר א גמילות־חסד אויף הוצאות.

א טעפּליקער נגיד, און ווער שמועסט נאָך דעם טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק — איהם האָט ער גאָרנישט גע־קאָנט סובל זיין און לאַנג־לאַנג געזוכט אויף איהם א חטא און נישט געקאָנט געפינען, ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט איהם געפּאַקט. ומעשה שהיה כך היה:

דער דאָזיגער שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, א חוץ וואָס ער איז געווען א איד א נגיד, איז ער געווען איין עקשן און א גדלן און א גרויסער בעל־נצחון. האָט זיך איהם עפּיס פערוואָלט א זאַך, און האָט ער זיך שוין איינגעשפּאַרט, איז געווען גרינגער געמען און אריבערטראָגען טעפּליק אויף איין אַנדער אָרט, איי־דער איבערשפּאַרען שלום־בערען. אז המן איוואַנאָוויטש האָט ארויסגעגעבען זיין בעפעהל, אז מע זאָל דאָס מיסט אין דרויסען ניט וואַרפען און די פּאַמעניצע ביי דער טיר נישט גיסען, האָט שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק געפרעגט א קשיא: „וועמענ'ס עסק איז דאָס? ס'איז מיין מיסט מיט מיין פּאַמעניצע, מעג איך מיר טהון מיט דעם וואָס איך וויל".

— רב שלום־בער, — האָט מען זיך געפּרובט איהם איבער־שפּאַרען — דער המן וועט דערזעהען די פּאַמעניצע, וועט זיך טהון חושך!

— מיט'ן קאַטער! — האָט דערויף געענטפערט שלום־בער, וואָס האָט פיינט געהאַט צו רעדען א סך ווערטער.

— רב שלום־בער, איהר וועט חאַפּען איין אַקט!

— זיעבען און זיעבעציג אַקטען!

— רב שלום־בער, מע וועט זיך, חלילה, אויסגליטשען נעבען אייער שטוב, און די שעה זאָל ניט זיין אויסברעכען א פוס.

— האַלז־און־נאַקען! — האָט שלום־בער געענטפערט און גע־הייסען, מע זאָל שיטען מיסט און גיסען פּאַמעניצעס אויף וואָס די וועלט שטעהט!

איז געקומען צו איהם פּליסעצקי מיט פּאָליציי און האָט איהם געמאַכט איין אַקט, האָט שלום־בער זיך אַנידערגעשטעלט מיט איהם אַ ביסעל אויס'טענה'נען גאַנץ ברייטליך, ווי אַ נגיד קאָן. האָט איהם פּליסעצקי געלאָזט בעטען, ער זאָל בעסער שווייגען, און בשעת מעשה געזאָגט איהם אַ פּאָר האַרבע ווערטער: „אידישע חוצפּה" („זשידאָווסקאָיע נאַחאַלסטוואָ"), „שווייג, דו אידישע צורה!" („מאָלטשי, זשידאָווסקאַיאַ ראָזשאַ"), וכדומה נאָך אַזעלכע מיִנים קאָמפּלימענטען. האָט דאָס אונזער נגיד פּערדראָסען, און ער האָט מכבד געווען דעם פּריסטאַוו מיט'ן נאָמען ה מ ן, געזאָגט איהם פּאַר עדות, אַז ער איז איין אמת'ער המן, אָט דער המן וואָס אין דער מגילה! — האָט מען דאָס פערצייכענט אין פּראָטאָקאָל און אונטערגעפיהרט אונטער אַזאַ „סטאַטיאַ", אַז מע האָט אונזער שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק פער'משפּט, מחילה, זיצען צוויי וואָכען — און עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום רבונו־של־עולם!

סע פערשטעהט זיך, אַז גאַנץ טעפּליק האָט זיך געוויעגט, געגאַנגען האָדאָראָם פון אַזאַ מעשה. סטייטש, מע האָט פער'משפּט דעם נגיד צוויי וואָכען טורמע! די גאַנצע שטאָדט איז אַרויס־געגאַנגען אָנקוקען, ווי מע פיהרט שלום־בער'ען אין „חדר" אַריין. סע איז נישט געבליבען, ווי מע זאָגט, קיין קינד אין וויעגעל, און שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, אַז מע האָט איהם דורכגע־פיהרט איבער'ן מאַרק אין „סטאַן" אַריין, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיין ווייב סטיסי־פּערעל די נגידית האָט זיך פּאַר בזיון בעהאַלטען אין דער היים, און דער גאַנצער עולם איז געשטאַ־נען, געקוקט און געשוויגען, אינווענינג אין האַרצען דוקא געווען צופריעדען: ערשטענס, אַ מצוה; לאָז אַ איד אַ נגיד ניט זיין ביי זיך אַזוי תקיף. און צווייטענס, האָט מען שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק גלאַט נישט ליעב געהאַט אין שטאָדט, דערפאַר וואָס ער איז געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ גרויסער „דבר־אחר", אַ קמצן, און זיין ווייב סטיסי־פּערעל האָט געזשאַלעוועט אַ אידען

א שטיקעל ברויט, חאָטש זיי זענען געווען, ווי מע זאָגט אין טעפּליק, „אָנגעשטאָפּט מיט געלד", און קיין קינדער האָבען זיי אויך ניט געהאַט. „ווען איך זאָל האָבען זייער געלד, — האָט זיך יעדער טעפּליקער געווינשעוועט און האָט באַלד געמאַכט א גרויסע הנחה — ווען איך האָב חאָטש האַלב, האָטש א דריט־חלק פון זיי, וואָלט די שטאָדט פון מיר א סך מעהר הנאה געהאַט!"... און עס קאָן זעהר זיין; נאָר אַזוי ווי אין טעפּליק האָט געהאַט געלד נאָר איין שלום־בער טעפּליקער און זיין ווייב סטיסי־פּערעל, און ווייטער קיינער ניט, האָט דערפון אין טעפּליק קיינער קיין הנאה נישט געהאַט: ניט די שטאָדט, ניט שלום־בער דער גביר, ניט זיין ווייב די נגידית. און אפשר האָבען די צוויי יאָ געהאַט הנאה פון דעם? עס ווענדט זיך, וואָס ביי אייך ווערד אָנגערופען „הנאה"? ביי די טעפּליקער אידען ווערד אָנגערופען „הנאה", אז איהר פערנעמט אומעדום דעם אויבען־אָן, סיי אין שוהל, סיי אויף איין אסיפה, סיי אויף א שמחה; אז איטליכער טראָגט אייך אַקעגען דעם גוט־שבת, דעם גוט־יום־טוב, דעם גוט־מאָרגען; אז בשעת איהר רעדט, שווייגט מען, און וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, איז דאָס א חכמה. הנאה הייסט, אז איין מאָל אין יאָהר שמחת־תורה קומט זיך צונויף דער גאַנצער עולם צום נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק בלומרשט אויף „פּראַקעס", ער זיצט כמלך בגדוד אויבען־אָן און הייסט דעם עולם נעמען צו ביסלעך בראָנפען, און סטיסי־פּערעל די נגידית קוקט אין די גלעזלעך אריין... מע זינגט א ניגון, און מע חאַפּט א טענצעל, וכדומה אַזעלכע מינים פערגעניגען, וואָס אויב איהר זענט ניט קיין טעפּליקער, קאָנט איהר גאָרניט האָבען אין דעם קיין שום געפיהל. און גלאַט וואָס איז ווערטה דאָס, אז א מענש פיהלט, אז ער איז איינער, אז נאָר ער איז דער „עפּיס" — ער, און ווייטער קיינער?

אין טעפּליק איז געווען נאָר איין שלום־בער טעפּליקער; אין טעפּליק איז געווען נאָר איינער אזוינער, און ווייטער קיינער.

קאפיטעל ג.

א פריילעכער קבצן.

אין טעפליק זאָלען ניט זיין קיין מסירות און קיין מוסרים, דאָס הייסט, מענשען, וואָס געבען אכטונג איינס אויפס אנדערע, אז מע זאָל ניט מאכען קיין פערברעכען און קיין פאלשקייטען, — וואָלטען נייען און נייענציג חלקים עבירות פערבליבען אומבע־שטראָפט, און טעפליק וואָלט געווען פול מיט בעל־עבירה'ניקעס, ווי, להבדיל, סדום. נאָר מחמת אין טעפליק גיט מען שטארק אכטונג איינס אויפס אנדערע, און אז מע דערזעהט עפּיס איין עולה אויף יענעם, אָדער מע דערהערט, אָדער מע שמעקט־אָן, אָדער סע דאכט זיך נאָר אויס, אז יענער האָט געטהאָן איין עולה, נעמט מען און מע שרייבט אוועק „צו נאטשאלסטווע" עטליכע ווערטער: אזוי און אזוי איז די מעשה, טאָמער גלויבט איהר ניט, זייט זיך מטריח אהין און אהין — וועט איהר דאָרט געפינען דאָס און דאָס... אי, טאָמער לאָזט זיך נאָכדעם אויס א בוי־דעם — איז אויך אָהן איין אומגליק; קומען קומט דערפאַר גאָרניט, ווארום אונטערשרייבען דעם אייגענעם נאָמען איז ניט נויטיג, איהר קאָנט זיך חתמ'ענען פערשטעלט: אָדער „איש־אמת", אָדער א „גו־טער פריינד", אָדער א „פריינד פונ'ם דין", אָדער גאָר אָהן א שום חתימה מאכט אויך ניט אויס, אבי איהר זאָלט אנווייזען וואוהין מע זאָל געהן און וואָס מע זאָל זוכען... פליסעצקי האָט זיך, נישקשה, געמעגט בעריהמען, אז קיין שפּיאָנען בעדאַרף ער נישט האָבען, די טעפליקער בעלי־בתים זענען אליין גוטע שפּיאָנען.

נאָך אזא מין הקדמה וועט אייך שוין קיין חידוש ניט זיין, וואָס מע האָט איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען בעלאַגערט בערעל דעם רויטען מיט דעם קרומען פוס פונקט אין דער מינוט, ווען ער איז געזעסען אויף דער ערד, די פּאָלעס פון דער קאפּאָטע פער־קאַטשעט און אונטערגעשטעקט אין גאַרטעל אריין, איבער א גרוי־

סען בוטעל מיט ראָזינקעס־וויין און צעגאָסען איהם אין קליינע פלעשלעך, וואָס ער אַליין טאַקי פלעגט זיי נאָכדעם פּרייטאָג צע־טראָגען אויף קידוש, געשמאַק געקייעט מיט'ן מויל די פּראָבקעס און צוגעקלאַפּט פון אויבען מיט דער האַנד און שטאַרק געשוויצט. פּליסעצקי האָט פּאַוואָלינקע אויפגעעפענט די טהיר, בעטראַכט בע־דעל דעם רויטען, ווי געשמאַק ער ארבייט, געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אויף דער שוועל, זיך איבערגעקוקט מיט פּאָליציע, און אַז בערעל האָט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהען — המן איוואַנאָוויטש שטעהט ביי דער טהיר, איז ער אויפגעשטאַנען פון דער ערד, צו־געגאַנגען צו איהם מיט'ן קרומען פּוס, אַ קוק געטהאָן איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „דו וועסט מיך מסתמא שטראַפירען? שטראַפיר מיך, וואָס וועסט דו ביי מיר נעמען? דעם דלות?"

ווי קומט דאָס, וואָס אונזער בערעל איז געוועזען אזוי תקיף? ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שרעקען זיך. אמת, ער האָט געמאַכט פון ראָזינקעס וויין, צעגאָסען איהם אין פלעשלעך און צעטראָגען איהם צווישען בעקאַנטע אויף קידוש, און דערפון טאַקי געלעבט, נאָר אַז אָך און וועה איז געוועזען צום וויין און אַז אָך און וועה איז געוועזען צום לעבען! דער וויין איז ניט געוועזען קיין וויין, דאָס לעבען איז ניט געוועזען קיין לעבען; גאָרניט, אבי יוצא זיין, מאַכען אַ ברכה „בורא פּרי הגפן" — פּאַרט ניט קיין פּראָסטער בראָנפען, און אַ שטיקעל טהועכטס, אַ פּרנסה, איז דאָס פּאַרט, חאָטש האָבען האָט ער דערפון געהאַט, משטיינס געזאָגט, וואסער אויף חלה, נאָר אַלץ גלייכער ווי גאָרנישט... וועה־וועה, וויפיעל אידען זענען פאַרהאַן אין טעפּליק, וואָס טהוען גאָרנישט און פער־דיענען גאָרנישט און האָבען גאָרנישט, אָבער טאַקי לחלוטין גאָר־נישט!

און טאַקי אָט די דאָזיגע „גאָרנישטדיגע" אידען, וואָס טהוען גאָרנישט און פערדיענען גאָרנישט און האָבען גאָרנישט, האָבען זיך מתקנא געוועזען אין בערעל דעם רויטען, וואָס לעבט „ווי אַ

מאַגנאַט", האָט אַלע שבת פיש און פלייש, זאָגט מען, און קוילעטש אודאי, און קינדער אין חדר האַלט מען, און דעם אַ קליידעל מאַכט מען, און אַ ציעג אַיין אייגענע האָט מען — און אַלץ פונ'ם ביסעל ראַזינקעס, וואָס ער „פערקאַלעפּוטשעט" און מאַכט דערפון ווייַן אויף קידוש! האָט מען גענומען און מע האָט אָוועקגעשריבען פּלי־סעצקי'ן אַ בריעף מיט'ן געוויסען נוסח, וואָס הויבט זיך אָן בזו הלשון:

„אַזוי ווי מיר האָבען שטענדיג אין זינען נאָר קאַזנאַ מיט איהרע אינטערעסען, און אַזוי ווי פאַר דער קאַזנאַ איז דאָס געווים אַ גרויסער היזק טאָמער האַנדעלט איינער אָהן אַ פּאַטענט, און אַזוי ווי בערעל דער רויטער, אָז זשע בערקאָ קריוואַק, האַנדעלט מיט ווייַן אָהן אַ שום פּאַטענט שוין אַזוי פיעל יאָהרען, און אַזוי ווי ער אַליין, בערעל דער רויטער, אָז זשע בערקאָ קריוואַק, מאַכט איהם טאַקי מיט זיינע אייגענע הענד, און אַזוי ווי די רעכטע פאַבריקאַציע קומט־פאַר ביי בערעל דעם רויטען, אָז זשע בערקאָ קריוואַק, און אַזוי ווייטער".

דאָס תקיפות פון אַיין אָרעמאַן איז גאָר קיין קאַטאָוועס ניט: וואָס אָרעמער דער אָרעמאַן איז, איז ער ביי זיך מעהר תקיף, אַ סך מעהר תקיף ווי דער גרעסטער נגיד. איך האָב אַליין געהערט פון אַיין אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אויסגע'טענה'ט מיט'ן אַנדערען אָרעמאַן:

— וואָס גלייכסט דו זיך צו מיר, דו פאַרך איינער? דו פאַר־מאָגסט נאָך אַ פאָר גאַנצע שטיוועל מיט אַ שטיקעל פּאַלטאָ, און איך האָב דערויף אפילו קיין השגה ניט!

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ גרויסקייט, אַז ווען עס שטעהט דערביי רויטשילד, פאַלט ער אַראָפּ ביי זיך.

המן איוואַנאָוויטש האָט דערוייל בעטראַכט בערעל דעם רויטענ'ס אַפּאַרטאַמענטען, וואָס זענען בעשטאַנען פון דריי חדרים, דאָס הייסט, צוויי אַלקערס מיט אַ קיך, און אַלע דריי חדרים זענען געווען פערשטעלט מיט בעטלעך, און די בעטלעך זענען געווען

בעזעצט מיט קינדער, און די קינדער זענען געווען האלב-אנגעטהאן און האלב-נאקעט, דאס הייסט, פונ'ם האלז ביז'ן פופיק זענען זיי גע-ווען אנגעטהאן, און פונ'ם פופיק און ווייטער זענען זיי געווען נאקעט, און בארוויס אודאי. פאר דער דאזיגער האלב-נאקעטער און באר-וויסער חברה איז דער פריסטאוו געווען איין אנגעלעגטער פארשוין, וואס זיי האבען אזעלכס קיינמאל נישט געזעהען. זיי האבען זיך ניט געפוילט, אראפ פון די בעטלעך, פאוואלינקע זיך אונטערגע-גנב'עט צום פריץ און געקוקט איהם אין פנים אריין, בעטראכט די גילדענע קנעפ און א טאפ געטהאן דעם קוטאס פונ'ם שווערט, און פליסעצקי האט דערווייל געפיהרט א שמועס מיט בערעל דעם רויטען, וואס מיר געבען איהם דא איבער וואָרט ביי וואָרט:

פליסעצקי: ווערדליג מע שרייבט אויף דיר, באדארפסט דו פארדיענען שען געלט?

בערעל: נישט צו פארזינדיגען, הלואי ווייטער ניט ערגער, בעסער האט קיין שיעור ניט.

פליסעצקי: וואס זשע געהען ביי דיר די קינדער נאקעט און בארוויס?

בערעל: בכדי זיי זאלען בעסער וואכסען.

פליסעצקי: און מיט'ן געלט וואס טהוסט דו?

בערעל: איך טהו אזוי ווי די גמרא לעהרענט אונז.

פליסעצקי: די גמרא? ווי אזוי לעהרענט אייך די גמרא?

בערעל: די גמרא לעהרענט אונז טהיילען דאס געלט אויף דריי חלקים: א דריטעל אין דער ערד, א דריטעל אין מזומן, א דריטעל אין מסחר.

פליסעצקי: איך זעה ארויס, אז דו ביזט א גאנץ פריי-ליכער פארשוין.

בערעל: וואס האב איך צו זארגען? וואס פעהלט מיר און וואס האב איך? זאג מיר בעסער, אדוני פריץ, וואס שרייבען

דיר אויף מיר די אידען און וואָס קאָן מיר קומען נאָך דיין איצ־טיגען וויזיט?

פּליסעצקי: וועסט אַלסדינג וועלען וויסען, וועסט דו גיך אַלט ווערען. דו ווייז מיר נאָר אָקאָרשט אַלע דיינע שאַפעס. איך דאַרף ביי דיר נאָך עפּיס אַ זוך טהון, טאָמער וועל איך ביי דיר געפינען, אַ חוץ וויין, נאָך עפּיס גוטע זאַכען...

בערעל: אָך, מיט'ן גרעסטען כבוד! טאָמער געפינסט דו ערגיץ אַסיגנאַציעס, אָדער גאָלד, אָדער זילבער, איז יחדיו, חצי שלי וחצי שלך.

פּליסעצקי: ביזט מיר עפּיס צו פריילּיך, ווי איינער וואָס פאַר'ן טוידט.

בערעל: עס קאָן זיין, קיינער ווייסט ניט וועמענ'ס מאָר־גען, ווי אין דער גמרא ביי אונז שטעהט געשריבען: „זאָלסט תשובה טהון אַ טאָג פאַר'ן טוידט". און אַזוי ווי אַ מענטש ווייסט דאָך ניט, ווען דער מלאך־המות קאָן איהם אַ חאַפּ טהון פאַר'ן גאָרגעל, לכן...

דאָ האָט איהם דער פּריסטאַוו איבערגעשלאָגען די רעד, אַ רוף געטהאָן פּאָליציע פון דרויסען און געהייסען, מע זאָל איהם נעמען אין „חדר" אריין. דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז ביי בערלען פערקיהלט געוואָרען אינוועניג, און אין שטוב איז געוואָרען אַ געוויין, גלייך ווי מע וואָלט ארויסגעטראָגען אַ טוידטען.

סע פערשטעהט זיך, אַז באַלד איז מען אין שטעטיל געוואָהר געוואָרען פון דער מעשה פון איין עק שטאָדט ביז'ן אַנדערען, און מען איז צונויפגעלאָפען פון אַלע גאַסען זעהען, ווי מע פיהרט נאָך אַ אידען אין „חדר" אריין, מע ווייסט ניט פאַר וואָס. דאָס הייסט, פאַר וואָס — איז מען שוין געוואָהר געוואָרען; וואָס הייסט, מע וועט אין שטעטיל ניט געוואָהר ווערען? ובפרט מע האָט גע־זעהען, אַז המן איוואַנאָוויטש האָט געטראָגען אַ פלעשעל מיט וויין, וואָס בערעל מאַכט אויף צו פערקויפען אָהן אַ פּאַטענט. די זאַך איז נאָר — וואָס קאָן איהם דערפאַר קומען? שטראָף, צי טורמע?

אויף דערויף האָבען די טעפּליקער אידען זיך געשאַרפט די מוחות, און רחמנות געהאַט אויף בערעל דעם קבצן א סך מעהר, ווי אויף שלום־בער דעם נגיד, און נישט געקאָנט העלפען איהם דערצו גאָרניט, סיידען מיט א קרעכץ.

קאַפּיטעל ד.

נאָך א פּערברעכער.

המן איוואַנאָוויטש האָט דעם טאָג גענומען זיך צו די טעפּליקער אידען גאָר אויף איין אַנדער אופן. ער האָט דעם אייגענעם טאָג געפּאַקט נאָך א אידען, אַזעלכען, וואָס האָט, אייגענטליך, גאָרניט פערזינדיגט, נאָר ס'איז אַזוי געווען די מעשה: ס'איז געווען אין טעפּליק א בעהעלפער, העניך דער בחור. האָט דער דאָזיגער העניך געהאַט איין עלטערען ברודער דוד־ליב. האָט דער דוד־ליב בעדאַרפט שטעהן היינטיגס יאָהר צום פּריזיוו און האָט געוואָלט האָבען א לגאָטע, ווייל זיין אַנדערער ברודער העניך איז נאָך ניט אַלט געווען קיין אַכצעהן יאָהר, — אַזוי האָט געזאָגט דוד־ליב און אַזוי האָבען אויסגעוויזען זיינע פּאַפּיערען, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אין דער פּריסוטסטוויע אין הייסין. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ווינציג, וואָס א איד קאָן זאָגען און „צושטעלען" פּאַפּיערען; מע בעדאַרף א קוק טהון אויפ'ן קליינעם אַליין, ווען מען שוין וויסען, וויפיעל ער איז אַלט. איז אָנגעקומען צו פּליסעצקי'ן א פּאַפּיער, ער זאָל צו־שטעלען העניכען קיין הייסין, און פּליסעצקי, אַז מע שרייבט איהם „צו־שטעלען", בעדאַרף זיין „צו־געשטעלט". האָט ער צוגעשיקט צו איהם דעם אוריאַדניק און מע האָט דעם בחור גענומען און געבראַכט צו פיהרען צום פּריסטאַוו אין „סטאַן" אריין.

דער קאָליר פון העניכ'ס פּנים איז געווען דאָס, וואָס מע רופט אַן א „מיתה־משונה־קאָליר", און דערצו האָט ער נאָך געהאַט א

בעלמע אויף איין אויג, און געקוקט האט ער אויף א זייט, א ביסעל צוגעשאקעלט מיט'ן קעפעל אויך; הייגט דער איבערשרעק, וואס מע האט איהם אויפגעהאפט, ווי ער שטעהט און געהט, ער ווייסט ניט פאר וואס און פאר ווען — דאס אלסדינג האט איהם צוגענגבען א בעזונדער מין ווילדקייט, און ער האט געמאכט אויפ'ן פריס־טאוו גאר נישט קיין גוטען איינדרוק, און צווישען זיי איז פארגע־קומען א קורצער, נאר א לעבעדיגער שמועס:

— דאס ביזט דו, העניך טעלערלעקער? — האט איהם פלי־סעצקי א האפ געטהאן און בעטראכט איהם פון אויבען אראפ.

— דאס בין איך העניך טעלערלעקער. — האט איהם העניך געענטפערט גאר גייציג, און האט באלד בערעכענט, אז דאס רופט מען איהם מכוח'ן פריזיוו פון זיין ברודער דוד־ליב, האט ער פער־האפט פריהער, נאך איידער מע וועט ביי איהם פרעגען: — איך בין נאך ניט אלט קיין אכצעהן יאהר, ווי איך בין א איד, אז ניט!...

— אזוי? א חוץ שבתים און יום־טובים! — האט איהם פליסעצקי געענטפערט און א קוק געטהאן איהם גלייך אין די אויי־גען אריין און דערזעהען די בעלמע. פון דעם דאזיגען קוק איז העניכען געווארען פינסטער אין די אויגען, קאלט אין בויך און קאַ־לעמוטנע אויפ'ן הארצען, און ס'איז איהם דורכגעפלויגען אין איין רגע א טרויעריגע מחשבה אין קאפ: „אוים לגאטע, פארפאלען דוד־ליב!"... און העניך האט שטארק חשק געהאט א טובה טהון דעם ברודער נעבאך, און ער האט זיך ארויסגעשטעלט פאר א שתדלן און האט בעקומען לשון און מיט א מאל צערעדט זיך פאר פייער און פאר וואסער: „איך שווער אייך, אז איך בין מעהר ניט אלט ווי זיעבעצעהן יאהר מיט א חודש, אדער אפשר נאך אהן א חודש, איך זאל אזוי דערלעבען קומען אהיים בשלום! קוקט ניט דערויף, וואס איך זעה אוים אפשר עלטער, ס'איז ביי אונז אזא גדל'ע, אזא וואוכס הייסט דאס, וואס פון פופצעהן יאהר אן הויבט זיך אן שיטען ביי אונז א בערדעל"...

פליסעצקי האט אויף העניכען געקוקט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט, ווי אייגער רעדט: „צו דיין בעלמע, וואָס דו האָסט אויפ'ן אויג, און צום מיתה־משונה־קאַליר פון דיין פנים'על פּאַסט דיר טאַקי דאָס בערדעל, כלעבען"... נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום סאָטסקי, אַז ביז ער וועט דאָ איבערקוקען זיינע פּאַפּיערען זאָל ער איהם אַראָפּפיהרען אַראָפּ אין „חדר" אריין, און העניך האָט אָנגעוואָהרען מיט אַ מאָל דעם גאַנצען מוטה, דאָס פנים איז איהם געוואָרען נאָך מעהר טוידט ווי תמיד, און אין האַרצען ביי זיך האָט ער בעגראָבען דעם ברודער נעבאָך אויף אייביג: „אוי, ביזט אויף צרות, דוד־ליב, אַז אָך און וועה איז דיר!"...

— הער נאָר אויס, דו, אָדם אַ מענטש, צפור אַ פויגעל, קאַטש־קע רוק זיך! ווי קומסט דו אַהער אין קאַטשומענט אריין? וואָס פאַר אַ מעשה האָסט דו פאַרשטופּט און ווער האָט דיך גע'מסר'ט?

אזוי האָט זיך אָנגערופען בערעל דער רויטער צום נייעם פּאַר־שוין, צו העניך דעם בחור, און דער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האָט איהם פון דערווייטען גענומען בעטראַכטען פונ'ם קאָפּ ביז די פיס, ווי מע בעטראַכט אַ גנב, וואָס מע האָט איהם נאָר־וואָס געחאַפּט מיט אַ גנבה. העניך פון זיין זייט האָט בע־טראַכט דעם נגיד, ווי אַ דולער, און פון גרוים התפּעלות, וואָס ער זעהט פאַר זיך אַט דעם נגיד, האָט ער אָנגעהויבען בעלעבעטשען מיט דער צונג, אַליין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט. און בערעל דער רויטער, וואָס איז פון תמיד אָן, ווי מיר ווייסען שוין, געווען אַ פרייליכער פאַרשוין, ליעב געהאַט זאָגען ווערטלעך דעמאָלט אפילו, ווען ער האָט ניט געהאַט אויף שבת, האָט זיך דאָ איצט פאַר'ן נגיד אויסגעשטעלט, געמאַכט חוזק פונ'ם נאַרישען בחור, ווי דער שטייגער איז פון איין אָרעמאַן, אַז ער בעגעגענט זיך מיט'ן אַנדערען אָרעמאַן, נאָך אַ גרעסערען שלים־מזל פון זיך, און

בכדי דער נגיד זאָל האָבען פערגעניגען, טרעט ער צו יענעם מיט די פּיס.

— ס'איז אַ מעשה דאָ מיט מיר, איך ווייס ניט אַליין נאָך וואָס, מיין דוד־ליב, וועה איז מיר! טאָמער, איך ווייס, אַ קשיא אויף אַ מעשה, עטוואָס מעהר פון אַפּצעהן איך, איז ער אַ פּאַר־פאַלענער חלילה...

אזוי בעלעבעטשעט העניך, דערצעהלט די מעשה, ווי אַרום ער קומט אַהער, און בערעל דער רויטער שלאָגט איהם איבער:

— וואָס פּאַטשט דו מיט די ליפּען, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? זאָג ווערטער! מירקע, געב לשון!

— איך זאָג וואָס מיין דוד־ליב געבאָך, — מאַכט צו איהם העניך און שטעלט זיך פּלוצים אָפּ אין מיטען און טהוט אַ פרעג ביי בערעל דעם רויטען:

— ווי אַזוי זעה אויס ביי אייך אַשטייגער אין די אויגען איך?

— ווי אַזוי דו זעהסט אויס? דו זעהסט אויס ווי אַ פּראַ־אדם, — ענטפערט איהם בערעל און צעלאַכט זיך אַליין פון דער חכמה, און קוקט אויפ'ן נגיד, צי דער נגיד לאַכט אויך... דעם נגיד אָבער לאַכט זיך ניט. ער בעטראַכט דעם שלים־מזל העניך, ווי ער געהט אָפּגעריסען־אָפּגעשליסען, און וואונדערט זיך, צו וואָס, אַשטייגער, לעבט אַזעלכע אויף דער וועלט?

— ניין! — זאָגט העניך און קוקט מיט איין אויג אויפ'ן נגיד און מיט דער בעלמע אויף בערלען. — ניט דאָס מיין איך! איך מיין, וויפיעל, אַשטייגער, וואָלט א י ה ר געגעבען מיר?

— וואָס געגעבען?

— יאָהרען, הייסט דאָס, מיין איך.

— אַ? וויפיעל דו ביזט אַלט? איך רעכען, אַז נישט מעהר ווי אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק?

חעניך האָט פאַר האַרצוועהטיג און פאַר כעס אַזש אַרויסגע־לאָזט אַ קוויטש און איז אָנגעפאַלען אויף בערעל דעם רויטען, גלייך ווי יענער האָט איהם געוואָלט קוילען.

— משוגע, צי חסר דעה? וואָס רעדט איהר וואָס? ערשט ניט לאַנג צוואַנציג דוד־ליב געוואָרען יאָהר הייסט דאָס, און מיט דריטהאַלבען עלטער פון מיר סך־הכל, היינט דער חשבון אייערער וואו איז? אבי הייסט דאָס גערעדט!

און העניך האָט בשעת מעשה אויסגעזעהען אַזוי ווּיסט, אַזוי טרויעריג, אויף זיין פּנים איז געלעגען אויסגעצויגען אַזוי פיעל רחמנות, אַז דער נגיד אַליין האָט זיך פעראינטערעסירט און האָט איהם אַ פרעג געטהאָן:

— איהר זענט, הייסט דאָס, צוויי ברידער, אַפּנים, ווי סע זעהט אויס?

— צוויי ברידער מיט איין אַלטער מאַמע הייסט דאָס, און אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן דיענט, און נאָך אַ ברודערעל אַ קלענערס אין אַ קלייט כלומרשט, און נאָך מיידלעך צוויי קליי־נע, מיט איינעם אין דער תלמוד־תורה אַ יונגעלע, און אויף זיין קאָפּ אַלע, און טאָמער חלילה וחס געהט אוועק ער, מעגען נעמען די טאָרבעס מיר און געהן איבער די הייזער אַלע...

און העניך דערצעהלט, ווי אַזוי ער קאָן, די גאַנצע מעשה מיט'ן פּריזיוו, מיט דער לגאָטע, וואָס, אַפּנים, עמיצער האָט איהם גע'מסר'ט, אַז ער איז עלטער פון אכצעהן יאָהר, חאָטש ער קאָן געהן שווערען אַ שבועה דאורייתא, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין אכצעהן, נאָר עפּיס מעשה־שטן, ווי אויף צו להכעיס, שיט זיך איהם, העניכען, אַ באָרד, און אַלע זאָגען אויף איהם, אַז ער זעהט־אויס פון אַ יאָהר צוואַנציג, אויב ניט מעהר; ווי באַלד אַזוי, האָט דאָך ניט דוד־ליב קיין לגאָטע אפילו אַ ברעקעל ניט, היינט וואָס וועלען זיי טהון, טאָמער חלילה „קריכט ער אוועק"?...

און הענגיך קערעוועט זיך אָפּ מיט דער בעלמע אויף א זייט, הויבט אָן הוסטען כלומרשט, שנייצט־אויס די נאָז און ווישט זיך די אויגען.

— נעבאך א רחמנות... — האָט זיך ניט ווילענדיג ארויס־געהאַפּט ביי'ם נגיד.

— א שלים־מזל! — האָט איהם בערעל דער רויטער צוגע־געבען מיט א האלב שמייכעלע, וואָס האָט בעדייט אי חוזק גע־מאכט, אי רחמנות געהאָט. — ער, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז א שלים־מזל, און דער ברודער זיינער — איך קען איהם — איז גלאט א צעקוועטשטער; ער טויג אזוי פאר א סאָלדאט, פונקט אזוי ווי איך...

און בכדי מע זאָל זעהן, אז ער, בערעל דער רויטער, טויג טאַקי ניט פאר קיין סאָלדאט, שטעלט ער ארויס דאָס קרומע פיסעל זיינס.

קאפיטעל ה.

דער עטאפ האָט געריהרט.

ביז דעם היינטיגען טאָג, וואָס עס קומט פאר אונזער געשיכטע, און ביז דער לעצטער מינוט האָט זיך דעם טעפליקער נגיד שלום־בער טעפליקער פון טעפליק נישט געגלויבט, אז מע וועט איהם נעמען און שיקען מיט'ן עטאפ אין הייסין. ער האָט זיך די גאנצע צייט גע'בריה'ט, געשריבען פאפּיערען, געזוכט זכות־אבות. נאָר פליסעצקי האָט זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז אונזער טעפליקער נגיד זאָל מאכען א שפּאציער פון טעפליק קיין הייסין מיט'ן עטאפ, און דוקא צו פוס.

— טי פּאידיאָש או מעניא מיט די רגלים! — האָט איהם המן איוואנאָוויטש געזאָגט האלב אויף רוסיש און האלב אויף לשון־קודש, ווי זיין שטייגער איז. און ווי אויף צו

להכעים, איז דער טאָג געווען אַ ליכטיגער, אַ ווארעמער זומער־טאָג. ווי אַ חתן פון דער חופה איז ארויסגעגאַנגען דער קיילעכיגער פייעריגער זון־קוגעל, פריילעך ווי אַ גבור, אָנגעגרייט צו מאַכען די גרויסע הימעלדיגע רייזע, בעלייכטען אַלעמען מיט זיין שיין און בעגיסען איטליכען מיט זיין ווארעמקייט, קיינער וועט זיך ניט אויסבעהאַלטען פון זיין היץ, בשעת ער צעברענט זיך גוט און גליהט אַן די ערד, ווי אַ קאַלך־אויווען. קרעמער האָבען איבערגעלאָזט זייערע קראָמען, בעלי־מלאָכות — זייערע ווארשטאטען, מלמדים — זייערע חדרים, און מען איז געגאַנגען קוקען, ווי מע פיהרט דעם נגיד מיט'ן עטאַפּ. און די טעפּליקער אידען, בעטראַכט דעם נגיד, ווי ער שטעהט מיט איין אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ, האָבען זיי געזאָגט איינס דאָס אַנדערע, אַז מע בע־דאַרף זיך נאָר אַראָפּנעמען אַ מוסר; און אינוועניג ביי זיך אין הארצען האָט מען געקוועלט, דערלעבט אַ נקמה. רחמנות האָבען זיי נאָר געהאַט אויף בערעל דעם רויטען נעבאַך און אויף העניך דעם בחור. פון דעם נגיד'ס וועגען האָט מען ארויסגעטראָגען געפּלאָכטענע קוילעטשען, געבראָטענע קאַטשקעס מיט נאָך אַנ־דערע מינים עסענווארג אין וועג אריין. און בערעל דעם רויטען האָט דאָס ווייב מיט די קינדער געבראַכט צו טראָגען אַ בולקע, פיש־קארטאָפּליעס מיט אַ זשמוט יונגען קנאָבעל. נאָר איין העניך איז געבליבען אָהן אַ שום שפּייז אין וועג אריין; האָבען זיך ארומגעקוקט ווילד־פרעמדע, זיך צונויפגעלעגט פאַר רחמנות און געקויפט פון זייגעטווענען אַ ברויט, אַ פאַר פישלעך מיט ציבע־לעס. און די אַלע מאַכלים האָט מען איבערגעגעבען דעם עטאַפּ אויף די הענד, ־ן דער עטאַפּ האָט דאָס אַלסדינג צוגענומען גאַר פריינדליך, צוגעזאָגט, אַז ס'וועט זיין גאַנץ, ס'וועט ניט געמינערט ווערען דערפון אַ האָר אפילו. און המן איוואַנאָוויטש האָט זיך בעוויזען ביי זיך אויף'ן גאַניק און אַ זאָג געטהאָן צום עטאַפּ, ער זאָל ריהרען, און דער עטאַפּ האָט גערירט, און נאָך איהם גאַנץ טעפּליק.

דער עטאַפּ איז בעשטאַנען פון איין לאַווע דעם סאָטסקי, אַ האָריגער נפש מיט אַ האָריגער סוויטקע, מיט אַ הויך האָריג היטעל אַ מיט אַ גרויסען סוקעוואַטען שטעקען, פון אויבען מיט אַ גרויסער הילצערנער גאַלקע און פון אונטען מיט אַ שאַרף שטיק אייזען ווי אַ שפּיז. די געבראַטענע קאַטשקעס מיט די געזאַלצענע שלעך האָט ער פערנומען אונטער איין אָרעם, די בולקעס מיט׳ן סקאָבעל מיט די שאָר ירקות — אונטער׳ן אַנדערען אָרעם, דעם ראַפּאָרט האָט ער פערשטעקט פאָרענט אין בוזעם, און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין גיך, אַ סך גיכער, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען. די גיכקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אונזערע אַרעסטאַנטען האָבען געוואָלט שוין פטור ווערען, אַרויס גיכער פון דער שטאָדט, געבעטען לאַווען דעם סאָטסקי, ער זאָל צעטרייבען דאָס קליינוואַרג, וואָס האָבען זיך ניט געפוילט אַרויסבעגלייטען זיי העט-ווייט, אַזש אויף יענער זייט מיהלען; האָט לאַווע אויפגעהויבען דעם לאַנגען שטעקען מיט׳ן אייזערנעם שפּיץ, און חברה קונדייסים זענען זיך צעלאָפען, ווי די איבערגעשראָקענע פויגלעך, און די אַרעסטאַנטען זענען געבליבען אַליין אויפ׳ן פרייען פעלד, אויפגעהערט לויפען מיט אַזא אימפּעט, אָנגעהויבען מאַכען אַביסעל קלענערע טריט און אַ שמועס געטהאָן מיט׳ן עטאַפּ מכוח צוזעצען זיך אַ ביסעל אויפ׳ן גרינעם גראָז און אַ ביסעל איבערחאַפּען דעם אָטהעם.

דער עטאַפּ, דאָס הייסט לאַווע דער סאָטסקי, איז גאָרניט געווען אַזא שלעכטער מענש. מע האָט דאָס ביי איהם דוקא גיך גע׳פועל׳ט, ובפרט, אַז ער האָט אַליין אויך געוואָלט אַ ביסעל שוין אָפּרוהען זיך און האָט שטאַרק חשק געהאַט איבערחאַפּען, פערזוכען פון יענע געבראָטענע קאַטשקעס, וואָס דער ריח האָט איהם אַ גאַנצען וועג געקיצעלט אין נאָז. פון די אידישע קוילעטשען האָט ער שוין אפילו געפּרובט אָפּברעכען אַ פּאָר שטיקלעך און האָט געפונען, אַז זיי זענען גאַנץ גוט אויפ׳ן טעם; אויך פון די פישלעך האָט ער פערזוכט, וואָס אינאיינעם מיט׳ן קנאָבעל

איז דאָס געווען גאָר נישקשה׳דיג. און מחמת די אַרעסטאַנטען זענען געגאַנגען פריהער און דער עטאַפּ פון הינטען, האָבען די אַרעסטאַנטען נישט בעמערקט, אַז דער עטאַפּ קייעט, און אַז זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט, האָבען זיי צווישען זיך איבערגעשמועסט זיך אויף אידיש.

— דער ערל אַכל׳ט גאַנץ געשמאַק. — זאָגט דער נגיד און קוקט אויף לאַוורען, ווי ער קנייפּט דעם קוילעטש און רוקט אין פּנים.

— זאָגט חאָטש „קיין עין־הרע ניט". — מאַכט בערעל דער רויטער פרייליך, ווי זיין שטייגער איז. — איך קאָן אייך שווערען בנאמנות, אַז איך האָב, אויף איהם קוקענדיג, באַקומען אַפּעטיט צום עסען. וואָס זאָגסט דו, העניך? סע חלש׳ט דיר נאָך ניט אונטער׳ן טלית־קטן?

העניך דער בחור האָט אַ געשמאַקען שלונג געטהאָן די שליים, ווי איין אָכס בשעת ער איז מעלה גרה, און דערביי אַ זאָג געגעבען אויף זיין איבערגעקעהרטער שפּראַך:

— זאָגען שטאַרק קאָן איך ניט, אַז איך בין הונגעריג, נאָר אין מויל, מהכתיתי, עפּיס געגומען וואָלט איך, ס׳זאָל זיין וואָס.

— ביי מיר איז פאַרהאַן אַלסדינג. — רופט זיך אָן דער נגיד און חאַפּט אַ קוק אויפ׳ן עטאַפּ.

— ביי מיר, אָהן אַביסעל בראָנפען, הייסט נאָך ניט אַלסדינג. — מאַכט בערעל דער רויטער און חזר׳ט דאָס איבער מיט אַ ביון נאָך אַ מאָל אויף רוסיש, בכדי דער ערל זאָל פערשטעהן פון וואָס מע רעדט.

— טשי פּראַוודאַ, לאַוורע, שאָ בעז הורילקי שאָ בעז זורבאָון?* — טהוט בערעל דער רויטער אַ מאַך צום עטאַפּ.

— אַווזשעזש! ** — ענטפערט איהם דער עטאַפּ גאַנץ ערנסט.

---

* ס׳איז אמת, לאַוורע, אַז אָהן בראָנפען איז ווי אָהן צייהן?

** אודאי!

און מע האט זיך אזוי לאנג איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, ביז ס'איז געבליבען ביי'ם עולם: אזוי ווי ס'איז ניט ווייט פון דאנען קיין גראנאָוו, סך־הכל א פאָר ווערסט, זאָל איינער פון די ארעסטאַנטען, העניך דער בחור געוויינטליך, ער איז יונגער, א שפרונג טהון אהינצוצו אויף איין פוס און ברענגען א פלעשעל בראָנפען, און די איבעריגע צוויי ארעסטאַנטען, שלום־בער טעפ־ליקער פון טעפליק און בערעל דער רויטער, נעמען איהם אויף זיך, אויף זייער ערבות, אז ער וועט ניט אנטלויפען. און מע האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן גראָז אין מיטען פעלד, אויף א בערגעל אונטער א בוים, ביידע ארעסטאַנטען האבען זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס, און דער עטאפ האט זיך בעזעצט נעבען זיי און געקוקט אהין, אויפ'ן וועג קיין גראנאָוו.

קאפיטעל ו.

ער דערמאנט איהם אלטע חטאים.

ווען איך זאָל זיין א מאהלער אָדער חאָטש א פאָטאָגראַף, וואָלט איך ארויפגעחאַפּט די דאָזיגע גרופּע, די דריי נפשות, וואָס זיצען זיך אזוי שען אין מיטען פעלד, אויפ'ן בערגעל, אונטער א בארענבוים מיט קליינע גרינע בלעטלעך, א בוים, וואָס סע וואַכ־סען אויף איהם פעלד־בארלעך, יענע מינים בארלעך, וואָס זענען הארטער פון שטיינדלעך, און וואָס מע קאָן זיי ניט נעמען אין מויל אריין, און וואָס מע ווייסט ניט, אויף וואָס האָט זיי גאָט בעשאפען אויף דער וועלט... צווישען לאָווערע דעם סאָטסקי מיט דעם הויכען האָריגען היטעל פון איין זייט און בערעל דעם רויטען מיט'ן קרומען פוס און מיט'ן רויטען ריהרעוודיגען פנים מיט ווייספערלעך פון דער אנדערער זייט, האָט אונזער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק מיט די קליינע אויגעלעך

און מיט'ן שיטערען בערדעל, מיט דער נייער שווארצער געוועג־טענער קאפאטע און מיט'ן שבת'דיגען זיידענעם קאשקעט אויפ'ן קאפ, אויסגעזעהען ווי א מחותן צווישען בעלי־בתים, אדער ווי א געהויבענער פארשוין צווישען פראסטע מענשען, וואס האבען די עהרע צו זיצען מיט איהם אינאיינעם. אזא מענש ווייסט שוין, ווי אזוי זיך צו האלטען, דאס הייסט, האלטען האלט ער זיך כלומרשט פראסט, כלומרשט גלייך מיט אלעמען, נאר פארט נישט דאס, וואס אלע. פון וואס ער וויל, פון דעם רעדט מען, וואס ער זאגט, בעדארף מען הערען, און אז יענער רעדט, מעג ער איבער־שלאגען אין מיטען.

— וואס זאגט איהר אויף דער היץ? — האט ער א זאג געטהאן צו בערעל דעם רויטען מיט א זיפץ און א קוק געטהאן ארום און ארום, פערקאטשעט די ארבעל ביז די עלענבויגענס און זיך געפאכט מיט'ן זיידענעם קאשקעטעל איבער'ן קאפ.

— יא, ס'איז ניט קאלט. — האט איהם בערעל געענטפערט און אויך א קוק געטהאן אהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ס'זאל חאטש ניט זיין קיין רעגען. — טהוט זיך דער נגיד ווייטער א זאג און א קוק ארויף אויפ'ן הימעל.

— יא, עס פאסט אונז טאקי צו די זיידענע קליידער! — גיט איהם נאך בערעל און קוקט אהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ניט קיין שלעכטער ערל אונזער שומר. — זאגט זיך ווייטער דער נגיד און קוקט אויף א לאנגען וואגען א לעדיגען, וואס פאהרט־דורך פארביי מיט א פאר גרויסע אכסען און א קליין שייגעצעל זיצט אויפ'ן וואגען און דרעהט מיט דער בייטש.

— אונזער שומר? — מאכט בערעל און קוקט אהין, וואו דער נגיד קוקט. — עס מעגען זיין פאר איהם די כפרה דריי אידען אזעלכע, וואס געהען מסר'ען איין ארעמאן, אז ער מאכט עטליכע פלעשלעך וויין פון ראזינקעס און צעטראגט זיי צווישען באקאנטע אויף קידוש און לעבט דערפון מיט ווייב און קינדער שוין כמה וכמה יאהרען.

— ווי מיינט איהר? — שלאָגט איהם איבער דער נגיד אין מיטען די רעד און קוקט אויפ'ן וועג, וואָס געהט קיין גראַנאָוו. — ווי מיינט איהר? ער קאָן ניט פאַרבלאָנזעט ווערען, מיין איך מאַכען פּליטה, אָט דער דאָזיגער בחור, ווי אַזוי רופט איהר איהם?

— אָט דער שמינדער בגעץ? — מאַכט בערעל און קוקט אויפ'ן וועג, וואָס געהט קיין גראַנאָוו. — ער האָט דען עפּיס חוטא בעגל געווען, געטהאָן אַ קרימינאַל, וואָס ער זאָל דאַרפען אָפּטרעטען? ער איז אַזאַ פאַרברעכער, פּונקט אַזוי ווי איך, למשל.

— וואָס קאָן איין, אַשטייגער, קומען פאַר אַזאַ מעשה? — טהוט איהם דער נגיד אַ חאַפּ און קוקט אויף בערלען פון אויבען אַראָפּ מיט איין אויג; דאָס אַנדערע האָט ער צוגעמאַכט, קייעט בשעת מעשה אַ גרעזעל אונטער די צייהן.

— פאַר וואָסער מעשה? פאַר'ן ראַזינקעס־וויין? קיין „רעסטאַנסקע ראָטע” פאַר דעם „קרימינאַל” אודאי ניט. נאָר איך וויים, וואָס מע קאָן אויף מיר אַרויפלעגען פאַר אַ שטראָף? לאָז מען מיך שטראָפירען — וואָס העד איך זיי? וואָס וועט מען ביי מיר נעמען? דעם דלות? סיידען זיצען? מילא, וועלען מיר זיצען אַ פּאָר טעג. למאי איהר? איהר זענט דאָך עפּיס, קיין עין־הרע, אַ איד אַ נגיד, כלעבען! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, רב שלום־בער, האָט קיין פאַראיבעל נישט, איך אויף אייער אָרט וואָלט ניט געזעסען אין „חדר” איבער אַזאַ נאַרישקייט, איבער אַ פּאָמעניצע גאָר. ערשטענס, וואָלט איך ניט געפיהרט מיט פּאָליציע קיין עקשנות, און צווייטענס, ווען איך בין אין אייער שטאַנד, וואָלט מען מיך ניט געפיהרט מיט'ן עטאַפּ פאַר אַזאַ זאַך. טעפּליק אליין וואָלט דאָס גאָר ניט באַדאַרפט דערלאָזען, אַז דער נגיד פון שטאָדט זאָל געהן מיט'ן עטאַפּ, ווי אַ פּראָסטער מענטש, גלייך מיט אַלע קבצנים...

אין איין אַנדער צייט וואָלט בערעל דער רויטער פאַר אַזאַ שפּיאַך געקאָנט חאַפּען אַ מיאוסען פּסק פונ'ם טעפּליקער נגיד;

ער וואָלט געוויס „געזעגנט ביי איהם מיט׳ן קאָפּ די טהיר" פאר אזעלכע ווערטער. נאָר איצט, געהענדיג מיט׳ן עטאָפּ קיין הייסין, האָט שלום־בער מקבל באהבה געווען אויף זיך אלסדינג. איצט האָט מען איהם געקאָנט זאָגען וואָס מע וויל. און בערעל דער רויטער האָט זיך גערעכענט מיט איהם, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, און דוקא מיט גוטע רעדעלעך, דוקא ניט געקריעגט זיך. ער האָט זיך צוגערוקט מיט זיין קרומען פוס צום נגיד אזוי נאָהענט, אז דער נגיד האָט זיך געמוחט אביסעל אוועקרוקען פון איהם, און בערעל האָט אָנגעהויבען בזו הלשון:

— איהר ווייסט, רב שלום־בער, פון ווען אָן מיר קענען זיך שוין? מיר קענען זיך שוין פון א צייט מיט יאָהרען! איך געדענק אייך, אז איהר זענט נאָך געווען אָט אזא וועוריקעל (בערעל האָט בעוויזען מיט דער האַנד הארט ביי דער ערד). איהר באדאַרפט זיין אין מיינע יאָהרען, אפשר עלטער מיט א יאָהר אָדער צוויי, און איהר דאַרפט מיך געדענקען, וואָרום מיין זיידע און אייער פאָטער זענען געווען... שרעקט זיך נישט, ניט קיין קרובים, דאָס הייסט, אפילו יאָ שטיקלעך שני־שבשלישים, זעהר ווייטע קנעפּלעך פון דער מאַמע׳ס צד, נאָר גאַנץ נאָהענטע שכנים אין אלטען בית־המדרש, א שטאָדט אָקעגען א שטאָדט, אייער פאָטער אין מזרח־וואַנט און מיין זיידע אין שפּיגעל־באַנק, אזוי אז איהר פלעגט זיך שטעלען שמונה־עשרה, האָבען מיר אייך געזעהען פון הינטען. איך געדענק נאָך אפילו אייער פאָטער׳ס אטלעסענע, גלאַנצענדיגע פּלייצע מיט די ברייטע אכסלען, מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה פונ׳ם טלית, און מיין זיידע, רב נפתלי דער ווייגער, איהר דאַרפט איהם געדענקען, פלעגט אַנ־רוקען דעם געלען טלית איבער׳ן קאָפּ און מיך קנייפּען, איך זאָל אריינקוקען אין סדור אריין, וואָרום איך האָב אזוי געוואָלט דאווענען מסתמא ווי איהר. איך האָב גאַנץ גוט געזעהען, — איך בין דאָך געשטאַנען פון הינטען — אז בשעת שטילע שמונה־עשרה האָט איהר נאָר געקוקט אראָפּ אויף די שטיוועלעך, וואָס

האבען ביי אייך געסקריפעט, און ווי אזוי האב איך אייך, למשל, מקנא געווען אויף אייערע תמיד נייע שטיוועלעך, אז מיינע זענען געווען תמיד אלט, שטענדיג מיט לאטעס, ווארום איבער מיין קראנקען פוס האב איך קיינמאל נישט געקאנט האבען קיין רעכטע שטיוועל, און איבער דעם דאזיגען קראנקען פוס האב איך תמיד געהאט צרות: א חוץ וואס ס'איז מיר שווער געווען צו געהן, פלעגט מען נאך פון מיר שטענדיג לאכען און רופען מיך „קריוואק" און נאכקרימען זיך מיר, ווי איך געה, און מעהר פון אלע טאקי איהר, רב שלום-בער, ס'זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, מיט נאך אזעלכע נגיד'ישע קינדער, פאנסקי צאפיקלעך, ווי איהר...

— איך? — טהוט זיך דער נגיד א חאפ און ד'ערמאנט זיך, אז ס'איז אמת, מע פלעגט איהם טאקי נאכמאכען, ווי ער שפרינגט אויף איין פוס.

— דאס נאכמאכען אליין וואלט נאך געווען נישקשה; איהר פלעגט מיך ניט וועלען אריינגעמען אין דער חברה, מיך טרייבען מיט שטעקענס און אנטרעטען מיר אויפ'ן קראנקען פוס, זיך שטעלען כלומרשט אומגעהרען מיט'ן אפצאס אויף די פינגער, אזוי אז איך זאל פיהלען, איך זאל טאקי שרייען. פלעג איך שרייען, און איהר פלעגט לאכען, זיך האלטען ביי די זייטען...

— דאס טראכט איהר אויס שוין מסתמא פונ'ם קאפ. — רופט זיך אן צו איהם דער נגיד און ווערד רויט פאר בזיון, וואס ער פלעגט זיך אזוי רעכענען מיט א קאליקע, און ער דערמאנט זיך, ווי אזוי ווילד געבאלעוועט ער איז געווען קינדווייז, געקאנט טהון וואס ער האט געוואלט.

— א סימן וועל איך אייך זאגען: איך האב דערצעהלט דעם זיידען, האט דער זיידע דערצעהלט אייער פאטער, האט אייער פאטער נישט געוואלט גלויבען און האט זיך צעשריען אויף מיין זיידען, אז זיין זוהן איז א שטיל קינד און וועט זיך ניט אנהויבען מיט „קבצנישע קינדער". איהר הערט? ק ב צ נ י ש ע

ק י נ ד ע ר!... פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָהר געוואָרען, ווער איך בין, אז איך בין א קבצניש קינד... האָב איך אומיסטנע גע־פרעגט דעם זיידען, וואָס דאָס בעדייט. האָט מיך דער זיידע קלאָר געמאַכט, וואָס הייסט א קבצניש קינד און וואָס הייסט א נגידיש קינד. נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מעג א נגידיש קינד אָנטרעטען א קבצניש קינד אויפ'ן פוס, און א קבצניש קינד באַדאַרף שווייגען? האָב איך געפרעגט דעם זיידען. האָט מיר דער זיידע געזאָגט: דערפאַר, ווייל א נגיד איז ניט קיין קבצן און א קבצן איז ניט קיין נגיד, דאָס הייסט, א נגיד איז א נגיד און א קבצן איז א קבצן... האָב איך דאָס ניט אָנגע־הויבען צו פאַרשטעהן און האָב א קוק געטהאָן דעם זיידען אין די אויגען אריין, טאָמער וועל איך עפּיס פון די אויגען געוואָהר געווען א פשט צו די ווערטער. האָב איך אָבער פון זיינע אויגען ניט ארויסגעזעהען גאָרנישט! איך האָב נאָר ארויסגעזעהען ווי א טונקעלע חמאַרע אויף זיין פּנים און קנייטשען אויפ'ן שטערן, און ווייטער גאָרניט... און איך באַדאַרף זיך מודה זיין פאַר אייך, ס'איז דאָך שוין אַיין עבר'דיגע זאַך: איך האָב פון דעמאָלט אָן פיינט געקראָגען אַלע נגידים מיט אַלע נגידישע קינדער, און מעהר פון אַלע האָב איך פיינט געקראָגען אייך...

— מיך? — דער נגיד האָט זיך אזש א חאַפּ געטהאָן פאַר'ן הארצען.

— אייך, אייך! איהר זענט דאָך דעמאָלט געווען נאָך גאָר א יונגעל, האָט קיין פּאַראיבעל נישט — א שנעק; מיר זענען ביידע, הייסט דאָס, געווען דעמאָלט נאָך יונגע וועווריקלעך; און נאָכדעם אפילו, אז מיר זענען אונטערגעוואַכסען, געוואָרען ביידע בר־מצוה־יונגלעך, בחורים'לעך שוין, האָט איהר זיך גאָר אָפּגעקער־רעוועט פון מיר, זיך געמאַכט גלייך ווי איהר קענט מיך ניט, מורא געהאַט קוקען אויף מיר, טאָמער זאָג איך אייך א גוט שבת, וועט איהר מיר חלילה דאַרפען ענטפערען א גוט יאָהר, האָט איהר געזשאַלעוועט, אפּנים; עס האָט אייך ניט געלוינט...

דער טעפליקער נגיד, שלום־בער טעפליקער פון טעפליק, האָט זיך אזש אַ רוק געטהאָן אויפ'ן אָרט און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „מאָהלט אייך, ס'איז ניט אזוי די מעשה"... און ביי זיך האָט ער זיך דערמאַנט, אז ס'איז מעגליך, ווארום זיין פאָטער פלעגט איהם זאָגען שטענדיג, אז ער איז ניט גלייך צו אנדערע יונגלעך...

— האָט קיין פאראיבעל נישט, רב שלום־בער, אַ נארישקייט געדענקט זיך. אויף מיין ערשטער חתונה (איהר האָט פריהער חתונה געהאַט פאר מיר) האָב איך אייך געשיקט אַ חתונה־צעטעל, האָט איהר אפילו ניט געענטפערט מיט קיין בריעף.

— גלעבען, איך געדענק ניט...

— ווי קומט איהר געדענקען? למאי איהר געדענקט ניט דאָס אויך מסתמא, אז איך בין, ניט היינט געדאַכט, דאָס ערשטע מאָל געבליבען איין אלמן, האָב איך געשיקט מיין פעטער יאָסי'ן (דער זיידע איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוכן־עפר), ער זאָל אייך זאָגען, אז איך בין געבליבען מיט צוויי קליינע קינדער, ווי אויפ'ן וואסער, האָט איהר איהם געענטפערט, אז איהר זענט אַ יונגערמאַן, וואָס קאַטאָרי מישט זיך ניט אין קהל'שע זאכען...

— א י ך האָב אזוי געענטפערט? זעהט נאָר, צי אייער פעטער יאָסי האָט אייך ניט דערצעהלט, מחילה, קיין ליגען...

— עס קאָן זיין, אפשר זענט א י ה ר גערעכט... איך ווייס נאָר, אז איהר האָט מיר ניט געהאָלפען ניט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל און ניט דאָס אנדערע מאָל, אז איך בין, ניט היינט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרען, אַרויס ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, און אויך שפּעטער, אז מיר האָבען זיך בעגעגענט איינמאָל אין הייסין אויף דער אכסניה, אויב איהר געדענקט, בשעת יריד, איהר זענט געקומען צו פאָהרען קויפען, דאַכט זיך, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אַ פּאָר פערד, און אפשר אַ בהמה, און אפשר נאָר פּאַרקויפען קאָרן? —

דער נגיד רייבט זיך דעם שטערן, ווי א מענש, וואָס וויל זיך דערמאַנען א זאַך, וואָס ער גערענקט נישט, און ס'איז איהם א חידוש, וואָס ער האָט דאָס שוין לאַנג פערגעסען און יענער נים. און עם שטעהט איהם ניט אָן די מעשה, וואָס בערעל דער רויטער, וואָס אין טעפּליק וואָלט ער גאָר ניט האָבען די זכיה מיט איהם צו רעדען צוויי איבעריגע ווערטער, זאָל האָבען א העזה איהם אויסצוזעצען דאָ די פּעהלערען, דערמאַנען איהם אַלטע חטאים! און סע שטעהט איהם ניט אָן די מעשה, און ער וויל עפּיס אָנהויבען רעדען, קומט אָן העניך פון גראַנאַוו מיט א פלעשעל בראָנפען, קוים וואָס ער האפּט דעם אָטהעם, אזוי איז ער געלאָפען, מורא געהאַט, טאָמער פאָהרט עמיצער אָן און מע פּאַקט איהם מיט'ן בראָנפען. און אַלע דריי פערברעכער זעצען זיך צו דער סעודה, נעמען פריהער צו קאַפּלעך בראָנפען, זענען מכבד אויך דעם עטאַפּ מיט א פּאָר גלעזלעך; דער עטאַפּ זאָגט זיך ניט אָפּ, נאָר ער פערקרימט זיך, ווישט־אָפּ מיט דער האַריגער סוויטע די גראָבע וואָנצעס און שיקט־אָפּ צו אַלדי שווארצע יאָהר גראַנאַוו מיט זיין שטאַרקען בראָנפען.

— דוזשע הירקאַ, נעחיי יאָמו סים טשערטיוו! * — מאַכט לאַווורע און טהוט א מאַך מיט דער האַנד, ווי א מענש, וואָס גיט זיך א נדר, אז מעהר זאָל ער שוין אין מויל אריין ניט נעמען קיין טראָפּען אפילו! פון דעסטוועגען, אז ס'איז געקומען נאָך די פיש און מע האָט זיך גענומען צו דער קאַטשקע, האָט מען איהם פּאָרט איינגעבעטען, ער זאָל נעמען א גלעזעל. עם האָט זיי טאַקי געקאָסט אביסעל מיה, נאָר מע האָט ביי איהם גע־פּועל'ט, ער זאָל דאָס אויסטרינקען ביז'ן דנאָ, מחמת מע וויל איהם אָנגיסען נאָך א גלעזעל.

איבערגעביסען, האָט זיך דער עולם צוגעלעגט א ביסעלע אונטער'ן שאָטען פון'ם בארענבוים, נישט הלילה דרימלען, נאָר

---

* צו ביטער, זיעבען רוחות זאָל איהם זיין!

גלאט אזוי קוקען ארויף אין בלויען הימעל אריין, זעהען ווי קליינע חמארעס רוקען זיך אָן, צערייסען זיך, ווערען צעגאנגעז אזוי ווי רויך, און א מחנה ווארָאנעס, וואָס האָבען זיך אויסגעמושטירט אין צוויי פאסען, ווי א דל"ת, שוועבען און שוועבען און שטעהען אויף איין אָרט.

ליגען מיט'ן פנים ארויף און קוקען אין הימעל אריין נאָכ'ן עסען איז א טייערע סגולה אויף צו אנשלאָפען ווערען. דער ערשטער האָט דאָס בעוויזען דער עטאפ אליין, וואָס ס'האָט זיך גיך געלאָזט הערען פון איהם א מורא'דיגער חראָפּ, ווי פון איין איבער־געשראָקען פערד, און תיכף נאָך איהם האָט זיך געלאָזט הערען איין אקאָמפּאנימענט פון העניכ'ס נאָזלעבער, וואָס האָבען אויך געארבייט ניט שלעכט, האָטש ער האָט זיך אלע מאָל אליין אויפ־געחאפּט פון זיין חראָפּען און געבעלעבעטשעט מיט דער צונג, ווי זיין שטייגער איז:

— איינגעמיעדט זעהר וואָס בין געלאָפען איך פיער ווערסט גוטע, אלץ מורא געהאט טאָמער חלילה פאָהרט ער אָן און פאָקט מיך, דער פריסטאַוו הייסט עס...

נאָר דער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּ־ליק און בערעל דער רויטער זענען ניט געשלאָפען. דער נגיד האָט זיך שטארק פעראינטערעסירט צו וויסען, וואָס פאר א בקשה האָט צו איהם בערעל געהאט דעמאָלט אין הייסין אויפ'ן יריד. און בערעל דער רויטער האָט איהם צוליעב געטהאָן און האָט איהם דערצעהלט די מעשה, וואָס מיר געבען זי איבער מיט זיין אייגע־נער שפּראָך, וואָרט ביי וואָרט.

קאפיטעל ז.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. — אַזוי הויבט אָן בערעל די מעשה מיט אַ לעבעדיגען טאָן, ווי זיין שטייגער. — געקומען בין איך קיין הייסין ניט אויפ׳ן יריד; מיינע אָכסען האָבען זיך נאָך געהאָדעוועט און מיינע שיפען אויפ׳ן ים זענען נאָך געוועזען ווייט. וואָס זשע האָב איך געטהאָן אין הייסין אויפ׳ן יריד, ווילט איהר וויסען? איך בין געקומען אָנקוקען אַ חתן גאָר פאַר מיין מיידעל, די עלטערע הייסט עס, פונ׳ם ערשטען ווייב. כ׳האָב מיך מיישב געווען, פאַרשטעהט איהר מיך, דאָס ערשטע קינד, אַ יתומה, חאָטש אפילו אַ יונג קינד, נאָר אַ שטיפמאַמע פּיקט אין קאָפּ אריין, איך זאָל זי חתונה מאַכען, חאָטש פרעגט זי, וואָס וועט איהר ארויסקומען, אַז איך וועל זי שוין חתונה מאַכען? ווער וועט איהר העלפען קאָכען און באַקען און צוואָגען די קליינע קינדער, און וועמען וועט זי שעלטען, טראָגען פאַר די צעפּ? נאָר געה רעד מיט אַ אידינע! בקיצור, ס׳איז געבליבען חתונה מאַכען. נאָר ס׳איז גרינג צו זאָגען: חתונה מאַכען! מיט וואָס? מיט די פינף פינגער? אין אונזער גראַד, ווי ניט ווי — אויסקליידען דאַרף מען. עס רעדט זיך אַזוי „אויסקליידען״; מיינען מיינט מען אַ קליידעל אַ סיצענס, און אַ פּאָר שיך און זאָקען, און העמדער חאָטש אַ האַלב טוץ, און פון בעט־געוואַנט שמועסט מען ניט, אַ פּאָר קישענס, איין איבערבעט, אַ שטיקעל קאָלדרע... און ווי אַזוי, איך בעט אייך, גיט מען ניט חאָטש אַזאַ הונדער־טער נדן? און דאָ איז ניטאָ קיין הונדערט קאָפּיקעס אפילו. און ווי אויף צו להכעיס, זעצט ער מיר מיט בריעף, משה־אהרן!

דער שדכן, ימח שמו, איהר דארפט איהם קענען, איין בריעף נאָכ'ן אנדערען, אז ס'איז פאראהאן אין הייסין, שרייבט ער מיר, איין אנטיקעל, א מציאה, איינס ביי גאָט, דאָס אנדערע ביי יענקעל דעם סטאָלער, א בחור'על פון געמיינעם גראד, נאָר א געראָטענער, מיט לערנען און מיט שרייבען און מיט שפּיעלען אויפ'ן פיעדעל — טע עקט זיך גאָר די וועלט מיט איהם! שרייב איך איהם אוועק, משה־אהרנ'ען הייסט עס, א בריוועל, אז ער־שטענס, האַלט איך נאָך ניט ביי קיין שדוך, צווייטענס, דארף איך וויסען, וויפיעל וויל ער נדן, טאָמער איז דאָס ניט פאר מיין בייטעל? און דריטענס, לאָז קומען יענקעל דער סטאָלער פריהער אקאָרשט אָנקוקען די כלה... קומט מיר אָן צוריק א בריעף פון איהם טאַקי, פון משה־אהרנ'ען הייסט דאָס, אז דאָס, וואָס איך שרייב, אז איך האַלט ניט ביי קיין שדוך — איז בלאָטע, וואָרום ער געהט מיט דעם גאַנג, אז א מיידעל איז ניט קיין יונגעל — וואָס זאָגט איהר אויף זיין אויפטהו? — און דאָס, וואָס איך פרעג זיך נאָך מכות נדן, איז דאָס גלאָט, זאָגט ער, פון מיר א גרויס נארישקייט. מע רעדט דען פון איין אָכס, מע זאָל זיך, זאָגט ער, דארפען דינגען? אזוי טאַקי שרייבט ער מיר. און מכות אָנקוקען מיין טאָכטער איז, זאָגט ער, איין איבעריגע זאך גאָר. וואָרום ס'איז גלייך ווי אָנגעקוקט. געווען עפּיס איי־נער א הייסינער ביי מיר אין שטוב, קאָן ער זיך, זאָגט ער, גאָר פון איהר ניט אָפּלויבען! בקיצור, בריעף אהער, בריעף אהין — איך האָב גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און האָב עולה רגל געווען, צו פוס הייסט דאָס, קיין הייסין. געקומען קיין הייסין און דערזעהען דעם בחור, בין איך צו איהם צוגעזאָדען געוואָרען! וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב נאָך אזא מין אנטיק זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס, ניט געזעהען און ניט געהערט אפילו! מילא, א פנים — א פרינץ; א קאָפּ — א מיניס־טער; א מויל — פּערעל; א האַנד — גאָלד! דאָס לערענט, דאָס רעדט, דאָס שרייבט און דאָס לייענט — אויסקושען דארף

מען איהם איטליכס אבר! היינט שפּיעלט דאָס אויפ'ן פּיעדעל — א כפּרה, הערט איהר, אלע שפּיעלערס מיט אלע כלי־זמר פון דער וועלט! איך וויים גאָרניט, וואו ווערד אזעלכס געבוירען? וואָס טויג אייך, ער האָט מיך געפּלעפט, דער שקאָץ, און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט, אז ס'זאָל זיך קעהרען די וועלט, איך מוז איהם נעמען פאַר א חתן! נאָר געה נעם, אז סע נעמט זיך ניט! נישטאָ מיט וואָס, האָטש לעג זיך און שטאַרב! איין הונדערטער איך זאָל האָטש האָבען, דאָס הייסט, האָטש אויף איבערדרעהען זיך, איהר פאַרשטעהט א מעשה? וואָרום דעם בחור אליין האָט ניט אויסגעמאַכט גאָר ניט, געב איהם יאָ, געב איהם ניט; דער סטאָלער, ימח שמו, האָט זיך אָבער געשטעלט איין מאָל פאַר אלע מאָל, עס מעג קומען די בת־מלכה אליין, וועט ער איהם אָהן נדן נישט לאָזען געהן צו דער חופּה, מע זאָל אויפלויפען. „רב משה־אהרן, זאָג איך, וואָס שוויינט איהר?” „וואָס, זאָגט ער, זאָל איך שרייען? גיט זיך עפּיס איין עצה, זאָגט ער, וואָרום ס'איז שלעכט. מיט דעם סטאָלער, זאָגט ער, וועט איהר גאָרניט מאַכען, ס'איז א ביטערער יונג, איך האָב איהם שוין, זאָגט ער, אליין געוואָלט געבען נעכטען מיט'ן העבעל איבער'ן קאָפּ!” איהר הערט ווער־טער? און דאָ דער חתן דרעהט זיך פאַר די אויגען, נעמט צו ביי מיר א שטיק חיות. איך פיהל, אז ממש איך עס זיך, איך געה־אויס, איך שטאַרב. אָט־אָט שטאַרב איך!... דערווייל, איך טהו א קוק אויף דער אכסניה — רב שלום־בער טעפּליקער! גאָט אליין, טראַכט איך מיר, האָט אייך געבראַכט! און איך בין נישט פויל אויף דער פּען און געה־צו צו אייך און שטעק אייך אָפּ א ברייטען שלום־עליכם, אשטייגער, ווי דאָ אצינד. וואָס מיין איך? איך מיין, אז מסתמא וועט איהר מיך א פרעג טהון, וואָס טהו איך אין הייסין? וועל איך אייך זאָגען — א שידוך; וועט איהר מיך פרעגען: וואָסער שידוך? וועל איך אייך זאָגען — מיט יענקעל דעם סטאָלער; וועט איהר פרעגען: וואָס געב איך נדן? וועל איך אייך זאָגען — אָט דאָס איז טאַקי דער גאַנצער

אומגליק, וואס דער סטאלער הייסט זיך אנידערלעגען א הונדערטער, און איך האב א פייג, ניט קיין הונדערטער — וועט שוין זיין רעכט, איהר פארשטעהט, צי ניין? ווי זשע איז אבער דער דין, אז איהר האט מיך אפילו ניט אנגעהויבען צו פרעגען, וואס איך טהו אין הייסין? האב איך מיך ניט געפוילט און האב אייך אליין דערצעהלט, אז איך בין געקומען נישט צוליעב דעם יריד, נאר מכח א שידוך. וואס האב איך געמיינט? איך האב געמיינט: ווי וועט איהר מיך ניט א פרעג טהון, וואסער שידוך? וועל איך אייך זאגען: מיט יענקעל דעם סטאלער; וועט איהר פרעגען: וואס געב איך נדן? וועל איך אייך זאגען — הערסט דו, אט דאס איז דאך דער גאנצער אומגליק!... צום סוף — ווער? וואס? איהר הויבט אפילו ניט אן צו פרעגען! בין איך מיך מיישב און דערצעהל אייך אליין, ווער דער שידוך איז, און לויב דעם בחור אין טאג אריין, ווי דער אמת איז. הקיצור, איך רעד און איהר שווייגט! איך זעה ארויס, אז מיינע ווערטער קריכען אייך, אפנים, ווינציג־וואס אין קאפ אריין, ווי זאגט מען, אין איין אויהער אריין, פונ'ם אנדערען ארויס; האב איך מיך מיישב געווען: וואס וועל איך דא שפיעלען פאליטיק? אמעהר, לאם איך שוין אפזאגען אלסדינג, ווי זאגט איהר, א צאהן ארויסרייסען — מיט'ן ווארצעל! אודאי האט איהר מיר דעמאלט אפגעזאגט, ווי א טוידטען, און נאך גוט אפגעבארען אויך!

— איך האב אייך אפגעבארען? וואס האב איך אייך דען געזאגט?

— ווילט איהר, איך זאל אייך זאגען מיט א סימן? א נארישקייט געדענקט זיך. איהר האט מיך אפילו געפרעגט, וואס פאר א מחותן בין איך מיט אייך, וואס איהר זאלט זיך צעווארפען אויף מיר מיט הונדערטערס?

— מסתמא האט איהר מיר ניט געזאגט, אויף וואס איהר דארפט...

— נאָך א מין זאָגען! א סימן האָט איהר, איהר האָט מיר אפילו דעמאָלט א זאָג געטהאָן: למאי איהר וואָלט וועלען א שידוך טהון מיט רויטשילדען?... און אז איך האָב אייך געזאָגט, אז ער שפּיעלט אויפ׳ן פיעדעל, דער חתן הייסט דאָס, האָט איהר מיך א פרעג געטהאָן — א נארישקייט געדענקט זיך: „וואָס עפּיס אויפ׳ן פיעדעל? פאַר וואָס ניט אויפ׳ן טרומייט?”... מיר האָט זיך געעקט דאָס חיות, געפּאַלען שטיקער פלייש, און איהר האָט געמאכט חוזק, געזאָגט ווערטלעך. אפּנים, ס׳איז אייך גע־ווען גוט אויפ׳ן הארצען?...

דער טעפּליקער נגיד, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, האָט אויסגעהערט די מעשה, געשוויצט און געשוויגען. ער זאָל גע־דענקען אקוראט, ווי די מעשה איז געווען, געדענקט ער ניט; נאָר געווען איז עפּיס א מעשה מיט א הונדערטער — דאָס ווייסט ער געוויס... און ער שעמט זיך פאַר זיך אליין, פאַר וואָס האָט ער דעמאָלט אָפּגעזאָגט א געמיינעם אידען אין אזא זאך, וואָס פאַר איהם איז דאָס געווען א קלייניגקייט — ער האָט גענוג הונדער־טערס, און פאַר יענעם וואָלט דאָס געווען כמוצא שלל רב. און די מעשה אליין פעראינטערעסירט איהם שטארק, און ער טהוט א פרעג ביי בערעל דעם רויטען:

— נו, און מיט׳ן שידוך וואָס איז געוואָרען ביי אייך?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט?

— ער האָט ניט געוואָלט, דער סטאָלער הייסט דאָס, האָטש געב איהם א קרענק!

— און אייער טאָכטער? אייער מיידעל?

— מיין טאָכטער? אז אָך און וועה איז מיר! זי ליגט שוין לאנג אין דער ערד... איך אליין האָב זי באגראָבען... גע־נומען און באגראָבען א קינד... דאָס הייסט, וואָס בין איך שול־

דיג? פון זיך האָב איך קיין געלט נישט געקאָנט מאַכען!... געוואַרט נאָך אַ יאָהר, נאָך צוויי, קיין אידישער מאָנאַסטיר איז ניט פאַרהאַן, און דאָ די שטיפמאַמע פּיקט — בקיצור, איך האָב זי חתונה געמאַכט פאַר איין איינבינדער, איין אָרעמאַן נעבאַך, אַ גאַנץ עהרליכער אפילו, נאָר אַ קראַנקער, אַ טשאַכאָטניק, אָפּ־געמוטשעט זיך עטליכע יאָהר און אַוועקגעשטאָרבען און איבער־געלאָזט מיר אַ ירושה דריי אייניקלעך יתומים, וואָרום זי האָט זיך אָנגענומען פון איהם די טשאַכאָטקע און איז אין אַ יאָהר אַרום איהם נאָכגעשטאָרבען, זיי צו לענגערע יאָהר. איהר פאַר־שטעהט אַ מעשה? — און אַצינד, לאָ די איך האָב אַליין, קיין עין־הרע, קינדער פוןביידע ווייבער, באַדאַרף איך האָבען אויף זיך נאָך דריי יתומים'לעך. דערפאַר זאָלט איהר אָבער אָנקוקען קינדער, קיין עין־הרע, — איך ווייס ניט, צי ס'איז פאַרהאַן אַזעל־כע געראָטענע קינדער ביי'ם גרעסטען נגיד, מע זאָל אויספאָהרען די גאַנצע וועלט! „זיידע, וואוהין פיהרט מען דיך?“ — האָבען זיי נעבאַך אַ פרעג געטהאָן ביי מיר, בשעת דער המן האָט גע־הייסען מיך נעמען אין „חדר“ אַריין. „קיין הייסין, האָב איך זיי געזאָגט, אויף איין טאָג פאָהר איך אַהינצוצו. איך וועל אייך ברענגען פון דאָרטען, זאָג איך, טשיקעלאַד!“ מיינט איהר, זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, אַז איך זאָג אַ ליגען? איהר האָט באַ־דאַרפט אָנקוקען, ווי זיי האָבען זיך אַלע דריי אַרומגעשטעלט אַרום מיר, ווי די שעפעלעך, נישט געוויינט, ניין! נאָר טרערען זענען געשטאַנען ביי זיי אויף די אויגעלעך. איהר קאָנט פאַרשטעהן, וואָס דאָס איז פאַר קינדער, אַז המן איוואַנאָוויטש אַליין האָט אַרויסגענומען פון זיין אייגענער קעשענע אַ גילדען און האָט זיי געשענקט, זיי זאָלען זיך קויפען קאָנפעקטען.

קאפיטעל ח.

שייך צו העניך דעם בחור און צו זיין הויזגעזינד.

בערעל דער רויטער איז בעצייטענס אנשווייגען געווארען, אויפגעשטאנען פונ'ם ארט, זיך אויסגעגלייכט א ביסעל דעם קראנקען פום און איז צוגעגאנגען צו העניכען, האט איהם מכבד געווען מיט א שנעל אין נאז אריין.

— הער נאר דו, שמינדער בגעץ, האסט זיך גוט אויסגע־שלאפען?

העניך מיט דער בעלמע האט זיך פונ'ם שנעל אויפגעחאפט, זיך אויסגעווישט די אויגען און דערזעהען, דער נגיד קוקט אויף איהם, האט ער זיך געשווינד אויפגעהויבען פון דער ערד, אנ־געהויבען בעלעבעטשען מיט דער צונג, ווי זיין שטייגער איז:

— בין גאר ניט אנגעהויבען שלאפען, אלץ געטראכט האב איך, טאמער חלילה, ווי איך בין א איד, מיין דוד־ליב, מע זאגט מיר מעהר פון אכצעהן אלט, מיט די קינדער וואס וועט זיין?

— א ביסעל א לשון, ברענען זאל ער! — מאכט בערעל דער רויטער צום נגיד. — א רעכטער שלים־מזל! איהר קאנט פארשטעהן, אז איך בין קענען איהם דער נגיד. דאס האט ער מיר צו פארדאנקען, וואס זיין דוד־ליב האט איצט אזא שטעלע און קאן אויסהאלטען, קיין עין־הרע, אזא געזינדעל פון אכט פיקערס.

— נייען, קערט איהר מיינען. — פערדריכט איהם העניך מיט זיין איבערגעקעהרט לשון אויף דער לינקער זייט. — צוויי ברידער מיט א מאמע איין אלטע, און א מיידעל פון א יאהר דרייצעהן דיענט, און נאך א ברודערעל א קלענערס אין א קלייט בלומרשט, און נאך מיידלעך צוויי קליינע, מיט איינעם אין תלמוד־תורה, א יונגערער, היינט וואו בין איך?

— דו ביזט אין דער ערד! — מאכט צו איהם בערעל. — ביזט געווען א בהמה און וועסט בלייבען א פערד! אזוי ווי איהר קוקט איהם אן, אט דעם פעטאך, — מאכט בערעל צום נגיד — האט ער א ברודער דוד־ליב, איז ער א מיניסטער אקעגען איהם. דאס הייסט, איבעריג קלוג איז ער אויך ניט; ער איז א מיטעל־מעסיגער, דאס הייסט, ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קליי־נער נאר. איין מעלה האט ער — ער איז איין עהרליכער. דאס הייסט, זיי זענען אלע עהרליכע, האפען נישט קיין בייגעל פונ'ם מארק. קומט צו געהן צו מיר איינמאל דוד־ליב און דערצעהלט מיר א גאנצע מעשה: באשר אין הייסין האט זיך אויסגעבויעט א צוקערניע, און זי געהער, די צוקערניע הייסט דאס, צו רב זלמן ראדעמישלער, און רב זלמן ראדעמישלער איז א סאדעגירער חסיד, און איך בין א סאדעגירער חסיד, און זיין פאטער בעני טעלער־לעקער, עליו השלום, איז געווען א סאדעגירער חסיד, — בכן וויל ער, דוד־ליב הייסט דאס, איך זאל מיך זעהען מיט רב זלמן רא־דעמישלער און זאל ביי איהם פועל'ען, אפשר וועט ער איהם צו־נעמען, דוד־ליבען הייסט דאס, קיין הייסין אויף דער צוקערניע, איהם געבען עפּיס א שטעלע. „וואס פאר א שטעלע, כדומה למשל, קאנסט דו, זאג איך, פארטרעטען?" זאגט ער צו מיר: „וואסער ס'ניט איז, זאגט ער, אבי א שטעלע". „שטעהן זאלסט דו, זאג איך, אין געהאקטע וואונדען, וואס קאנסט דו?" וואס איך קאן? — זאגט ער. — איך קאן אלסדינג: איך קאן אי חשבונ'ען, אי רעכענען, אי בוכהאלטעריע, אי שרייבען, אי פארשרייבען"... „וואו, זאג איך, האסט דו דאס אלסדינג אויסגעלערנט זיך?" „פון זיך אליין", מאכט ער צו מיר און נעמט־ארויס א בויגען פאפּיער און גיט מיר, איך זאל בעווייזען רב זלמנ'ען זיין כתב. בקיצור, וואס טויג אייך, ער האט מיר אזוי לאנג דעקוטשעט, ביז איך האב איהם אויסגע'בטל'ט אלע בייזע חלומות, און האב זיך אוועקגעלאזט קיין הייסין צו רב זלמן ראדעמישלער, און דוקא, ווי זאגט ער, המן איוואנאוויטש, מיט די רגלים. געקומען קיין

הייסין צו רב זלמנ׳ען — לאָזט מען מיך ניט אריין. וואָס איז די מעשה? זאָגט מען מיר: אויב איך בין געקומען גלאַט אַזוי, האָט רב זלמן קיין צייט ניט, און אויב איך דאַרף האָבען „פּאַ־דיעלו", זאָל איך מיך מטריח זיין אין קאָנטאָר אריין. בין איך מיך מיישב: פּע, סע שטעהט מיר ניט אָן די גאַנצע מעשה! וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים — ניטאָ קיין צייט? פּאַ־דיעלו? קאָנטאָר? ביי אונז, סאַדעגירער, געהען נישט אָן אַזעלכע שטיק! „געהט, זאָג איך, זאָגט רב זלמנ׳ען, אַז איך, בערעל דער רויטער פון טעפּליק, בין געקומען צו איהם מכוח זעהר אַ נויטיגען ענין, און דוקא ניט פּאַ־דיעלו, און דוקא באַלד, וואָרום איך האָב קיין צייט ניט!" זאָגט מען מיר: רב זלמן דאַווענט, ער האַלט פון פאַרענט. „אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּיס אַנדערש! דאַווענען פון פאַרענט דאַווען איך אויך". האָטש אפילו, אַז מע וויל שמועסען צוריק, וואָס געהער זיך אָן איינם מיט׳ן אַנדערען? מע קאָן דאַווענען פון פאַרענט און אָפּמאַכען בשעת מעשה טויזענד גע־שעפטען. נאָר ווי די מעשה איז — אַ נגיד איז ער דאָך, און פאַר אַ נגיד דאַרף מען האָבען דרך־ארץ; אַ סימן — ווען איך בין, למשל, אַ נגיד, וואָלט פאַר מיר די גאַנצע וועלט געהאַט דרך־ארץ... בקיצור, איך זעץ מיך אוועק און וואַרט. איך וואַרט אַ שעה און צוויי און דריי, און דוקא אין דרויסען ביי דער טהיר — אַ מעשה אָהן איין עק. איך זעה: מענטשען געהען אויף־און־אָפּ, דער אריין, דער ארויס. פון קיך דערוויייל טראָגט מען סאַמאָ־ווארען מיט כל המינים גוטע זאַכען... קלער איך מיר: ע, דאָס טויג דאָך אויף כפרות! מע זאָל מיך אַזוי פיהרען אין באָד אריין — דאָס שטעהט מיר שוין ניט אָן! און בין מיך מיישב, וואָס וועל איך וואַרטען אויף כבוד? איין עפען־אויף די טהיר, און אריין גלייך אין שטוב אריין, און „שלום־עליכם, רב זלמן!" „עליכם שלום, פון וואַנען איז אַ איד?" „פון טעפּליק, זאָג איך, איהר האָט מיך ניט דערקענט? בערעל הייס איך, געוועזען אינאייגעם אַמאָל אין סאַדעגירע". „סע קאָן זיין, מאַכט ער, נאָר איך האָב

איך ניט דערקענט און קען אייך איצטער אויך ניט; ס׳איז ביי מיר, זאָגט ער, ניט פאַר אייך געדאַכט, שטאַרק געשלאָגן די ראיה. געווען, זאָגט ער, ביי מאַנדעלשטאַמען, מיר פאַרשריבען שוואַרצע ברילען און אָנגעזאָגט, איך זאָל ניט לייענען גאָרניט און ניט שרייבען און היטען זיך פון דער שיין״... „ע, טראַכט איך מיר, רב זלמן, איהר פאַררעדט מיר די צייהן״... און רוף זיך אָן צו איהם: „הערט זשע אויס, רב זלמן, די מעשה דערפון איז אַזוי. בענין האָט איהר דאָך געקענט, מסתמא?״ מאַכט ער צו מיר: „וואָסער בענין?״ „בעני טעלערלעקער, זאָג איך, פון טעפּליק״. — „ניין, מאַכט ער, איך הער דאָס ערשטע מאָל אַזאַ נאָמען — טעלערלעקער״. „וואָס טויג מיר, זאָג איך, רב זלמן, פוילע תנועות? איהר האָט איהם גאַנץ גוט געקענט, מיר האָבען אינאיינעם, זאָג איך, געטרונקען מיט איהם וויין אין סאַדעגירע, און געטאַנצט ביי׳ם רבין אויפ׳ן טיש, און ניט איין מאָל אפילו געקושט זיך, לאָז ער זיין ווייט אָפּגעשיידט, ער איז שוין אויף דער אמת׳ער וועלט, דאָ ניט לאַנג געשטאָרבען, אייך צו לענגערע יאָהר״. דערהערט די דאָזיגע ווערטער „געשטאָרבען״, ווערד מיין רב זלמן גאָר איין אַנדער מענטש — די נגידים האָבען, אַפּנים, שטאַרק מורא פאַר׳ן טוידט! — און רופט זיך אָן צו מיר: „וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?״ „וואָס, זאָג איך, זאָל איך וועלען? איך וויל נאָר מקיים זיין צוואת המת; דער דאָזיגער בעני טעלערלעקער, עליו השלום, האָט אַ פּאָר שעה פאַר׳ן טוידט צוגערופען מיך און נאָך אידען און דערצעהלט אַ מעשה, אַז ער איז געווען ביי אייך אַ פּאָר מאָל אין הייסין, געוואָלט מיט אייך עפּיס איבערשמועסען, האָט מען איהם ניט צוגעלאָזט, און מחמת ער איז געווען אַ מענטשעל, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ שטילס, לאָז ער מיר מוחל זיין, אָהן חכמות, האָט ער געזעהען, מע לאָזט ניט צו, האָט ער פאַרקערעוועט דעם דישעל און מאַרש צוריק אַהיים. אַצינד, אַז ער האַלט ביי געהן אין אַזאַ ווייטער נסיעה, וואָס צוריק קומט מען שוין ניט, געזעגענט ער זיך מיט איטליכען באַ־

זונדער און לאָזט גריסען פריהער דעם רבין און נאָכדעם אייך, און בעט, מע זאָל אייך איבערגעבען, אז ער פארלאָזט זיך אינ־גאַנצען אויף אייך, אז איהר וועט מסתמא די אלמנה מיט די יתומים ניט פארלאָזען". „וואָס זשע קאָן איך פון זייערטוועגען טהון?" מאכט ער און נעמט זיך צו דער קעשענע. טראַכט איך מיר: א נדבה? צדקה תציל ממות? פע! „וויל איך, אז איהר זאָלט, זאָג איך, צונעמען זיין עלטערען זוהן דוד־ליבען, איהם געבען עפּיס א שטעלע". א נגיד, אז ער דערהערט דאָס וואָרט „שטעלע", באַקומט ער דעם שלאַג. „ווי קומט צו מיר א שטעלע? וואו האָב איך היינט שטעלעס? פּארנומען אלע שטעלעס!" „דאָס וועט איהר, זאָג איך, דערצעהלען איין אנדערען, און מיט מיר טאָרט איהר אזא שפּראַך ניט רעדען, און בעני'ס יונגעל באַ־דאַרפט איהר צונעמען גאָר אָהן א שום תירוץ. ער קאָן, זאָג איך, חשבונ'ען, און רעכענען, און בוכהאַלטעריע, און שרייבען, און פאַר־שרייבען, און הייסט, זייט מוחל, געבען א ביסעל בראָנפען און עפּיס צובייסען, וואָרום איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט".

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין — די סאַדע־גירער זענען ביי זיך פּראַסט; ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער נעמט איהם צו, און איך האָב עולה רגל געוועזען אהיים און האָב צוגעשיקט צו איהם דוד־ליבען, און ער האָט זיך דאָרט פריהער אביסעל אָפּגעוואַלגערט, וואָרום רב זלמן האָט איהם געזאָגט, אז ער מוז איבעררעדען פריהער מיט'ן זוהן, מיט רב יוסילען, און רב יוסילע איז נימאָ. נאָכדעם, אז ס'איז געקומען רב יוסילע, איז ניט געוועזען רב זלמן. וואָס טויג אייך מעשיות, מע האָט איהם צוגענומען, און ער איז היינט דאָרטען גאָר א גאַנצער פּלאַקענ־שיסער.

— א קאַסירער, — פערריכט איהם העניך און ניט צו פער־שטעהן אויף זיין לשון, וואָס בעדייט קאַסירער: — ער פאַר־

נעמט זיך מיט געלט הייסט דאָס, ער נעמט־צו געלט און אַרוים גיט ער געלט.

— אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט זיי קלאָר געמאַכט, וואָס הייסט קאַסירער, אַניט, וואָלטען זיי ניט געוואוסט. — מאַכט צו איהם בערעל דער רויטער און געהט צום עטאַפּ און טהוט איהם אַ טאַרע ביי דער סווימע און וועקט איהם אויף.

— עי, לאַוורע, מיט׳ן קאָפּ זאָלסט דו אָנלעגען, פּאָרא נאַ פּאָח־מעליע!

און לאַוורע פאָלגט איהם, שטעהט־אויף פּאַוואָלי פון דער ערד, פערשטעלט זיך מיט דער האַנד און קוקט אין הימעל אַריין, וואו האַלט די זון, נעמט דעם שטעקען, צעהלט איבער די דריי אַרעסטאַנטען און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

קאַפּיטעל ט.

דער נגיד שלאָגט זיך על־חטא.

די זון האָט שוין געהאַלטען וויים באַרג־אַראָפּ אינ׳ם שפּאַציער איבער׳ן טיעפען בלויען הימעל, די היץ האָט אָנגעהויבען ווערען אַ ביסעל קלענער, און דער עטאַפּ האָט געהאַלטען ביי אַריינצוקו־מען קיין גראַנאָוו — דער ערשטער פּונקט פון זייער נסיעה, און בכדי מע זאָל קומען פאַרטיג אויפ׳ן אָרט, האָבען זיך אַלע דריי אַרעסטאַנטען אוועקגעשטעלט הינטער׳ן שטאָדט, נעבען אַ ווינט־מיהל, מיט׳ן פּנים צו מזרח, דאַוונען מנחה, און לאַוורע איז גע־שטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן גרויסען שטעקען, וואָס מיט׳ן אייזער־נעם שפּיץ פון אונטען. דאָס הימעל פעררוקט אַ ביסעל צוריק, און געקוקט, ווי די אידען שאָקלען זיך און שלאָגען זיך מיט די הענד אין הארצען. געשמאַקער פון אַלע האָט געדאַוונט דער נגיד. שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האָט שוין לאַנג מיט אַזאַ כונה

ניט געדאַווענט, ווי אַצינד. ער האָט זיך באמת געשלאָגען: אשמנו, בגדנו, גזלנו, מיט'ן גאַנצען האַרצען, חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געזינדיגט פאַר לייטען, געקאָנט העלפען איין אָרעמען אידען און ניט געהאָלפען, געקאָנט איהם גליקליך מאַכען אפשר און האָט דאָס ניט געטהאָן. פאַר וואָס? ווייסט ער אַליין ניט! און ער האָט גענומען פערגלייכען זיך צו אָט דעם קבצן, בערעל דעם רויטען, און ס'איז איהם געווען בזי־בזיון פאַר זיך אַליין. אָט דער דאָזיגער קבצן, וואָס האָט אַליין קוים אַ טאָג אײַ־בערצוקומען, האָט זיך ניט געפוילט פון יענעמ'ס וועגען געהן צו־פוס, אונטערפאַלען צו אַ גביר, זיך מאַכען מיט דער בלאָטע, אבי טהון אַ טובה איין אָרעמען אידען. און ער? שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק האָט נישט געוואָלט הערען, נישט זעהען יענעמ'ס צרות — קאַלט, קאַלט ווי אייז. און עס האָט איהם שטאַרק־שטאַרק פערדראָסען, וואָס סע האָט זיך אַזוי געמאַכט, און מעהר פון אַלץ האָט איהם פערדראָסען די מעשה מיט'ן שידוך אין הייסין אויפ'ן יריד... ער האָט דערפיהלט, אַז ער, שלום־בער, איז פאַר בערעל דעם רויטען אַ גרויסער חייב, און אפשר האָט ער אַ גרויסען חלק אין בערעל דעם רויטענ'ס טאָכטער'ס טוידט, וואָרום ווען ער הערט זיך דעמאָלט צו צו זיין בקשה, ווען ער לעגט־צו כאָטש אַ לויט רחמנות, כאָטש איין טראָפּען ליעבשאַפט צו איין אָרעמען אי־דען, בשעת יענעם ליגט דער חלק אויפ'ן האַלז, וואָלט איצט אפשר יענעמ'ס טאָכטער געלעבט און געווען אפשר גליקליך?... און שלום־בער פיהלט זיך, אַז ער זאָל קאָנען פערריכטען כאָטש וויפיעל ס'ניט איז זיין פערברעכען, עפּיס ברענגען אַ קרבן, מיט וואָס ניט איז פערשמירען, בעפּוצען, פערהיילען די דאָזיגע מכה, וואָלט איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונד. נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי ער זאָל דאָס טהון? און ער פערטיעפט זיך אינ'ם דאַוונען, און דאָס גאַנצע לעבען זיינס שטעהט־אויף פאַר זיינע אויגען, ווי פון אַ קבר, און כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען טראַכט ער וועגען אַזעלכע זאַכען, כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען דערזעהט

ער זיך ווי אין אַ שפּיעגעל; ער דערזעהט זיך דורך און דורך, און ער פערשטעהט ניט, ווי אַזוי איז ער געווען ביז אַהער אַזוי בלינד? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען אויף זיך, אַז ער איז איין עהרליכער איד און אַ לייטישער מענש? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז יוצא דערמיט, וואָס ער דאַווענט אַלע טאָג און וואָס ער רוקט־אַריין אַמאָל אַ האַרטען דרייער אַ נדבה?...

און דער טעפּליקער נגיד, שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק, הויבט זיך אָן דערמאַנען, ווי אַזוי ער האָט „געטהאָן צדקה", זיך געדונגען פאַר איטליכען גראָשען, וואָס מע האָט ביי איהם געריסען ווי מיט צוואַנגען, און ער דערמאַנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אַריינגעגעבען אַמאָל אַ ספר־תורה אין שוהל אַריין, געטהאָן דאָס פאַר זיין נשמה, מחמת ער האָט נישט קיין קינדער, האָט נישט קיין קדיש, געמאַכט אַ סיום־התורה, ניט געזשאַלעוועט קיין לעקאַך און בראַנפען, געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען, אַז דער סופר רב שמשון איז געקומען צו איהם בעטען אַ גמילות־חסד, האָט ער איהם אָפּגעזאָגט ווי אַ טוידטען... וכדומה אַזעלכע „מעשים טובים" הויבט ער אָן דערמאַנען זיך אַצינד, און ער ווערד פערברענט פאַר בושה פאַר זיך און פאַר אַ סך אַזעלכע שענע אידען נגידים ווי ער, וואָס זענען פערקאַכעט אין זייער געלד, וואָס קאָנען זיך מיט דעם ניט צעשיידען. און שלום־בער דערפיהלט, אַז זיין נשמה איז ביז אַהער געשלאָפען, אַז זיין האַרץ איז געלעגען ערגיץ אונטער אַ פרעס, מיט אייז בעדעקט. קיין קאָפּ וואַרעמקייט, קיין ברעקעל רחמנות! און עס ווילט זיך איהם עפּיס טהון אַצינד פון בערעל'ס וועגען, עפּיס אַזעלכס, וואָס זאָל פעררייכטען דעם גרויסען פעהלער, פערגעבען די גרויסע עבירה קעגען איהם, אָפּוואַשען זיין שולד! נאָר ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל טהון און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טהון. און ער לאָזט זיך אַראָפּ גאַנץ טיעף צו זיך אין האַרצען, אין דער נשמה אַריין, און פערשטעהט ניט בכלל, וואָס איז געווען ביז אַהער זיין לעבען אויף דער וועלט, און וואָס האָט ער דאָ מתקן געווען? אָפּגעלעבט זעכס און פופציג

יאָהר, מעהר ווי דריי פערטעל פון זיין לעבען, געפיהרט אַ לאַנגע מלחמה, געקליבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען, נישט געגעבען יענעם, נישט פערגונען זיך אַליין, — פון וועמענ׳ס וועגען וועט דאָס אַלסדינג זיין? וועמען וועט ער דאָס איבערלאָזען, אַז קיין קינדער האָט ער ניט, און די קרובים זענען איהם שונאים — זיי זאָלען קאָנען, וואָלטען זיי איהם דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער! און שלום־בער הויבט־אָן אונטערפיהרען אַ חשבון צו אַלץ, וואָס ער האָט געטהאָן, און איבערקלערען, פאַר וואָס האָט ער אַזוי פיעל שונאים? פאַר וואָס האַלט נישט פון איהם די וועלט? און עס שטעהען־אויף פאַר איהם זכרונות שוין לאַנג פערגעסענע און מחשבות, וואָס זענען געלעגען ביי איהם ביז אַהער טיעף אויפ׳ן דעק פון זיין נשמה, און עס ווערד איהם קאַלעמוטנע אויפ׳ן הארצען... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אויף די עלטערע יאָהרען חאָטש פערבעסערען זיך, און זיין נשמה האַפט זיך אויף, און זיין הארץ ווערד צעגאַנגען, און אין זיינע אויגען ווערד ליכטיג — ער דערזעהט אַזעלכעס, וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געזעהען, און דערפיהלט אַזעלכעס, וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געפיהלט. ער פיהלט זיך ווי אַ נייגעבאָרענער, עפּיס אַזוי פריש און לעבעדיג, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין זיין לעבען.

אָפּגעדאַווענט מנחה, לאָזען זיך אונזערע פּאַרשוינען מיט׳ן עטאַפּ וויטער אין וועג אריין. בערעל שפּרינגט־אונטער מיט איין פוס, מאַכט חוזק פון העניכען, און דער נגיד געהט פערטראַכט. אַלע מאָל גיכער און גיכער. זיין קאָפּ איז איצט פול מיט מחשבות, זיין הארץ פול מיט געפיהלען! עפּיס קלערט ער, עפּיס טהוט ער, עפּיס בויעט ער.

— וואָס לויפט איהר אַזוי? — מאַכט צו איהם בערעל דער רויטער. — איהר פליהט אַזוי, אַז איך קאָן אייך מיט מיין קראַנקען פוס ניט אָניאָגען.

— ס׳איז אייך שווער צו געהן, רב בערעל? — אַזוי מאַכט צו איהם דער נגיד מיט אַזאַ ווייכקייט, וואָס ער האָט דאָס פון

איהם נאך קיינמאל ניט געהערט. — האלט זיך אן ביי מיר, נאט אייך מיין האנט, רב בערעל. אם ירצה השם, אז מיר וועלען קומען בשלום צוריק אהיים, זאלט איהר ביי מיר זיין, און דו אויך, העניך, ווארום איך דארף אייך זעהר נויטיג האבען, איך דארף אייך עפּיס זאגען.

בערעל האט ניט פערשטאנען, וואס פאר א נויטיגע זאך בע־דארף ער זיי זאגען? און פאר וואס עפּיס אין דער היים דוקא? פאר וואס זאל ער עס ניט זאגען באלד? און בכלל, וואס איז ער עפּיס פלוצים געווארען אזוי ווייך און האפערדיג?...

פון העניכען שמועסט מען ניט; יענער האט גאר געעפענט דאס מויל, ניט פערשטאנען, וואס הייסט איהם דער נגיד קומען? ער האט זיך איינגעשטעלט און האט א זאג געטהאן:

— אויב נאר ער וועט רחמנות האבען דער אויבערשטער, דוד־ליב מיינער וועט ארויס...

— סאי ווי סאי, — מאכט צו איהם דער נגיד, — טאמער אפילו ניין — נעם איך איהם אויף זיך, דאס הייסט, אייך נעם איך אויף זיך, אלעמען נעם איך אויף זיך... האלט זיך אן אן מיר, רב בערעל, ס'איז אייך שוועהר צו געהן...

* * *

אז דער עטאפ איז ארייגעקומען קיין גראנאוו, איז שוין די זון געווען א פערגאנגענע, איבערגעלאזט נאך זיך א סימן, א גרוי־סען גילדענעם פאס אויפ'ן ברעג הימעל. און בעגעגענט האט מען אונזערע פארשווינען מיט מוזיק — א גאנצער כאהר, וואס איז גע־ווען אויסגעמישט פון א קוואקען פון זשאבעס און פון א מעקען פון דער טשערעדע שאף און ציעגען, וואס האבען אויפגעהויבען א מורא'דיגען שטויב — און דאס איז געווען דאס גליק, וואס איבער די גראנאווער ציעגען האבען די גראנאווער אידען דורכגע־לאזט דעם עטאפ, נישט בעמערקט אפילו, ווען מע האט דא

אניט, וואָלטען זיי די גראַנאַ־ דורכגעפיהרט פּאַרביי גראַנאָוו! ווער אידען דאָרט מקבל פּנים געוועזן מיט'ן זעלבען כבוד און אַרויסגעבעגלייט מיט דעם זעלבען פּאַראַד, ווי מע האָט זיי מקבל פּנים געוועזן נאָכדעם אין מיכאַילאָווקע, אין מיטשולקע, אין קראַס־ נאָפּילקע, אין זדאַקאָוויץ און אין די אַלע איבעריגע שטאָפּנע פּונק־ טען, וואָס צווישען טעפּליק און צווישען הייסין.

הונדערט איינם

אַ מעשה

געשריבען אין יאָהר 1903

הונדערט איינס

א.

דער שענער דער אלטער טייך בוג, וואָס לויפט איבער'ן יוג צווישען דניעפּער און צווישען דניעסטער און פּאָלט־אריין, ווי זיי, אין שווארצען ים אריין, שניידט־דורך לויפענדיג צוויי גובערניעס, חערסאָנער און פּאָדאָליער, דאָרט וואו עס ליגען צוואָרפען אָהן א שום סדר צוויי אידישע שטעדטלעך: האָלטע און באָהאָפּאָליע. די דאָזיגע צוויי שטעדטלעך — דאָס איז, אייגענטליך, איין שטאָדט, נאָר דער טייך האָט זיי ווי צעשיידט, ווי צעריסען אויף דער האלב, און מענשען האָבען זיי צוריק צונויפגעבונדען מיט א בריק, אזוי אז פוןביידע שטעדט איז געוואָרען ווידער איין שטאָדט: אָט זענט איהר, דאכט זיך, אין באָהאָפּאָליע, עס געהט ניט אוועק קיין פינף מינוט — זענט איהר שוין אין האָלטע; און דאָס אייגענע צוריק: אָט זענט איהר נאָר־וואָס געווען אין האָלטע, איהר טהוט א קוק — אהא, איהר זענט שוין ווידער אין באָהאָפּאָליע!

האָלטע האָט א צייט מיט יאָהרען זיך גערעכענט פאר א דאָרף, און באָהאָפּאָליע — פאר א שטעדטעל. איז דערפאר אויף האָלטע געפאלען דער גורל פונ'ם 3־טען מאי 1882, אז אידען טאָרען זיך דאָרטען איבערנאכטען ניט בעזעצען.

פון דעמאָלט אָן איז האָלטע געוואָרען שטאַרק חשוב ביי די באָהאָפּאָליער אידען, וואָס האָבען אַלע מיט אַ מאָל בעקומען חשק זיך בעזעצען דווקא אין האָלטע, און דווקא נאָכ׳ן 3־טען מאַי.

פון יענעם 3־טען מאַי אָן האָבען די באָהאָפּאָליער אידען אָנ־געהויבען זיך שטילערהייד אַריבערפּעקלען קיין האָלטע. נאָר ס׳איז זיי ניט געראָטען; מע האָט זיי געבעטען מחילה זעהר שען איבער דער בריק צוריק קיין באָהאָפּאָליע: „גאָספּאָדין איצקאָ, פּאָזשאַ־לאָיטיע נאַזאַד דאָ באָהאָפּאָלסקאהאָ ראַבינאַ!״ אָדער מע האָט איהם פערקערעוועט דעם וואָגען אָהן וועדטער און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ געלעכטער: „אַ פּאָהר־פּאָהר נאַ באַרדיטשעוו״.

— סטייטש! — האָט נעבאַך יענער גע׳טענה׳ט. — איך בין אַ האָלטער פון כמה וכמה יאָהרען! יאָ מאָיע סאָבסטוועננע גאָרעד או שקאָלע — איך האָב דאָרט איין אייגענע שטאָדט אין בית־מדרש! יאָ מאָיע סקילקע ראָדיטשי נאַ קלאַדבישטשע — איך האָב דאָרט קרובים אויפ׳ן בית־עולם!

די אַלע טענות האָבען אָבער געהאָלפען, ווי דער פּאָראָיאָהד־ריגער שניי.

— דאָקומענטע — פּאַפּיערען! — האָט מען איהם געענט־פערט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה מיט „פּאַפּיערען״. אידען האָבען דעמאָלט געגעבען צו לייזען געלד פאַר פּאַפּיער... די חאָרדאָטאַיעס האָבען מאַסף ממון געווען, די מוסרים האָבען גע־האַט וואָס צו טהון... ווער מען עס האָט בעגאָלטען, און וועמען ניט. אַ סך האָבען אידען אַליין קאַלי געמאַכט זיך מיט זייערע מסירות; איבער זייערע מסירות האָבען נעבאַך אַ סך משפחות געמוזט פער־נעמען די בעבעכעס און עמיגרירען איבער דער בריק פון האָלטע קיין באָהאָפּאָליע, און ס׳איז צוגעקומען נייע קבצנים, נייע עסערס, וואָס עסען איינס דאָס אַנדערע... אידען האָבען זיך ניט געוואָלט אַזוי גיך אונטערגעבען, האָבען זיי מלחמה געהאַלטען (אויף פּאַ־פּיער, געוויינטליך). און ס׳איז אַוועק אַ מלחמה צווישען אידען מיט פּאָליציע און צווישען אידען מיט אידען; עס זענען געפלוי־

געז פּאַפּיערען אין פּאָליציע, פון פּאָליציע אין דער גובערניע, פון דער גובערניע אין סענאַט, פון סענאַט אין דער גובערניע און פון דאָרט צוריק אין פּאָליציע — און די מלחמה האָט זיך אַזוי גע־צויגען צוואַנציג יאָהר כסדר. איך האָב מורא, אַז דער היסטאָ־ריקער, וואָס וועט אַמאָל קומען בעשרייבען די געשיכטע פון די דאָזיגע צוויי שטעדטלעך, וועט ער מוזען דאָס דאָזיגע שטיקעל צייט אַ נאָמען געבען: „די געשיכטע פון דער צוואַנ־ציג־יעהריגער מלחמה”. די האָלטער מיט די באָהאָפּאָליער אידען וועלען שוין וויסען וואָס מע מיינט...

צווישען די אנשי־מלחמה זענען געווען צוויי מענשען: ירחמיאל־משה באָהאָפּאָלסקי פון האָלטע און זיינער אַ בלוטיגער שונא נחמן־ליב האָלטיאַנסקי פון באָהאָפּאָליע.

ב.

עס זאָל אייך גאָר ניט זיין קיין חידוש און איהר זאָלט ניט פרעגען קיין קשיות, וואָס ירחמיאל־משה איז אַ האָלטער און הייסט באָהאָפּאָלסקי און נחמן־ליב איז אַ באָהאָפּאָליער און הייסט האָלטיאַנסקי? למאי איך קאָן איינעם אַ טשערקאַסקי, וואָס וואָהנט אין ביעלאָצערקאָוו, און איינעם אַ ביעלאָצערקאָווסקי, וואָס וואָהנט אין טשערקאַס? היינט קאָן איך איינעם אַ טאַראַשטשאַנ־סקי, וואָס וואָהנט אין קרעמענטשוג, און אַ קרעמענטשוצסקי, וואָס זיצט אין טאַראַשטשע? דאַכט זיך, וואָס וואָלט געווען אַזוי שלעכט, אַז טשערקאַסקי, וואָס קומט אַרויס מסתמא פון טשערקאַס, זאָל זיך זיצען אין טשערקאַס, ביעלאָצערקאָווסקי אין ביעלאָצערקאָוו, טאַראַשטשאַנסקי אין טאַראַשטשע און קרעמענטשוצסקי אין קרע־מענטשוג? איז דער תירוץ: ווען איטליכער מענש זאָל דאַרפען זיין צוגעבונדען צו זיין שטאָדט, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט געהאַט!... נאָר מיר קעהרען זיך אום צום 3־טען מאי 1882.

נחמן-ליב האָלטער, וואָס איז כל ימיו געווען אין באַהאַפּאָליע, האָט בעדאַרפט פּונקט דעם 2-טען וואָס אַקעגען יענעם 3טען מאַי נעכטיגען אין האַלטע און זיין דאָרטען פערשריבען ביי'ם אוריאַד-ניק אויף אַ פּראָטאָקאָל — און דאָס האָט איהם געדיענט פּאַר אַ בעוויז, אַז ער איז אַ האָלטער תושב. אָט דאָס הייסט, אַז סע באַשערט איינעם אַ גליק, דעם אַנדערען איין אומגליק!

סע פערשטעהט זיך, אַז ירחמיאל-משה'ן האָט די דאָזיגע מעשה רעכט פערדראָסען, און ער האָט געטהאָן אַלסדינג, וואָס ער האָט געקאָנט, און האָט אַזוי לאַנג געגראָבען אויף נחמן-ליב'ען, ביז ער האָט דערוויזען מיט אותות ומופתים, אַז נחמן-ליב איז אַ באַהאָפּאָליער. אודאי איז נחמן-ליב אויך ניט געשלאָפען און אויסגעוויזען מיט פּאַפּיערען, אַז דעם 2-טען אַקעגען 3-טען מאַי 1882 איז ער געווען פערשריבען אין האָלטע ביי'ם אוריאַדניק אין די ביכער; אַ סימן איז: דער נאָמען אַליין, האָלטיאַנסקי, בעווייזט, אַז ער, נחמן-ליב, איז אַ האָלטער, און ירחמיאל-משה איז אַ באַהאָפּאָליער, ווי דער נאָמען זיינער בעווייזט: באַהאַ-פּאָלסקי פון באַהאָפּאָליע...

אַזוי האָט געשריבען נחמן-ליב אין דער גובערניע אַריין אויף ירחמיאל-משה'ן. ירחמיאל-משה האָט אָבער אויך ניט געשוויגען. ער האָט אַרויסגענומען פּאַפּיערען און אויסגעוויזען מיט עדות, אַז נחמן-ליב, חאָטש ער רופט זיך האָלטיאַנסקי, איז ער אַ באַהאָ-פּאָליער. אַ סימן: ער האָט אין באַהאָפּאָליע איין אייגענע דירה מיט אַ שטאָדט אין דעם מגיד'ס קלויז. וואָס דאַרף אַ האָלטער איד אַ דירה אין באַהאָפּאָליע מיט אַ שטאָדט אין דער באַהאָפּאָ-ליער קלויז?

הקיצור, מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגען מיט פּאַפּיערען אין דער גובערניע אַריין, און די צוויי אידען האָבען זיך אַזוי צו-געגעסען, ביז ס'איז אָנגעקומען, מע זאָל זיי ביידען אַרויס'משלח'ען פון האָלטע און אַכטונג געבען, מע זאָל זיי אַהינצו ניט אַריינ-לאָזען, אַ חוץ בייטאָג.

ג.

— בהמה, וואָס שוויגט איהר?

— וואָס וועט מיר העלפען, אז איך וועל שרייען?

— פאַרהאַן אַ סענאַט, גיט איין אין סענאַט!

— וואָס זאָל איך איינגעבען אין סענאַט, אז די גובערנסקי פּראַוולעניע האָט געפונען, אז איך בין אַ באָהאָפּאָליער?

און דערצו האָט זיך אַריינגעמישט ירחמיאל־משה'כע:

— מע דאַרף ניט געהן אין סענאַט! סענאַט פעהלט איהם נאָך! דו ווילסט, אפּנים, מע זאָל אונז אַרויסשיקען פון באָהאָ־פּאָליע אויך?

אומעטום פלעגט ירחמיאל־משה'כע אויספיהרען. נאָר דאָ האָט זי ניט געקאָנט פועל'ען גאָרניט. ירחמיאל־משה איז געווען אַ גוטער עקשן און איז אַוועק מיט אַ פּאַפּיער אין סענאַט אַריין, און שטעלט אייך פאָר אַ מעשה:

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבש שטיקעל צייט, איך האָב מורא אויב ניט אַ יאָהר צוואַנציג; איינמאָל זיצט ער זיך אַזוי ביי זיך אין קלייט, תחילת זומער איז דאָס געווען, ער האָט אפילו ניט אין זינען געהאַט דעם סענאַט אין דער לינקער פּאה, כמעט פערגעסען גאָר, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ סענאַט אויף דער וועלט, קומט מען צו געהן און מע רופט איהם צום פּריסטאַוו.

— וואָס איז שוין עפּיס אַ נייעס ביי דיר? ווידער אַ מאָל „סוויטשנע סבאָר"? זיינע עסקים! — רופט זיך אָן ירחמיאל־משה'כע צו ירחמיאל־משה'ן.

— לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אינ־איינעם! — מאַכט ירחמיאל־משה. — אַ פּריסטאַוו רופט, קאָן מען קיין דבר־אחר ניט זיין און מע מוז געהן.

— זעה נאַר, מע זאָל דיך דאַרט חאַטש ניט „רעשטע־ווען״! — בעגלייט איהם אַרויס ירחמיאל־משה׳כע פון קלייט מיט אַ יברכך.

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, איז ירחמיאל־משה אַריינגעפלויגען אין קלייט אַריין, קוים געקאָנט אויסרעדען:

— מזל־טוב!... אָנגעקומען פון סענאַט... געקומען, אַז איך בין אַ באַהאַפּאַליער... איך מעג שוין, הייסט דאָס, זיצען אין באַהאַפּאַליע...

ירחמיאל־משה׳כע האָט אַ פּליעסק געטהאָן מיט די הענד:

— אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס זאָגט איהר אויף דעם מזל־טוב? ער מעג שוין זיצען אין באַהאַפּאַליע!

— טפו, וואָס זאָג איך באַהאַפּאַליע? איך מיין האָלטע מיין איך!

— האָלטע? אזוי זשע רעד!... נו, ירחמיאל־משה, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסט דו מיר געזאָגט?

— איך האָב דיר ניט געזאָגט, זאָלסט געהן אין סענאַט?...

ירחמיאל־משה איז געווען אזוי צופריעדען, אזוי גליקליך, אַז ער איז אַרויסגעלאָפען אין שטאָדט און אויסגעפויקט פון איין עק ביז׳ן אַנדערען, אַז ס׳איז אָנגעקומען פון סענאַט, אַז ער איז אַ האָלטער און מעג זיצען אין האָלטע, און ער קלויבט זיך אַריבער, אם ירצה השם, אין גיכען קיין האָלטע. ירחמיאל־משה האָט דעם טאָג נישט געגעסען, נישט גערוהט; ער איז געלאָפען פון איינעם צום אַנדערען. עס האָט איהם עפּיס געטראָגען אין דער לופטען. וועמען ער האָט בעגעגענט, האָט ער אָפּגעשטעלט.

— געהערט?

— וואָס? פון סענאַט? געהערט, ווי דען? מזל־טוב אייך.

— מיט מזל זאָלט איהר לעבען.

— װען רעכענט איהר אריבערפאָהרען?
— אם ירצה השם, נאָך שבועות.
— לאָז גאָט געבען אין אַ גוטער שעה.
— אַ דאַנק!

ד.

אַ ישועה, אַז גאָט העלפט אַ מענשען, איז אודאי זעהר גוט, נאָר אַ ישועה מיט אַ נקמה אינאײנעם — דאָס איז אײנע פון די גרעסטע זאַכען אויף דער װעלט, װאָס דאָס פערגעניגען דערפון לאָזט זיך ניט בעשרײבען; זעהען, װי יענער איז מקנא, װי דער שונא װערד צעזעצט קוקענדיג, נעמט־אײן אַ מיתה משונה — דאָס גיט־צו דעם מענשען אַזױ פיעל מוטה, שטאַרקײט און אכזריות, אַז פאַר נצחון פערגעסט ער זיך און הױבט אָן צו טהון נאַרישקײטען.

אונזער ירחמיאל־משה האָט ניט אױפגעהערט צו גראַגערען מיט'ן סענאַט אױף יעדען טריט און שריט, אַזױ אַז עס האָט זיך אַלעמען צוגעגעסען, געװאָרען נמאס, טריף װי חזיר. עס האָט שוין פשוט געשלאָגען צו דער גאַל אױסהערען פון איהם נאָך אַ מאָל סענאַט, און װיעדער אַ מאָל סענאַט, און אָבער אַ מאָל סענאַט!

נאָר אױב דאָס איז געװען נמאס צו הערען דער גאַנצער שטאָדט, הײנט װי האָט דאָס געקאָנט בראָטען און ברענען נחמן־ליב'ען נעבאַך, אַז ער האָט דאָס בעדאַרפט אַלײן אױסהערען פון איהם אַלע מינוט, אַלע רגע? ירחמיאל־משה האָט שטענדיג גע־זוכט מיט די אױגען נחמן־ליב'ען, און װאו נחמן־ליב איז גע־שטאַנען — אַהין איז ער צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— אפנים, אַז אין סענאַט זיצען טאַקי פאָרט מענטשען!...

נחמן־ליב טרעט־אָפּ אויף אַ זייט און בעהאַלט זיך, נאָר ירחמיאל־משה זוכט איהם אָפּ און רעדט ווייטער, נישט צו איהם, צו אַנדערע, נאָר אַזוי, אַז ער זאָל אויך הערען:

— איך בין אומיסטנע נעכטען איבערגעבליבען נעכטיגען אין האַלטע אויף ביינאַכט, געוואָלט, דער פּריסטאַוו זאָל צו מיר קומען; איז ער, אויף צו להכעיס, ניט געקומען!

צווישען ירחמיאל־משה'ן מיט ירחמיאל־משה'כען איז געווען, ברוך השם, אַזאַ גוט לעבען, אַז אומעטום, וואו זי האָט נאָר געקאָנט, האָט זי איהם געטהאָן אויף קידער־ווידער; נאָר דאָ, ביי נחמן־ליב'ס מפּלה, איז זי איהם געקומען צו הילף און האָט איהם געהאָלפען פּויקען איבער דער שטאָדט און דעקוטשען נחמן־ליב'ען מיט נחמן־ליב'עכען, אַזוי אַז יענע האָט שוין געבעטען גאָט, עס זאָל שוין אוועקגעהן שבועות און ירחמיאל־משה מיט ירחמיאל־משה'כען זאָלען שוין אַרויספאָהרען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר. — „מע קאָן גאָר קיין קאָפּ ניט אויפהויבען פון זיי!" און גאָט האָט רחמנות געהאַט, ס'איז אַוועקגעגאַנגען שבועות און ירחמיאל־משה מיט ירחמיאל־משה'כען האַפּען זיך נישט אַריבערצופאָהרען קיין האַלטע. וואָס האָבען זיי קיין צייט ניט? זיי ווילען פערשפּעטיגען שפּעטער מיט אַ וואָך? אבי, דאַנקען גאָט, זיי מעגען שוין! — ביז ס'איז געקומען זונטאָג, דער 25־טער מאַי, און די בלעטער (ווער האָט אויסגעטראַכט אָט די „בלעטער"?) האָבען געבראַכט צו טראָגען אַ ידיעה פון הונדערט איין שטאָדט, וואָס אידען מעגען דאָרטען זיצען, בויען הייזער, קויפען ערד, פלאַנצען גערטנער! הונדערט איין שטאָדט, און האַלטע אויך בתוכם — אַזאַ מעשה איז ניט געהערט געוואָרען! ירחמיאל־משה האָט נישט געגלויבט קיינעם.

— עס קאָן ניט זיין, ס'אַ ליגען! — האָט ער געשריגען. — צוואַנציג יאָהר כסדר האָט מען נישט געטאָרט איבערנעכטיגען אַ נאַכט, פלוצים וועט מען מעגען בויען הייזער, קויפען ערד, פלאַנצען גערטנער? און גראָדע הונדערט מיט איין

שטאָדט, און גראָדע האַלטע אויך בתוכם! דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט, דאָס וואַכסט מסתמא פון נחמן־ליב'ען, נחמן־ליב'ס קאָפּ דערבײַ, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען!

— דעמאָלט ווען ביי מיר וועט אויסוואַכסען האָר אויף דער דלאָני, דעמאָלט וועט מען מעגען זיצען אין האַלטע!

אזוי האָט ירחמיאל־משה געשריגען, און ירחמיאל־משה'כע, וואָס האָט אויך געהערט אין מאַרק עפּיס אַ נייעס מכח הונדערט איין שטאָדט און האַלטע אויך בתוכם, האָט איהם צוגעבערעמעלט, פאַדטאַקעוועט:

— אויב ס'איז אמת די מעשה מיט דיין סענאַט, מעגסט דו זיך טאַקי באַגראָבען מיט איהם אינאיינעם.

אזוי זאָגט ירחמיאל־משה'כע און ברענט און פלאַמט, ווי אַ פערפלאַמטער שבת־קוילעטש.

פּלוצים עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין דער שמש פון'ם מגיד'ס קלויז מיט אַ אידיש בלאַט־צייטונג.

— נאַט אייך, רב ירחמיאל־משה, דאָס האָט מען אייך געשיקט אַ בלאַט, איהר זאָלט מוחל זיין איבערלייענען וואָס דאָ שטעהט; דאָ איז פאַרהאַן עפּיס אַ נייעס, זאָגען זיי, מכח באַהאַפּאַליע און מכח האַלטע, הונדערט איין שטאָדט, פאַרקנייטשט אַן־אַ און אונטערגעשטריכט נומער 94.

ירחמיאל־משה האָט שוין פערשטאַנען, ווער האָט זיך דאָס מטריח געווען. ער האָט גענומען דאָס בלאַט, אַנגעטהאָן די ברילען, און עס האָט זיך איהם אַ וואָרף געטהאָן אין די אויגען אריין דער נומער 94 און דאָס וואָרט „האַלטע". דאָס איבעריגע האָט ער שוין גאָר ניט געוואָלט לייענען. ער האָט פערשטאַנען, אַז די מעשה איז איין אמת, און איז צוגעגאַנגען צו ירחמיאל־משה'כען. ירחמיאל־משה'כע האָט שוין פערשטאַנען וואָס דאָס בעדייט, האָט זי אַ זאָג געטהאָן צו ירחמיאל־משה'ן מיט אַ ביטער געלעכטער:

— נו? דיין סענאַט!...

— וואָס עפּיס מ י י ן סענאַט?

— וועמענ'ס דען סענאַט? ס'האָט זיך איהם פאַרגלוסט אַ סענאַט האָט זיך איהם פאַרגלוסט! קומען זאָל אויף אייך אַלע אַ שׂרפה, רבונו של עולם!

ה.

אַ וויסטער טאָג איז דעמאָלט געקומען אויף ירחמיאל־משה'ן מיט זיין ווייב. שטיל, אָהן ווערטער, האָט זי געגרייט צום טיש, געקלונגען שטאַרק מיט די טעלער און מיט די לעפעל, געשמיצט מיט די גאָפּלען.

— גערה שוין, געה וואַש זיך שוין! — רופט זיך אָן ירחמיאל־משה'כע צו ירחמיאל־משה'ן. — זיבעצעהן מאָל באַדאַרף מען איהם בעטען צום טיש!

— זיעבעצעהן מאָל? דאַכט זיך, נאָך אפילו איין מאָל ניט? — מאַכט ירחמיאל־משה מיט אַ זיפץ און געהט זיך וואַשען און הויבט אויף ביידע הענד אין דער הויך און זאָגט „שאו ידיכם" און טראַכט זיך בשעת מעשה: „הונדערט מיט איין שטאָדט... פראַנק און פריי... און האַלטע אויך בתוכם"... ער זעצט זיך צום טיש, מאַכט אַ המוציא און זוכט עפּיס אויפ'ן טיש און קאָן ניט געפינען, און מחמת מע טאָר ניט מפסיק זיין, מאַכט ער מיט די הענד, קוקט אָן אַ זייט און רעדט אויף לשון־קודש:

— אי־אַ־נו־מלח — זאַלץ!?

— מלח, זאַלץ, שמאַלץ! אָט שטעהט דאָך די זאַלץ ביי דיר אונטער דער נאָז! אָטאַ, וואָס אָקעסט דו, וואָס?

ירחמיאל־משה האָט קוים אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקעל ברויט, זיך שיער נים דערוואָרגען מיט'ן ערשטען ביסען, און האָט זיך געחאַפּט צום לעפעל ווען מע האָט בעדאַרפט אַ גאָפּעל, און צום גאָפּעל ווען מע האָט בעדאַרפט אַ לעפעל. אַ גאַנץ עסען

זענען זיי געזעסען דער אהער, דער אהין, און געשוויגען ביידע. עס האָט זיך געהערט אַ קלינגען פון די כלים, אַ זופּען און ניאַמקען פונ'ם עסען. איין מאָל נאָר האָט ירחמיאל־משה'כע אַ זאָג גע־טהאָן:

— אַ שטילער מלאך דורכגעפלויגען...

ירחמיאל־משה האָט גאָרנישט געענטפערט, און אַזוי איז איבערגעגאַנגען דער גאַנצער וואַרעמעס שטיל, מע האָט געקאָנט הערען אַ פליעג. נאָכ'ן עסען האָט ירחמיאל־משה געקאַלופּעט מיט'ן גאָפּעל די צייהן און אַ זאָג געטהאָן צו דער סטעלי:

— מים־אחרונים־וואַסער...

ירחמיאל־משה'כע האָט איהם אַ קוק געטהאָן אין די אויגען אַריין, איינגעבויגען דעם קאָפּ אַ ביסעל אויף אַ זייט:

— זאָג נאָר, ירחמיאל־משה, אויף וועלכער זייט ביזט דו דאָס אויפגעשטאַנען היינט?

ירחמיאל־משה האָט איהר דערויף נישט געענטפערט גאָר־נים. ער האָט נאָר אָפּגעגאָסען מים אחרונים, אַ שמיץ געטהאָן דעם טעלער פון זיך און האָט אָנגעהויבען בענשען שטילערהייד.

אַצינד איז געוועזן די בעסטע צייט, אַז ירחמיאל־משה'כע זאָל זיך מיט איהם קאָנען אָפּרעכענען, דאָס הייסט, דערגעהן איהם די יאָהרען מיט ווערטער, עסען איהם און טאָטשען, ווי אַ וואָרעם, און איהם געבען וויפיעל סע וועט אין איהם אַריין, ער זאָל ניט זיין משוגע, נישט אַרויסבעווייזען דעם כהן און נישט שמיצען זיך מיט קיין טעלער.

— זעה נאָר, ער שמיצט זיך דאָס אַ ביסעל! גלייך ווי מע ווערד פון איהם גליקליך... אַ מאַנסביל... מיינט ער שוין, אַז ער מעג אַלסדינג... אַ מאַנסביל און אַ חשוב אין סענאַט! אַ קליינינ־קייט? פּסנו!

ירחמיאל־משה האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ, די אויגען צוגע־מאַכט, שאָקעלט זיך און בענשט שטילערהייד: „הזן ומפרנס לכל

וטטיב לכל״... און ירחמיאל־משה׳כע טהוט זיך איהרס; זי טאַטשעט איהם:

— פרעג איהם וואָס? ווייסט ער אליין ניט! וואָס ביזט דו, אשטייגער, אין קאַקעס (אין כעס) א גאַנץ פריהמאָרגען? ס׳איז דאָך דיין סענאַט, ניט מיינער!

ירחמיאל־משה הויבט־אָן בענשען א ביסעל העכער:

— „ככתוב ואָכלת ושבעת...״ און לאָזט אויס מיט א ניגון און ציקעלט זיך: „על האָ־אָ־אָ־אָרץ ועל המזון״.

ירחמיאל־משה׳כע לאָזט דורך א מינוט און חויבט אָן ווייטער:

— א מין רציחה! א מין כעס! עס האָט זיך אין איהם א ביסעל צעברענט א פייער! מע זאָל באַהיט און באַוואָהרענט ווערען!

ירחמיאל־משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

— „לעד לחן ולחסד ולרחמים ולרוח הצלה והצלחה״...

— דאַכט זיך, פאַרקעהרט? — זאָגט ירחמיאל־משה׳כע. — אז מע דערהערט ישועות ונחמות אויף אידען, באַדאַרף, אדרבה, חנאה טהון?

ירחמיאל־משה העכערט דאָס קול נאָך שטאַרקער:

— „ברכה וישועה נחמה פרנסה וכלכלה ורחמים וחיים ושלום וכל טוב!״...

ירחמיאל־משה׳כע וויל ניט אנשוויגען ווערען:

— פרעג איהם, אשטייגער, וואָס אהרט דאָס איהם? וואָס דערלעגט ער דאָ? נחמן־ליב וועט מעגען זיצען אין האָלטע? לאָז ער זיצען אין געהאַקטע וואונדען! עס זאָל מיך אָנהויבען צו אָהרען!... צעזעצטערהייד!...

ירחמיאל־משה זידט ווי א קעסעל, האַלט־איין דעם כעס אין זיך ווי ווייט ער קאָן און הויבט אָן זאָגען די „הרחמנס״ נאָך העכער און מיט א וויינענדיגען ניגון.

א מענש איז דאָך אָבער ניט פון אייזען. ירחמיאל־משה׳כע טאַטשעט איהם אזוי לאַנג, ביז ער נעמט־צונויף ביידע קולעקעס

אקעגען איהר פנים, קריצט מיט די צייהן און שרייט־אויס אויף א קול:

— אוי, הרחמן הוא יברך אותי ואת אשתי ואת זרעי ואת זרע זרעי! טפו!... — און לויפט־ארויס פון שטוב, ווי א משוגע־נער.

* * *

נחמן־ליב מיט נחמן־ליב'עכען זענען אריבערגעפאהרען קיין האלטע, און ירחמיאל־משה מיט ירחמיאל־משה'כען זענען פער־בליבען אין באהאפאליע עד היום הזה!

מײַן ערשטער ראָמאַן

געשריבען אין יאהר 1903

מיין ערשטער ראָמאַן

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

[די ערשטע שטעלע און דער כח פון פּראָטעקציע].

ווער עס האָט פּערזוכט דעם טעם פון זיצען שפּעט ביינאַכט אַ הונגעריגער ביי אַ שמעלצענדיג ליכטעל, איינגעהילט אין אַ צעריסען פּעלצעל, און חזר׳ען גראַמאַטיקע: אימעניטעלנעי — ביעלעי סוויעזשעי חליעב; ראָדיטעלנעי — ביעלאַהאַ סוויעזשאַהאַ חליעבאַ; דאַטעלנעי — ביעלאָמאו סוויעזשעמאו חליעבאו, און בשעת מעשה זאָל זיך גלוסטען האַטש אַ שוואַרץ אַלט געבאַקען שטיקעל ברויט — און ס׳איז ניטאָ... ווער עס האָט פּערזוכט דעם טעם פון שלאָפען אויף אַ האַרטער באַנק מיט אַ ווייכען קולאַק צו־קאָפּענס, און דאָס לעמפּעל טשאַדעט, און דאָס קינד וויינט, און די אַלטע וואָרטשעט... ווער עס האָט פּערזוכט דעם טעם פון אַ פּאָר שטיוועל, וואָס איין אַפּצאַס איז אָפּגעשפּרונגען און אַ פּאָדמעטקע שלעפּט זיך נאָך און קוואַטשקעט, און איהר קאַנט פון איהר בשום אופן ניט פּטור ווערען... ווער עס האָט פּערזוכט דעם טעם פון אָפּטראָגען דעם זייגער אין לאָמבאַרד אַריין, און דער לאָמבאַרד וויל איהם ניט אָננעמען, מחמת די קאָפּערטע איז ניט פון ריין זילבער און די געדערים זענען ניט ווערטה קיין פּיערער... ווער עס האָט פּערזוכט דעם טעם פון בעטען ביי אַ גוטען פריינד

אַ גמילות־חסד, און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, לעגט־אַריין די האַנד אין קעשענע און האַפּט־אַרויס דאָס בייטעלע און שוועהרט אייך, אַז ער האָט ניט אַ גראָשען... ווער עס האָט דאָס אַלסדינג פּערזוכט, אַליין איבערגעלעבט, — דער וועט מיך אפשר פּער־שטעהן, ווי אַזוי מיר איז געווען אויף דער נשמה, אַז איך האָב בע־קומען אַ שטעלע — די ערשטע שטעלע — פון צוועלף קאַרבען אַ חודש מיט קעסט און קוואַרטיר און אויף אַלעם גרייטען!

ווי אַזוי איך האָב די שטעלע בעקומען — וויל איך אייך נישט בעמיהען, און איך מיין, אַז איך בין גאָר נישט מחויב אייך אַלס־דינג דערצעהלען, אַז איך האָב אַ פעטער, און דער פעטער האָט אַ מוהמע, און די מוהמע האָט אַ בעקאַנטען, און דער בעקאַנטער האָט אַ קרוב, און די מוהמע האָט אַ מחותן זעהר אַ רייכען, גאָר אַ פּראָס־טען בעל־הבית, וואָס וואָהנט אין אַ דאָרף, האָט אַ זוהן אַ בן־יחיד און זוכט אַ לעהרער אויף אידיש און אויף רוסיש און אויף דייטש און אויף בוכהאַלטעריע, און זאָל זיין אַ טאַטענ'ס אַ קינד, און זאָל קאָסטען וואָלוועל — פּונקט אָנגעמאָסטען פאַר מיר! און איך האָב אָנגעווענדט אַלע מיינע כחות און איך בין אַוועקגעלאָפען צום פעטער און האָב געבעטען דעם פעטער, ער זאָל בעטען די מוהמע, אַז זי זאָל בעטען דעם בעקאַנטען, אַז ער זאָל בעטען דעם קרוב, אַז דער קרוב זאָל פועל'ען ביי זיין מחותן דעם רייכען בעל־הבית, אַז ער זאָל נעמען מיך, ניט קיין אַנדערען, וואָרום אַחוץ מיר איז פאַראַן אין מאַזעפּעווקע נאָך אַזעלכע בחורים'לעך, וואָס קע־נען אידיש און רוסיש און דייטש און בוכהאַלטעריע, און וואָס זענען אייך גרייט צו פאָהרען אין דער וועלט אַריין, אַבי אַ שטי־קעל ברויט. נישט אַזוי גיך האָט מיין בעל־הבית אַרויסגערעדט דאָס גוטע וואָרט, אַז ער נעמט מיך; ער האָט זיך לאַנג געשלאָ־גען מיט דער דעה: ערשטענס, צי זאָל ער נעמען אַ לעהרער, צי ניין? און צווייטענס, אויב נעמען, צי זאָל ער נעמען מיך, צי אַיין אַנדערען? ביז גאָט האָט געהאָלפען, ס'איז ביי איהם געבליבען, אַז ער זאָל יאָ נעמען, און דער גורל איז געפאַלען אויף מיר, מחמת

די קענטעגישען (אַזוי האָט ער געזאָגט) שפּיעלען ביי איהם אַ קליי־נע ראָלע; קענערס, האָט ער געזאָגט, זענען היינט פאַרהאַן ווי די הינט; דער עיקר איז ביי איהם, אַז דער לעהרער זאָל זיין „אַ טאַטענ׳ס אַ קינד". און אַזוי ווי איך בין אַ טאַטענ׳ס אַ קינד, דערפאַר „נעמט ער מיך". אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, מיין נייער פּרינציפּאַל. נאָר איך האָב מורא, אַז ער האָט געזאָגט, מחילה, לי־גען: מיינע איבעריגע קאָנקורענטען זענען אויך „טאַטענ׳ס קינ־דער" נישט ווינציגער פון מיר. נאָר וואָס דען? זכות־אָבות, פּראָטעקציעס.

יאָ, גרויס און שטאַרק איז דער כח פון פּראָטעקציע! און אַז וואויל אין דעם מענשען, וואָס האָט אַ פעטער, וואָס ער האָט אַ מוהמע, וואָס זי האָט אַ בעקאַנטען, וואָס יענער האָט אַ קרוב, וואָס ער האָט אַ מחותן אַ רייכען בעל־הבית, וואָס וואָהנט אין אַ דאָרף און האָט אַ בן־יחיד און זוכט אַ לעהרער אויף אידיש און אויף רוסיש און אויף בוכהאַלטעריע, און זאָל זיין אַ „טאַטענ׳ס אַ קינד", און ס׳זאָל קאָסטען וואָלוועל!...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

[מיין פּרינציפּאַל פערוויענט מיך מיט זיינע גוזמות, און איך חאַפּ אַ דרימעל].

ווער איז געווען מיין פּרינציפּאַל? וואָס איז ער געווען? וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער געהאַט: ציַ אַ הויכער, צי אַ נידעריג־ער? צי אַ דינער, צי אַ גראָבער? צי אַ געלער, צי אַ שוואַר־צער? איך מיין, אַז ס׳איז אייך ניט אַזוי נויטיג צו וויסען. ווי אַזוי מע רופט איהם — איז אייך, דאַכט מיר, אויך ניט נוגע אין לעבען. עס קאָן זיין, אַז ער לעבט נאָך ערגיץ, פּאַסט מיר גאָר ניט, איך זאָל ארויסשטעלען דעם נאָמען זיינעם. לאָם איך אייך בעסער איבערגעבען דעם שמועס, וואָס מיר האָבען געהאַט דאָס ערשטע

מאָל, בשעת ער האָט מיך גענומען צו זיך אין וואָגען אַריין — אַ גאַנץ פיינער עקיפּאַזש מיט צוויי שענע פערד — און האָט מיך מכבד געווען מיט אַ ציגאַר — די ערשטע ציגאַר, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען פערדרויכערט און וואָס האָט מיך אָפּגעקווילעט אויף אייביג.

— פאָהרט איהר אַרוים, הייסט דאָס, יונגערמאַן, דאָס ערש־טע מאָל פון שטאָדט אין דאָרף אַריין? — אַזוי מאַכט ער צו מיר און קוקט אויפ'ן גרויען אַש פון דער שוואַרצער ציגאַר. — איהר קערט אודאי מיינען, יונגערמאַן, אַז אַ דאָרף איז מי יודע וואָס, און מיר, דאָרפסאַידען, ווייסען ניט וואָס גוט איז? איהר וועט זיך פאַרגינען אָנקוקען, יונגערמאַן, אַ זיצעכטס פון אַ דאָרפסאַיד, אַ שטוב מיט אַ הויף מיט אַ גאָרטען — אַ פּאַלאַץ, אַ דוואָרעץ! חדרים און חדרים'לעך, איך זאָל אייך זאָגען, יונגערמאַן, בלא גוזמא, כמעט ביז צוואַנציג. וואָס זאָג איך צוואַנציג? אַריבער דרייסיג! אַי, צו וואָס דאַרף איך אַזוי פיעל חדרים? איך ווייס אַליין ניט: צוליעב די געסט. עס קומען צו מיר אָפּטמאָל געסט. וואָס זאָג איך אָפּטמאָל? אַלע וואָך, אַלע טאָג. ניטאָ דער טאָג, סע זאָל ניט קומען קיין גאַסט, צוויי געסט, דריי געסט, און נאָך וואָסערע געסט! אַ פּריץ, אַ פּריסטאַוו, איין איספּראַווניק, אַ מיראָוואָי... איך לעב מיט זיי אַלע זעהר גוט. לאָם איך האָבען די ברכות, וויפיעל מאָל סע מאַכט זיך: איך זעה אַ קאַרעטע מיט פיער פערד פאָהרט־צו גלייך צום גאַניק; פרעג איך: ווער איז דאָס געקומען? זאָגט מען מיר: יעוואָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ, דאָס הייסט, דער גובערנאַטאָר אַליין... נו, קאָן מען ניט זיין קיין דבר־אחר, און מע מוז איהם אויפנעמען, ווי סע קעהר צו זיין, איהם אָפּטרעטען די גרעסטע חדרים מיט'ן גאַנצען גאָרטען. און ביי מיר אַ גאָרטען — מעג מען איהם אָנקוקען! אַ וואַלד, ניט קיין גאָרטען! מיינע עפּעל, מיט מיינע באַרען, מיט מיינע פלוימען! היינט ווײנטרויבען? אַלסדינג איז ביי מיר, ברוך השם, פאַרהאַן איינגענס: ווישניק פון מיינע ווײנשעל, און וויין פון מיינע וויינ־

טרויבען, און ראָזינקעס אייגענע, און אַפּילו פּיש אויך אייגענע פונ'ם אייגענעם טייך, און נאָך וואַסערע פיש, קאַרעסען און קאַר־פּען און שלייען און לעשטשעס — לעשטשעס אַט אַזעלכע אַ... — דערביי טהוט מיין פּרינציפּאַל אַ מאַך מיט ביידע הענד אין דער ברייט, און איך בויג זיך אָן אַביסעל אויף אַ זייט, בכדי איך זאָל איהם קאָנען דורכלאָזען זיינע לעשטשעס...

ער הערט נישט אויף צו דערצעהלען גוזמות, און איך האָרך, האָרך מיט קאָפּ, שלינג, שלינג די ווערטער. די קאַרעטע וויעגט זיך ווי אַ וויעגבעטעל, די פּערדלעך שמייסען מיט די ווידלען און לויפען, לויפען אָהן איין אָפּשטעל, און איך קאָן אייך אַקוראַט ניט זאָגען, צי פונ'ם וויעגען זיך אין דער ווייכער קאַרעטע, צי פון די פּערד'ס שמייסען מיט די ווידלען, צי אפשר פונ'ם פּרינציפּאַל'ס גוזמות — איך הויב אָן צו חאַפּען אַ דרימעל... עס איז אַ שענע וואַרעמע זומער־נאַכט! אַ גרינג ווינטעל פּער'גנבה'ט זיך אַלע מאָל און טהוט מיך אַ שמיר, אַ גלעט, ווי מיט סאַמעט, איבער'ן פּנים, און איך ווער אַנשלאָפען, און פונ'ם שלאָף הער איך, אַז מיין פּרינציפּאַל חראַפּעט געשמאַק.

אַז מיר זענען געקומען צו פאָהרען אויפ'ן אָרט, האָט שוין די זון געהאַט איינגעפאָהרען אַ שטיק הימעל; ריין איז זי געווען, די יפהפיה, ריין און לויטער, ליכטיג און לעבעדיג, געשמייכעלט צו מיר גאָר פריינדליך און אָפּגעגעבען מיר אויפ'ן נייעם אָרט אַ שענעם, אַ ברייטען גוט־מאָרגען.

דאָס דריטע קאַפּיטעל

[אַ צעטעל פון ליגנערס, אַ קאַלטער קוק און אַ וואַרעמע רעקאָמענדאַציע].

פאַראַן אַלערליי מינים ליגנערס אויף דער וועלט. פאַראַן ליגנערס אַזעלכע, וואָס קיינער נויט זיי ניט, קיינער שלעפּט זיי ניט פאַר דער צונג, נאָר גלאַט אַזוי — ס'איז דאָ אַ מויל און סע

רעדט. צווישען די דאָזיגע ליגנערס זענען פאַרהאַן דרייערליי מינים: אַ ליגנער אויף נעכטען, אַ ליגנער אויף היינט און אַ ליגנער אויף מאָרגען. דער נעכטיגער ליגנער וועט אייך דער־צעהלען בבא־מעשיות, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען; ער וועט אייך שווערען, אַז ער איז דערביי אַליין געווען — און געהט זייט חוקר ודורש, זוכט עדות, לייקענט איהם אָפּ!... אַ היינטיגער ליגנער — דאָס איז ניט קיין ליגנער, אייגענטליך, נאָר אַ בעריהמער; ער וועט אייך דערצעהלען, אַז ער האָט, אַז ער ווייסט, אַז ער קאָן — און געהט פערהערט זיך מיט איהם!... דער מאָרגענדיגער ליגנער — דאָס איז גלאַט אַ גוטער מענש, וואָס זאָגט אייך צו גילדענע בערג: ער וועט געהן, ער וועט רעדען, ער וועט טהון פון אייערטוועגען — און איהר דאַרפט איהם גלויבען אויף נאמנות. די אַלע דריי מינים ליגנערס ווייסען, אַז זיי זאָגען אַ ליגען, נאָר עס מאַהלט זיך זיי אויס, אַז יענער גלויבט זיי. פאַרהאַן אָבער אַזאַ מין ליגנער, וואָס בשעת ער זאָגט־אָפּ דעם ליגען, מיינט ער אַליין, אַז ער האָט געזאָגט איין אמת, און איז איבערצייגט, אַז יענער מיינט אויך, אַז ס'איז איין אמת, און בשעת מעשה האָט ער באמת הנאה. דאָס איז אַ מענש, וואָס לעבט אין'ם עולם־הדמיון, אַ מענש, וואָס פאַנטאַזירט. מע קאָן זאָגען: דאָס איז אַ מין מחבר, וואָס קלערט־אויס אַלע מאָל אַ נייע מעשה, פּע געסט וואָס ער האָט נעכטען דערצעהלט, און די פאַנ־טאַזיע אַרבייט ביי איהם אַלע מאָל אַ פרישען געדאַנק, אַ שפּאָגעל־נייע אידעע.

אָט פון דעם לעצטען מין ליגנערס איז געווען מיין פּרינציפּאַל. איהר פערשטעהט שוין אַליין גאַנץ גוט, אַז פונ'ם דוואָרעץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאַנץ געוועהנליכער הויף, פונ'ם פּאַלאַץ — אַ גאַנץ געוועהנליכע שטוב מיט אַ סך ווינציגער פון דרייסיג חדרים און חדרים'לעך. דער גאָרטען איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער גאָרטען. אויפ'ן אָרט פון ווייַנטרויבען זענען געווען גרינע אַגרעס־סען, אויפ'ן אָרט פון וויין — פּשוט'ער עפּעל־קוואַס. און אויפ'ן

אָרט פון די גרויסע לעשצעס זענען געווען קליינע העכטלעך, אי דאָס — ניט פונ׳ם איינענעם טייך, נאָר געבראַכטע פון מאַרק...

בעגעגענט האָט אונז אַ גראָבע אידינע מיט אַ פּאַק שליסלען. דער קוק, וואָס זי האָט אויף מיר געוואָרפען, איז געווען אַ קאַל־טער קוק, און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס׳איז מיר געווען זעהר שטאַרק אָנגענעהם. דער דאָזיגער קוק האָט בעדייט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלים־מזל?"... מיין בעל־הבית האָט דעם קוק פער־שטאַנען און האָט מיט אַ חניפה׳לע ווי פערענטפערט זיך פאַר איהר:

— דאָס האָב איך געבראַכט אַ נייעם לעהרער פאַר׳ן „קינד"... וואו איז דאָס „קינד"?

— דאָס קינד שלאָפט נאָך. — האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ קול פון אַ מאַנסביל און האָט מיך מכבד געווען מיט נאָך איין קאַלטען קוק, וואָס קאָן פערקיהלט ווערען פון איהם אין די געדערים. אַ גליק, וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געהייסען, מע זאָל עפּיס געבען צום טיש, און האָט מיך בעזעצט נעבען זיך און האָט מיר אין עטליכע מינוט, ביז מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר, אויסדערצעהלט וואָס זיין זוהן קען, ווי גוט ער לערענט און ווי שען ער שרייבט.

— זיין שרייבען האָט אַ שם! די וועלט טראָגט זיך אַרום מיט זיינע בריעף! דייטש איז ביי איהם די מוטער־שפּראַך. הייגט רעדט ער פראַנצויזיש!

די בעל־הבית׳טע מיט די שליסלען האָט דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער און סמעטענע און מילך און האָניג, און נאָך גוטע זאַכען, און עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען זי זאָל אַליין זיך ניט געווען אָוועקזעצען אַקעגען און וואַרפען אויף מיר מיט איהרע זיסע אויגען. מיין פּרינציפּאַל האָט פערשטאַנען איהר קוק און האָט איהר אויף אַ מינוט אויסגערעכענט דעם יחוס מיי־נעם, ווער איך בין און וואָס איך קען, און איך האָב געפיהלט, אַז עס ברענט ביי מיר דאָס פּנים מיט די אויגען מיט׳ן קאָפּ און מיט

די האָר פונ'ם קאָפּ. נאָך מיין פּרינציפּאַל'ס וואָרעמער רעקאָמענדאַציע איז אויסגעקומען, אַז איך בין דעם בעל־שם'ס איין אייניקעל און קום־אַרויס פון סאַמע רבנים מיוחסים און גבירים אדירים, און קאָנען קאָן איך מעהר פון אַ סטודענט און פון אַ דאָקטאָר און פון אַ פּראָפעסאָר און פון דריי פּראָפעסאָרען... צי האָט זי געגלויבט די דאָזיגע פּזמונות — ווייס איך ניט. נאָר דער קאַלטער האַרטער קוק איהרער איז געוואָרען, דאַכט מיר, אַ ביסעל וואָרעמער און ווייכער.

דאָס פּיערטע קאַפּיטעל.

[דאָס „קינד" עסט פאַר דריי סאָלדאַטען, און דער לעהרער געהט אויס פאַר הונגער].

דאָס קינד איז געווען אַ הויכער, אַ גראָבער, אַ געזונדער, אַ ווייסער, אַ שענער, אַ לעבעדינער, אַ פרייליכער בחור מיט ווייסע רויטפּאַרבינע באַקען, מיט היבשע פעטע פּיסקעס, מיט אַ הויכען ווייסען שטערן, מיט גוטע גרויע אויגען, מיט פעטקע ווייסע הענד, ווי פּאַמפּושקעס, און האָט ליעב געהאַט דריי זאַכען: עסען און שלאָפען און לאַכען. נאָר מעהר פון אַלץ האָט ער ליעב געהאַט דאָס עסען. און עסען האָט מען דאָרט געגעסען פון אין דער פריה ביז ביינאַכט. אַ חוץ טיי און קאַווע און איבערבייסען און אָנבייסען און וואָרעמעס און מיטאָג און וועטשערע, האָט די מאַמע אַלע מאָל אריינגעשיקט דעם „קינד" אַ גלעזעל שאָקאָלאַד, אַ בייגעל, אַ קיכעל, אַ לעקאַכעל, אַ ביסעל איינגעמאַכטס, און אָפּט־מאָל אַ לעבערעל, אַ פּופּיקעל, און גלאַט אַ שטיקעל בולקע, דאָס האַרץ זאָל ניט חלש'ען... און דער לעהרער האָט דאָס בעדאַרפט צו־זעהען, שלינגען די שליים און פערשטילען דעם הונגער מיט אַ ציגאַר־טיטון...

די ערשטע צייט, ביז דער רבי איז זיך ניט צוגעוואוינט צו מיט'ן תלמיד, האָט ער געליטען דעם אמת'ען טעם פון הונגער, וואָרום דעם תלמיד'ס מוטער, די בעל־הבית'טע מיט די שליסלען, האָט איהם געגעבען מכות, ניט קיין עסען. אין שטוב האָט זיך תמיד געפונען עסענוואַרג, און איבערהויפּט מילכיגס, לרוב, נאָר אַלסדינג איז געווען אונטער'ן שלאָס. דער פּרינציפּאַל פלעגט זיך אָפּטמאָל אריינמישען, מע זאָל געבען דעם לעהרער עסען; דערויף פלעגט די בעל־הבית'טע אָנהויבען קלינגען מיט די שליסלען — אַ סימן, אַז זי איז אין כעס — און זאָגען:

— סטייטש, ווי דען? מע גיט איהם עסען דריי מאָל אַ טאָג, האָסט דו געהערט אַ ביסעל!...

און דאָס איז געווען אַ גרויסער ליגען! נישט נאָר דריי מאָל אַ טאָג — אפילו איין מאָל ניט. איך האָב וויפיעל מאָל בעמערקט פון דער ווייטען, ווי מע וואַרפט־אַרויס שטיקער פלייש, ווי מע גיסט־אויס קריגלעך מיט מילך — אין דער צייט, ווען איך האָב גע'חלש'ט ביי זיך אין חדר נאָך אַ שטיקעל ברויט. די טעג, וואָס דער פּרינציפּאַל איז ניט געווען אין דער היים, בין איך פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיין גליק איז געווען, וואָס איך בין בעצייטענס געוואָרען חבר מיט מיין תלמיד.

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

[דער רבי מיט'ן תלמיד שלאָגען בלאָט און מע לעבט אַ גוטען טאָג].

— אויב איהר ווילט זיך האַלטען דאָ און מיר זאָלען זיין חבר — אַזוי האָט זיך אָנגערופען איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען צו מיר דאָס „קינד", בשעת מיר זענען געזעסען אַליין אין אונזער בעזונדער חדר מיט אָפענע פענסטער אין גאָרטען אַרויס — אויב איהר ווילט, מיר זאָלען זיין חבר און איהר זאָלט ניט אוועק־

פאַהרען, זאָלט איהר די ספרים מיט די ביכער פאַרוואַרפען אונ־טער'ן טיש, און אַליין זאָלען מיר אָדער שפּיעלען אין „דאַמקעס", אָדער אין „זעכס־און־זעכציג", אָדער מיר זאָלען זיך גאָר אויס־ציהען אויף די בעטלעך מיט'ן פּנים אַרויף און שפּייען אויף דער סטעלי.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט מיין תלמיד און טהוט אַ שליידער די ספרים מיט די ביכער אונטער'ן טיש, טהוט זיך אַ וואַרף אויפ'ן בעטעל מיט'ן פּנים אַרויף און טהוט אַ שפּיי דורך די צייהן, נאָר אַזוי קונציג, אַזוי בריה'ש, אַז ער דערלאַנגט גלייך צו דער סטעלי, און מיר ביידע הויבען אָן לאַכען.

פון דעמאָלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען ביי אונז אַ לעבען, ווי גאָט אין אדעם. דער תלמיד האָט אויסגעלעהרענט דעם רבי'ן שפּיעלען אין „דאַמקעס" און „זעכס־און־זעכציג" (איך בין זיך מודה, אַז ביז דעמאָלט האָב איך ניט געוואוסט קיין צורה פון קיין קאָרט, און אַז איך האָב מיך בעקענט מיט דעם שפּיעל, האָב איך ליעב גע־קריגען אַ קערטעל דאָס חיות!). דער רבי האָט געשלאָגען בלאָט מיט'ן תלמיד און האָט פערוואָרפען אַלע ספרים מיט אַלע ביכלעך און האָט געשפּיעלט מיט'ן תלמיד אין „דאַמקעס" אָדער אין „זעכס־און־זעכציג", אָדער געלעגען און געשפּיגען אויף דער סטעליע, אָדער געגעסען איינאיינעם מיט איהם, פערזוכט פון אַלע מאכלים צו ביסלעך, און האָט זיך אַרום איהם גוט אונטערגעפּיטערט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער פערבייגעהענדיג אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיעגעל, דערזעהען אַ פּאָר באַקען — און האָט זיך אַליין ניט דערקענט...

צו אונז אין חדר איז נישט אַריינגעקומען קיינער, אַ חוץ דער דיענסט מיט עסענוואַרג. מיין פּרינציפּאַל איז זעלטען געווען אין דער היים, און די בעל־הבית'טע מיט די שליסלען האָט געהאַט צו טהון טאָג ווי נאַכט מיט'ן מילכיגס און מיט די קרינגלעך און האָט ניט אַריינגעשמעקט צו אונז. מיר האָבען דאָס געלעבט באמת אַ גוטען טאָג, געווען פראַנק און פריי, נישט געהאַט אויף זיך קיי־

שום עול פון קיין שום זאַך און פון קיין שום מענשען — ממש אַ גן־עדן!

נאָר איין מאָל האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ חאַפּ געטהאָן:

— נו? ווי אַזוי לערענט ער?

— אויסגעצייכענט! — זאָג איך און פערקרים זיך ניט אפילו.

— איאָ? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — מאַכט ער צו מיר, און איך וואונדער זיך, ווי אַזוי איך קוק איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

אין דער דאָזיגער שטוב, וואו איינער האָט גענאַרט דעם אַנדערען, וואו אַלע האָבען געפּאַלשט, געזאָגט ליגען, וואו דער שקר איז געהאָנגען אויבען־אויף, געשוועבט, זיך געלאָזט הערען אין דער לופט, — אין דער דאָזיגער שטוב האָט מען געקאָנט זיך אויסלערנען זאָגען אַ ליגען.

דאָס זעכסטע קאַפּיטעל.

[די ערשטע ליעבע־בריוועלעך צווישען חתן־כלה און דאָס ערשטע פייערעל צינדעט זיך אָן.]

איין אַרבייט איז ביי אונז יאָ געווען: אָפּנעמען די פּאָסט און ענטפערען אויף די בריעף. און בריעף האָבען מיר געהאַט כמעט אַלע טאָג; איך זאָג „מיר" האָבען געהאַט, ווייל מיר ביידע האָבען בעדאַרפט אויף זיי געבען תשובה. די בריעף זענען געווען געשריבען צו מיין תלמיד פון זיין פּיעל־געליעבטער כלה, חאָטש ער אַליין האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט זי ווינציג־וואָס ליעב.

תחילת זענען די בריעף געווען ניט אַזוי אָפט — איין מאָל אין צוויי וואָכען, איין מאָל אין וואָך; נאָר פון זינט איך בין אָנ־

געקומען, איז דאָס שרייבען געוואָרען פערגרינגערט, און די בריעף האָבען אָנגעהויבען געהן הין און צוריק אָפטער.

— נאָט לייענט איבער און ענטפערט איהר אָפּ. וואָס דולט זי מיר א מוח! — אַזוי האָט מיר מיין תלמיד איינמאָל געזאָגט און א וואָרף געטהאָן מיר אין פּנים אריין זיין פיעל־געליעבטער כלה׳ס א בריוועל.

איך האָב איבערגעלייענט דאָס בריוועל, און ס׳איז מיר גע־פעלען געוואָרען וואָס זי שרייבט:

מיין ליעבער טהייערער חתן! דו ווייסט, עס האָט זיך מיר צוגעגעסען דיינע גרוסען, וואָס זענען געראָטען איינס אינ׳ם אַנ־דערען, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאָט, ווי צוויי טראָפּען וואַסער, וואָס געהען פון איין טייך. איך וויל הערען פון דיר עפּיס א פריש וואָרט, אַזא וואָרט, וואָס זאָל מיר דערוואָרעמען דאָס הארץ און בעלייכטען די נשמה. צו קאַלט איז דאָס הארץ, צו טונקעל די נשמה!...

פון מיר דיין געטרייע כלה...

איך האָב נים לאַנג געטראַכט און האָב דערויף אָפּגעענטפערט פאַר מיין תלמיד בזו הלשון:

מיין ליעבע געטרייע כלה! דו שרייבסט מיר, אַז מיינע ווער־טער זענען געראָטען איינס אינ׳ם אַנדערען, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאָט; ווי קאָן דען אַנדערש זיין, אַז איין געפיהל האָט זיי געבוירען? דו זאָגסט, אַז זיי זעהען אויס, ווי צוויי טראָפּען וואַ־סער, וואָס געהען פון איין טייך; ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין, אַז זיי געהען פון איין קוואַל, פון איין הארצען? דו בעטסט ביי מיר א פריש וואָרט; קאָן דען זיין פרישער ווי דאָס וואָרט „ליעב״? קאָן דען זיין נים ליכטיג אויף דער נשמה, אַז איך דערמאָן זיך אין דיר, טהייערע כלה?!

פון מיר דיין געטרייער חתן...

דערויף האָבען מיר אין גיכען בעקומען א תשובה:

ליעבער טהייערער חתן!

דיינע זיסע ווערטער האָבען מיך איצטינגס מאָל דערפרישט און דערוואַרעמט, און ס'איז מיר ליכטיג געוואָרען אין אַלע ווינ־קעלעך. איך וואָלט געמעגט שווערען, אז איך האָב דערהערט א ניי מין געזאַנג, א גן־עדן־מעלאָדיע פון א טהייערער, א ליכטיגער נשמה, און איך האָב דערפיהלט עפּיס ווי א נייע הויט אויף זיך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז עס וואַכסען ביי מיר פליגעל, און איך שוועב, איך שוועב אין דער לופטען, און א גאַנצע קאַפּעליע מלאכים געהען מיר אַקעגען, בעגריסען מיך, טראָגען מיר א גרוס פון מיין ליעבען טהייערען זיסען חתן, וואָס שרייבט אַזעלכע זיסע ווערטער, וואָס מיין הארץ און מיין נשמה זענען איהם אינגאַנצען, אינגאַנצען איבערגעגעבען פון איצט אָן אויף תמיד, אויף אייביג!

פון מיר דיין דיך ליעבענדע און תמיד געטרייע כלה . . .

ליעבע, זיסע, טהייערע און געטרייע נשמה מיינע!

ניין, דו האָסט זיך נישט טועה געווען, מיין טהייערע כלה! נישט קיין פּשוטע קאַלטע ווערטער זענען דאָס געווען, נאָר געפיהלען, וואָס גיסען זיך ארויס גלייך פונ'ם הארצען און גיסען זיך אריין צו יענעם; פעדים, וואָס ציהען זיך גלייך פון דער נשמה און ציהען־צו צו זיך און פערבינדען און פערקניפּען צוויי יונגע נשמות אויף שטענדיג, אויף אייביג, אויף אייביג. אָט־אָ־יענע אייגענע קאַפּעליע מלאכים, וואָס האָבען דיר אָפּגעגעבען א גרוס פון מיר, האָבען מיר געבראַכט צו טראָגען פון דיר נאָך א סך א פריינדליכערען גרוס, און מיט דער אייגענער קאַפּעליע מלאכים שיק איך דיר איבער איצטער, מיין טהייער הארץ, א הייסען קוש, א הייליגען קוש פון דיין אייביגען, אייביגען פריינד, וואָס טראָגט דיין ליכטיג געשטאַלט ביי זיך אין הארצען תמיד, אויף דער וואָהר און אין חלום.

פון מיר דיין ברענענדיג פערליעבטער חתן . . .

דאָס זיעבעטע קאַפּיטעל.

[מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם בריעפענשטעלער].

אַ פונק ווערד אומגעהרען פערטראָגען גאַט ווייסט פון וואַנען און פאַלט אויף אַ שטרויענעם דאַך, צינדט זיך אָן פון דעם אַ פייערל; קומט דער ווינד און צעבלאָזט דאָס פייערל, און עס ווערד אַ העליש פייער, אַ שרפה, אַ שרפה!

די ערשטע בריוולעך זענען געווען דער ערשטער פונק, וואָס האָט זיך צעבלאָזען, צעברענט און צעפלאַקערט אין אַ העליש פייער. די בריוולעך זענען געווען וואָס ווייטער אַלץ הייסער און הייסער; דאָס פייער איז געוואַכסען וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און שטאַרקער. עס האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע, אַ מורא'דיגע שרפה ביי מיר אין הארצען, אַ פייער האָט זיך צעוואָרפען אין מיין גאַנצען לייב, אָנגעצונדען אַלע מיינע נערוען, אויפגעזאָדען און אויפגעקאָכט מיין בלוט, מיך געמאַכט קראַנק, אויס מענש. איך האָב פערלאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען, איך האָב אויפגעהערט שלאָפען, איך בין ארומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. מיין נשמה איז געלעגען דאָרטען, אין די בריוולעך, און אין זיי טאַקי איז געווען מיין אייִנציגער טרייסט און מיין פרייד. אַ בריעף אַז עס פלעגט אָנקומען, איז געווען ביי מיר אַ יום־טוב; איך האָב דעם בריעף געעפענט, איך האָב איהם געלייענט און איך האָב אויף איהם געענטפערט. מיין תלמיד האָט נאָר בעדאַרפט איבערשרייבען מיט זיין האַנד, און איך האָב איהם בעדאַרפט אונטערטרייבען צו דער אַרבייט. און וויפיעל האָט דאָס מיך געקאָסט בלוט, אַז איך האָב בעדאַרפט טראָגען דעם וועהטיג אינוועניג ביי זיך אין הארצען טיעף־טיעף פערבאָרגען, זיך בעהאַלטען בחדרי־חדרים מיט'ן קאָפּ אין קישען און שטילערהייד זיך אויסוויינען, אויפשטעהן און מאַכען אַ פריילִיך פנים און זיך זעצען מיט מיין ליעבען תלמיד צו דער אַרבייט — שפּיעלען אין „דאַמקעס" אָדער אין „זעכס־און־זעכציג".

איין שטיקעל גליק איז געווען, וואָס קיינער האָט נישט בע־מערקט אויף מיין פּנים, אַז איך גיי־אויס, אַז איך צאַנק, ווי אַ ליכט. איין שטיקעל גליק, וואָס מיין תּלמיד האָט זיך צו מיר ניט אַזוי שטאַרק צוגעקוקט; ווען ער זאָל זיך צו מיר שטאַרק צו־קוקען, וואָלט ער מיך געוויס געכאַפּט. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים איך וואָלט ביי איהם געהאַט אין די אויגען, ווען ער זעהט מיך קושען זיין כּלה'ס בריוולעך פון אַלע זייטען!... און ווי אַזוי קושט מען ניט אַזעלכע בריוולעך? זעהט אַליין וואָס זי שרייבט צו מיר:

מיין ענגעל, מיין נשמה, מיין טרייסט!

איך דאַרף דיר זאָגען דעם אמת. איך בין זיך מודה פאַר דיר, מיין טהייערער, אַז איך האָב דיך ביז אַהער ניט געקענט. איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַזאַ קוואַל פון סאַמע געהויבענע געפיהלען, פון סאַמע הויכע געדאַנקען, פון סאַמע טיעפען פערשטאַנד, און אַזאַ איין אוצר פון וויסענשאַפט! פון דיינע קלוגע ווערטער זעה איך אַרויס, ווי ווייט דו ביזט בעלעזען, ווי ווייט דו ביזט פול אומעדום!

און עס וואונדערט מיך זעהר, פאַר וואָס האָב איך דאָס נישט געוואוסט פריהער? דאָס בעווייזט מיר נאָר דיין תּמימות מיט דיין פּראָסטקייט, וואָס געבען דיר צו חן אין מיינע אויגען נאָך מעהר ווי ביז אַהער. זאָל איך מיך ניט שעצען פאַר איינע אַ גליקליכע, וואָס מיין גורל איז געפאַלען אויף אַ מענשען, וואָס אין איהם שפּיעגלען זיך אָפּ אַלע בעסטע מעלות: שענקייט, קלוגשאַפט, קענ־טעניש, תּמימות און גוטסקייט? דיין גוטסקייט קוקט־אַרויס פון דיינע זיסע קלוגע ווערטער. דו טהוסט מיך בעשענקען מיט דיינע ליעבע בריעף פון דיין מילדער האַנד, און איך דאַנק דיר טויזענד מאָל, און איך בעט דיך אויף ווייטער נישט פערגעסען.

דיין געטרייע און אויף אייביג דיך ליעבענדע כּלה . . .

דערויף האָב איך איהר געענטפערט אַ ביסעל פערשטעלט:

מיין טהייערע, מיין ליעבע, מיין קלוגע און מיין וואוילע! דו האָסט מיך ניט געקענט דערפאַר, ווייל דו האָסט מיך ניט גע־זעהן, און דער, וואָס דו האָסט איהם געזעהן, איז געווען ניט איך, נאָר איין אַפּשיין פון מיר. שטעל דיר פאָר, אַז מיר האָבען זיך נאָר־וואָס בעקענט, אַז מיר האָבען זיך נאָך גאָרנישט געזעהן, אַז מיר ביידע זענען נייגעבאָרען, און אַך! ווי גליקליך זענען מיר, וואָס מיר קענען נישט די וועלט, די פאַלשע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענשען!...

פון מיר דיין שטערבליך פערליעבטער חתן . . .

האָב איך בעקומען פון איהר אַזאַ מין ענטפער:

מיין ליעבער, מיין טהייערער, מיין מלאך פון גאָט! דיין זיסען בריעף, וואָס איך האָב פון דיר דערהאַלטען, איז פאַר מיר געווען אַ ספר החתום, אַ רעטעניש. דו שרייבסט אַזוי פערשטעלט, אַז איך בעדאַרף מיר לאַנג ברעכען דעם מח, ביז איך זאָל דיך פערשטעהן, און מיר דאַכט, אַז איך מעג מיך איבערנעמען און זאָגען, אַז איך פערשטעה דיך אַקוראַט. דו זאָגסט, אַז מיר דאַרפען זיך שעצען גליקליך, וואָס מיר קענען נאָך ניט די פאַלשע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענשען. ס'איז אַ סימן אַז איך בין טאַקי איינע איין אומגליקליכע, ווארום איך קען שוין גראָדע יאָ די פאַל־שע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענשען! און ווי זיס איז מיר צו דענקען, אַז ס'איז פאַרהאַן חאָטש איינער אַ לייטישער און אַ פיינער, איין אמת'ער, אַ קלוגער און אַ גוטער מענש, און דער איינער — דאָס ביזט דו, מיין אויסדערוועהלטער בעשערטער. זיי געזונד, מיין טהייערער. שרייב מיר, וואָס לייענסט דו אַצינד און וואָס פאַר אַ ביכער קאָנסט דו מיר רעקאָמענדירען צום לייענען? איך קוועטש דיר די האַנד מיט גרויס ליעבשאַפט און בלייב אויף אייביג

דיין געטרייע, געטרייע כלה . . .

האָב איך דערויף געענטפערט בזו הלשון:

מיין לעבען, מיין זעלע, מיין גן־עדן!

אַז דו וואונדערסט זיך אַזוי אויף מיר, הייגט וואָס פאַר אַ חידוש, וואָס פאַר אַ רעטעניש בעדאַרפסט דו שוין זיין פאַר מיר? איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אין חלום אפילו, אַז איך זאָל האָבען אַזעלכע בריעף פון דיר! פון די געצעהלטע לשון־קודש ווערטער, וואָס וואַרפען זיך דורך אין דיינע בריעף, זעה איך אַרויס, אַז דיר איז ניט פרעמד אונזער הייליגע שפּראַך. אָ, דער־פאַר אַליין שעץ איך דיך אַזוי הויך, אַז איך האָב מורא, איך בין נישט ווערטה דיין נאָמען צו דערמאַנען! איך קוק אויף דיין פאַר־טרעט און זאָג זיך אַליין: אָט דאָס איז זי, די אמת'ע אידישע טאָכטער! אָט דאָס איז מיין אידעאַל און פאַר דיר בין איך גרייט אַלע מינוט זיך מקריב זיין מיט מיין גאַנצען לעבען! דו פרעגסט מיך, וואָס זאָלסט דו לייענען? איך שיק דיר דאָ אַ גאַנץ צעטעל פון די בעסטע רוסישע און אויסלענדישע קלאַסיקער, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו, שעק־ספּיר, געטע, שילער, היינע, בערנע. איך האָף, אַז דו וועסט געוויס הנאה האָבען. און שרייב מיר באַלד ענטפער, וואָרום דער טאָג, וואָס איך האָב פון דיר אַ בריעף, איז ביי מיר אַ יום־טוב. לעב וואָהל, מיין טהייערע! לעב וואָהל, מיין געטרייע! ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען האַרצען

דיין דיך ליעבענדער און איבערגעבענער חתן...

האָט זי מיר דערויף אַזוי געענטפערט:

מיין קרוין, מיין שאַץ, מיין טרייסט, מיין האַרץ!

איך פערשטעה ניט, וואָס דו ביזט אַזוי נתפעל געוואָרען פון אַ פּאָר לשון־קודש־ווערטער, וואָס דו האָסט בעגעגענט אין מיינע בריעף! לשון־הקודש — דאָס איז דאָך אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך, דאָס חומש — דאָס איז דאָך אונזער איינציגער נאַציאָנאַל־פאָנד, אונזער גאַנץ פערמעגען! וואָס פאַר אַ דאַנק פערדיענט אַ אידישע טאָכטער דערפאַר, וואָס זי פערשטעהט אידיש? שעמען בעדאַרף

זיך אַ אידישע טאָכטער, אויב זי ווייסט ניט חאָטש עטליכע שירים פון יהודה הלוי אויסוועניג; אַ חרפּה און אַ בושה בעדאַרף זיין אונז אַלעמען, אַז אַ אידיש מיידעל, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, ווייסט ניט ווער איז מאַפּו, לעווינזאָהן, סמאָלענסקין, גאָרדאָן וכדומה אונזערע אייגענע קלאַסיקער!... פאַר דיין צעטעל דאַנק איך דיר פיעל מאָל. עס טהוט מיר באַנג, וואָס איך האָב די אַלע קלאַסיקער, וואָס דו האָסט מיר אויסגערעכענט, שוין לאַנג דורכגעלייענט אינאיינעם מיט נאָך בעריהמטע שרייבערס און פּאָע־טען, ווי, למשל: בייראָן, סוויפט, סערוואַנטעס, דיקענס, טעקעריי, שעלי, באַלזאַק, דאָדע, הוגאָ, סענקעוויטש, אָרזשעשקאָ, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע. איך האָב געוואָלט עפּיס נייעס, עפּיס אַ פרישע זאַך אויף צו לייענען, און ניט קיין ראָמאַן, נאָר איין ערנסט וואָרט.

פערבלייב געזונד, מיין ליעבער און מיין זיסער, און שאַץ מיך ניט צו הויך, וואָרום וואָס צו איז איבעריג; איך בין אַ גאַנץ גע־וועהנליכע אידישע טאָכטער, וואָס איז דיר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען.

דיין געטרייע כלה . . .

האָב איך איהר דערויף געענטפערט...

נאָר טאָמער וואָלט געוועזען גענוג שוין צו ברענגען בריעף סאַי פון חתנ׳ס צד, סאַי פון כלה׳ס צד? איך האָב מורא, עס וועט אויסקומען ניט קיין ראָמאַן, נאָר אַ בריעפענשטעלער. איך דאַרף דאָ זאָגען נאָר איין זאַך: די דאָזיגע בריעף ליגען נאָך עד היום ביי מיר אין טישקעסטעל בעהאַלטען, פערדרוקט העט־ווייט אין אַ ווינקעלע. קיין בן־אדם האָט זיי נישט אָנגעקוקט. זיי זענען ביי מיר טהייער, ווי אַלטע־אַלטע כתבים, שטילע עדות פון מיינע ער־שטע פריידען און ליידען. זיי זענען אויסגעטריקענטע אָפּגעבליא־קעוועטע בלומען אויפ׳ן קבר פון מיין ערשטער ליעבע, פון מיין ערשטען ראָמאַן.

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

[איך באַד זיך אין ליגען און גליה ווי אויף פּאַסען].

דער מענש, וואָס איז פערליעבט, קאָן מען דאָס איבערלייענען ביי איהם אויפ'ן פּנים, אַרויסזעהען נאָך דער נאָז; מע בעדאַרף זיך נאָר רעכט צוקוקען צו איהם, ווי די אויגען בלאָנזען ביי איהם אַרום, ווי ער שמייכעלט עפּיס מאָדנע, ווי ער ענטפערט נישט צו דער זאַך, ווי ער קוקט אַלע מינוט אין שפּיעגעל, בייט אַלע טאָג דאָס האַלזטיכעל, און אַז ער געהט, טאַנצט ער, און איז אַ גוטער פריינד דער גאַנצער וועלט — ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר לייטען, וואָלט ער זיך צעקושט מיט'ן קוימענקעהרער...

נאָך מיר איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל נאָכקוקען. אמת, אַ פּאָר מאָל האָט מיך מיין תּלמיד אַ פרעג געטהאָן, בשעת מיר האָבען געשפּיעלט אין „דאָמקעס", וואָס בין איך עפּיס אַזוי צע־טראָגען, וואָס איך שלאָג מיינע אייגענע ציגלעך? האָב איך מיך געוואונדערט און געפרעגט: „וואָסערע ציגלעך?" אויך מיין פּרינ־ציפּאַל האָט ביי'ם טיש זיצענדיג מיך אַ חאַפּ געטהאָן, וואָס האָב איך אַזאַ שלעכט פּנים? האָט איהם די בעל־הבית'טע מיט די שליסלען אַ זאָג געטהאָן (כלומרשט מיט אַ רחמנות־פּנים, און אין הארצען איז איהר צוגעקומען אַ שטיק געזונד), אַז פון אַ צייט אַז דער לעהרער עסט גאָר ניט!...

— וואָס איז די מעשה? — האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ פרעג געטהאָן און האָט אַליין געענטפערט פאַר מיר: — ס'איז פון צופיעל אַרבייטען, פון צופיעל לערנען; גאַנצע טעג זיצט איהר פאַרשפּאַרט אין צווייען און לערענט. געהט זיך אַמאָל דורך!...

— ווען האָבען מיר צייט געהן, אַז מיר האָבען אַזוי פיעל אַרבייט? — האָט זיך אַריינגעמישט מיין תּלמיד אַזוי תּמעוואַטע־נאַאיוו, אַז עס האָט זיך מיר געגלוסט איהם אָנשפּייען אין פּנים און אויסשרייען אויף אַ קול:

— גוואלד, גוואלד, אידישע קינדער, וואָס פאַר ליגנערס איהר זענט! אַ ליגנער אויף אַ ליגנער, איין ליגנער גרעסער פונ'ם אַנ־דערען!...

איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט; אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זאָגען דעם אמת, האָב איך בעסער געזאָגט אַ ליגען:

— איך האָב מיך פאַרבענקט אַהיים...

— נישקשה, ער מעג בענקען! — האָט מיר מיין פרינציפּאַל אונטערגעהאָלפען דעם ליגען מיט'ן גאַנצען כח פון זיין רייכער פאַנטאַזיע. — ער האָט נאָך וועמען צו בענקען; זייער משפּחה איז די ערשטע, די איינציגע משפּחה, ניט נאָר ביי זיי אין שטאָדט — מע קאָן זאָגען, אַז אין גאַנצען קאַנט געפינט מען ניט אַזאַ משפּחה. דער קאָווגער רב איז, דאַכט זיך, אייערער איין אייגענער געוועזען?

— אַ פעטער. — זאָג איך אומפערשעמט.

— און דער פאַרעצער מגיד איז, דאַכט זיך, אויך געוועזען אייערער אַ פעטער?

— איין עלטער־פעטער. — זאָג איך.

— און עפשטיין, דער גרויסער עפשטיין — וואָס קעהר זיך מיט אייך אָן?

— אַ שני שבשלישי. — זאָג איך.

— און רב משה'לע האַלפּערין איז, דאַכט זיך, אויך אייערס אַ פריינדעל...

— פון דער מאַמע'ס צד. — זאָג איך.

— נו, און די טאָלטשינער — זאָגט ער — די טאָלטשינער גבירים, האָב איך געהערט, זענען אייך גאָר נאָהענטע קרובים, דאַכט זיך?

— שוועסטער־קינדער — זאָג איך — פון דער מאַמע'ס צד, אייגענע שוועסטער־קינדער.

און איך בין העכסט צופריעדען, נישט אַזוי מיט מיינע נייע־געבאָרענע קרובים, ווי מיט דעם, וואָס איך קאָן מיר זיין רוהיג, וואָס איך קאָן מיר בלייבען אַליין מיט מיינע זיסע חלומות, מיט

מיינע הייליגע געפיהלען און מיט די ליעבע, זיסע, טהייערע בריוו־לעך פון מיין תלמיד'ס כלה, וואָס זענען ביי מיר טהייערער פון אַלע מיינע אויסגעטראַכטע און אמת'ע פריינד, פון אַלע מיינע ווייטע און נאָהענטע קרובים.

אַט וואָס זי שרייבט מיר אין איינעם פון איהרע ווייטערע בריעף:

מיין איינציגער טרייסט! מיין מלאך פון הימעל!

וואָס זאָל דאָס בעדייטען, וואָס דו ביזט אַזוי טרויעריג? פאַר וואָס זעהען־אויס דיינע לעצטע בריעף אַזוי מעלאַנכאָליש? למאי רעדסט דו פונ'ם טוידט? וואָס בעדייטען דיינע רעטהעגישען, וואָס דו לעגסט מיר פאָר? פאַר וואָס זאָגסט דו אויף זיך, אַז דו ביזט דער אומגליקליכסטער פון אַלע אומגליקליכע? למאי זאָלסט דו מיר אַנטהון אַזוי פיעל יסורים? פאַר וואָס זאָלסט דו מיר ניט אַנטפּלעקען יענעם גרויסען סוד, וואָס דו טראָגסט בעהאַלטען? וואָס פאַר סודות קאָנען ביי דיר זיין פאַר דער, וואָס האָט אַזוי ליעב נאָר דיך און ווייטער קיינעם ניט, און וואָס קוקט שוין אַרויס, צעהלט שוין די טעג פון אונזער גיכען גליקליכען פערבינדען זיך אויף אייביג!...

דערויף איז אַוועקגעגאַנגען פון חתנ'ס צד אַזאַ מין תשובה:

מיין הייליגע נשמה, מיין שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג! מיין גאָטהייט! איך בעט דיך, זיי מיר מוחל מיינע לעצטע בריעף! פערגעס, וואָס איך האָב דיר געשריבען! דו ביזט גערעכט, מיין טהייערע, דו ביזט גערעכט. איך טאָר מיך נישט בעקלאָגען, איך טאָר מיך נישט אָנרופען מיט דעם נאָמען „אומגליקליכער". אומ־גליקליך איז דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט ליעב געהאַט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען געליעבט!... איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז פאַר מיר איז גענוג דיינע בריעף אַליין, פאַר מיר איז גענוג, איך זאָל דערלעבען נאָר איין קוק טהון אויף דיר — און שטאַרבען... נאָר ניין, איך האָב זיך געגעבען דאָס וואָרט, איך זאָל מעהר ניט

רעדען פונ'ם טוידט! דו ווילסט וויסען יענעם גרויסען סוד? אוי, ניין, דו וועסט איהם ניט וויסען ביז עס וועט קומען די גליקליכע (אָדער די אומגליקליכע) שעה פון זעהען זיך פאר דער חופּה; דעמאָלט וועסט דו געוואָהרע ווערען פון אַלסדינגג... דערווייל זיי מיר געזונד, מיין טהייערע, מיין הייליגע, און שרייב מיר, שרייב מיר, שרייב מיר!

דיין אומגליקליכער גליקליכער, אָדער דיין גליקליכער אומגליקליכער, וואָס וואָלט א בעלן געוועז, די צייט זאָל זיך ציהען און ציהען... אייביג און אייביג...

. . . .

דאָס נייענטע קאַפּיטעל.

[דאָס גרייטען זיך צו דער חתונה און מיינע נאַרישע חלומות].

דער וואָס איז אַמאָל אַליין געוועזן פערליעבט האָטש א דריט־חלק פון דעם וואָס איך — דער וועט פערשטעהן מיין הארץ, בשעת ס'איז געקומען די גליקליכע אָדער די אומגליקליכע צייט פון אונזער גרייטען זיך צו דער חתונה; און דער וואָס האָט געלייענט מיט קאָפּ די פריהעריגע קאַפּיטלעך — דער וועט פערשטעהן מיין הארץ, בשעת מע האָט אָנגעמאָסטען מיין תלמיד די חתונה־מלבושים, וואָס מע האָט איהם גענייהט דריי וואָכען כסדר. חבוט־הקבר איז נאָר ניט אקעגען מיינע שמערצען; דער גיהנם — איז א גן־עדן אקעגען מיין גרויסען, גרויסען ווערהטאָג.

איהר רעכענט מסתמא: קנאה, שנאה? חלילה! איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אז ליעב האָט מען ניט מיין תלמיד, נאָר מיך — מיך, דעם אמת'ען מחבר פון די בריעף. איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אז בשעת זעהען זיך וועל איך איהר בעדארפען נאָר אנט־פּלעקען דעם סוד, יענעם הייליגען סוד, זאָגען נאָר איין וואָרט, וועט

זי מיך פֿערשטעהן, און עס וועט אַלסדינג זיין רעכט. נאָר ווי אַזוי טהוט מען דאָס אַפּ? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז איך זאָל קאָנען מיט איהר רעדען אונטער פֿיער אויגען האָטש עטליכע מינוט? איך האָב מיר געבראָכען דערויף דעם קאָפּ, געבויעט זיעבעצעהן טויזענד פּלאַנען, איינער ערגער פֿונ׳ם אַנדערען, און זיעבעציג טויזענד פֿאַנטאַזיעס, איינע נאַרישער פֿון דער אַנדערער. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז עס זענען מיר געקראָכען אין קאָפּ אַזעלכע מיאוסע מחשבות, וואָס איך שעם זיך זיי איבערגעבען אויף פּאַפּיער, האָטש ס׳איז שוין אַוועקגעגאַנגען פֿון דעמאָלט־אָן אַ היבשע שטיק צייט. מיינט נישט, חלילה, אַז איך האָב געוואָלט אומברענגען מיין קאָנ־קורענט, סמ׳ען דעם תלמיד מיינעם! לאָז גאָט אָפּהיטען אַלע אידישע קינדער פֿון אַזעלכע מיאוסע מחשבות! איך האָב נאָר געבעטען גאָט, ער זאָל אַזוי עפּיס טהון אַ נס, אַז מיין תלמיד זאָל פֿון זיך אַליין ווערען קראַנק, זיך אַוועקלעגען און אָפּטראָגען זיך אויף יענער וועלט, אָפּרייניגען מיר דעם אָרט...

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב געטראַכט פֿון דעם טאָג מיט נאַכט, אַרויסגעקוקט, אַז מיין תלמיד זאָל חאַפּען ערגיץ אַ פֿערקיהלונג, זיך דערשוויצען און חאַפּען אַ ווינטעל, אָנהויבען הוסטען, אָדער ליגען אויף אַ היציגער שלאַפֿקייט, אָדער אויסגלי־טשען זיך אויפ׳ן גלייכען וועג, זיך ברעכען האַלז־און־נאַקען, אָדער אומגעהרען חאַפּען פֿון עמיצען אַ שטיין אין קאָפּ אריין, אָדער אַ משוגע׳נער הונד זאָל איהם בעפֿאַלען, און ער זאָל אראָפּ פֿונ׳ם זינען, אָדער אַ שטורעמווינד זאָל אויסרייסען אַ בוים מיט׳ן וואָרצעל און אומוואַלגערען גלייך אויף איהם, אָדער איין אַנדער נס זאָל גע־שעהן, — אַבי ער זאָל מיר אָפּרייניגען דעם פּלאַץ.

און בשעת מעשה האָט מיר געקלעהמט דאָס הארץ, ווען גע־טהאָן אויף איהם. נעבאַך איין אומשולדיגער נפש — פֿאַר וואָס קומט דאָס איהם? פֿאַר וואָס זאָל ער געהן אַזוי יונג פֿון דער וועלט? און אין הארצען האָב איך איהם שוין בעוויינט, באמת בעוויינט, אָנגעשריבען אויף איהם אַ קלאָג־בריעף צו מיין געליעב־

טער און צו מיין טהייערער, אויסגעלאָזט מיט זעהר אַ טרויעריג ליעד. אינ'ם ליעד בעוויין איך און בעקלאָג גאַנץ ערנסט מיין יונגען תלמיד, וואָס איז אוועק נעבאך פאַר דער צייט; די וועלט האָב איך נעגליכען צו אַ בית־עולם און איהם צו אַ יונגען בוים. אויפ'ן בוים —

שטעהט און קלאָגט, אוי ועה,
דער בית־עולם־סאָלאָוויי,
און די שטערען גיסען טרערען...

וואָס ווייטער שטעהט — געדענק איך ניט.

און ווידער חלומ'ט זיך מיר אין דער פאַנטאַזיע, אַז ס'איז שוין אוועקגעגאַנגען אַ יאָהר נאָך זיין טוידט, און מירביידע, איך און מיין געליעבטע, זענען געקומען צו איהם אויף „קבר־אבות" אַ ביסעל זיך אויסוויינען, איהם געבראַכט אַ מתנה פרישע שמעקענדיגע בלומען מיט אַ ליעד, וואָס לאָזט זיך אויס אַזוי:

אויף דיין קבר די בלומען זאָלען בליהען,
אין גן־עדן דיין נשמה זאָל רוהען!...

אַז בלומען אויף אַ קבר זאָלען בליהען — דאָס איז עפּיס ניט אַזוי מעגליך; נאָר אַז מיין תלמיד האָט געבליהט, געבליהט, ווי אַ רויז — דאָס איז געוויס. ער איז געוואָרען וואָס אַ טאָג געזינטער, דאָס פּנים ליכטיגער, דאָס קלאָר־ווייסע לייב פערוואַכסען מיט שמאַלץ, און איז געווען צופריעדען, פריילין, לעבעדיג און גליקליך — גליקליך נישט פון ליעבע, נאָר פון דעם, וואָס ער פאָהרט־אריבער אין אַ ניי אָרט, אין אַ גרויסער שטאָדט, צווישען נייע מענשען, און וועט נישט אָנקוקען מעהר זיינע אייגענע, וואָס האָבען זיך איהם צוגעגעסען, געווען נמאס ווי דער טוידט.

אזוי האָט ער זיך מיר אַליין מודה געווען ניט איין מאָל, חאָטש אין די אויגען האָט ער זיי נאָכגעגעבען, אַז ער וועט שטאַרק־שטאַרק בענקען נאָך זיי, אַז ער ווייסט גאָר ניט, ווי אַזוי ער וועט דאָס גאָר איבערטראָגען אפילו.

— אָבער נאָך מיר וועסט דו בענקען? — האָב איך אַ פרעג געטהאָן מיין תלמיד.

— געוויס! געוויס! — האָט ער מיר געענטפערט און האָט מיך ארומגענומען גאָר פריינדליך. — דיך וועל איך נעמען מיט זיך! מיר וועלען דאָרטען לעבען אַ גוטען טאָג. מיר וועלען שפּיע־לען אין „דאָמקעס", געהן אין טהעאַטער, איך וועל דיך ניט אָפּ־לאָזען פון זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט!

איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז אַ גרויסער ליגען.

געבאָרען, אויפגעוואַכסען און אויפגעצויגען געוואָרען אויף שוא ושקר, האָט ער דאָ אויך געזאָגט אַ ליגען.

דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

[ברוך הבא — געסט].

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען דאָס אויפנעמען מיט'ן כבוד, וואָס מע האָט אונז אָפּגעגעבען, אַז מיר זענען געקומען אויף דער חתונה. קודם כל האָט מען אונז אַרויסגעשיקט אַ גרויסאַרטיגע קאַרעטע צום וואָקזאַל און מע האָט אונז פערפיהרט אין זעהר אַ שענער שטוב, אָפּגעגעבען איטליכען בעזונדער איין אַנדער חדר און מכבד געווען מיט דער גוטער קאַווע מיט פּוטערגעבעקס, און נאָכ־דעם מיט'ן שענעם אָנבייסען, פרישע פיינקוכענס מיט געבראָטענע קאַטשקעס, און מענשען — מענשען ווי מיסט זענען געקומען אונז מקבל פּנים זיין, אָפּגעבען שלום, אַלע מאָל נייע פאַרשוינען.

ביי מיר האָבען דאָ אַלע מענשען אויסגעזעהען ווי מוראַשקעס, געשעמערירט אין די אויגען, געזשומעט ווי די פליעגען. איך בין

געוועז פערנומען מיט מיינע אייגענע מחשבות, מיט מיינע זעהר ניט פרייליכע געדאנקען: „ווי אזוי מאכט מען דאָ, איך זאָל זיך קאָנען מיט איהר זעהען? מי יודע, צי עס וועט מיר געראָטען? און וואָס וועט זיין, אז זי וועט געוואָהר ווערען פונ׳ם הייליגען סוד? און טאָמער חלילה וחס..." איך האָב גאָר מורא זאָגען וואָס... א שרעק! א שרעק!...

אין קעשענע איז ביי מיר געווען, נאָך פון דער היים אַרויס־פאָהרענדיג, צוגעגרייט... שרעקט זיך נישט — ניט קיין פּיסטאָליעט, חלילה, נאָר א בריעף צו „איהר", א בריעף אויף דריי בויגען פּאַ־פּיער, בעשריבען מיין ראָמאַן, ווי אזוי ער האָט זיך אָנגעהויבען, און מיין ביאָגראַפיע אין קורצען. נאָר ווי אזוי גיט מען איהר איבער דעם בריעף? דורך וועמען? און ווען וועט זי צייט האָבען איהם איבערלייענען?

און די מחותנים מיט די מחותנת׳טעס פון כלה׳ס צד לויפען אַרום הין און צוריק, ווי די פער׳סמ׳טע מייז, טרייבען די סאַר־ווערס, זיי זאָלען זיך גרייטען צו דער חופה־וועטשערע, און טריי־בען די שמשים, זיי זאָלען ברענגען די כלי־זמר מיט׳ן רב, מע זאָל שטעלען די חופה וואָס פריהער, וואָרום חתן־כלה פאַסטען.

אז דער חתן האָט ניט געפאַסט — בין איך איין עדות; ער האָט ביי מיר אין חדר זעהר פיין איבערגעביסען מיט א האַלבער קאַטשקע, און געזאָגט האָט ער, אז ער פאַסט, בריה׳ש אָנגעצויגען אויף זיך א פּנים פון א חתן, וואָס פאַסט און וואָס דער קאָפּ איז איהם פערטיעפט אין זעהר ערנסטע מחשבות.

געבאָרען, אויפגעוואַכסען און אויפגעצויגען געוואָרען אויף שוא ושקר, האָט ער דעם טאָג פון דער חופה אויך געזאָגט א ליגען.

און דערווייל זענען אָנגעקומען די כלי־זמר און מע האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צום בעדעקענס. ס׳איז געוואָרען נאָך א גרע־סערער טומעל, ווי פריהער; אַלע האָבען גערעדט, אַלע האָבען זיך געהאַפּט, אַלע האָבען זיך געמאַכט גלייך ווי מע טהוט עפּיס — „גיבער, גיכער! לאָז מען געהן! שמט־קומט!"...

און מע האָט אונז גענומען — װער װײס איך ניט; און מע האָט אונז געפֿיהרט אונטער די הענד — װאוהין װײס איך ניט; און מע האָט צו אונז עפּיס גערעדט, עפּיס געזאָגט — װאָס װײס איך ניט. מיר האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגען, געזשומעט אין די אויהערען, און דאָס הארץ, דאָס הארץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!

די כלי־זמר האָבען געשפּיעלט. עס האָט געװײנט א פּיעדעל, עס האָט געטערעליקעט א טראָמײט, עס האָט געפּײפֿט א פֿלײט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעמעל־פּויק — באָם־באָם־באָם! און דאָס הארץ, דאָס הארץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!...

דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

[דער „עפּילאָג" פֿונ'ם ראָמאַן].

צװישען אַלע פּאַרשױנען, װאָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט און געשעמערירט פֿאַר מײנע אויגען, האָב איך בעמערקט אײנעם, װאָס האָט זיך אַרומגעדרעהט גלײך מיט מיר, װי א װילד־פֿרעמדער. דאָס איז געװען א יונגערמאַן מיט ברילען און מיט לאַנגע האָר, װאָס האָט געהאַט אויף זיך נאָר אײן אַרבײט; זײן אַרבײט איז געװען — אויף אַלסדינג קוקען און אַלסדינג זעהען, און װי עס האָט אויסגעװיזען, האָט ער די אַרבײט געטהאָן גאַנץ געשמאַק: ער האָט געהאַלטען אין אײן קוקען.

אַז זײנע ברילען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר, האָט זיך מיר אויסגעװיזען, אַז ער זעהט מיך דורך און דורך, אַז ער זעהט מײן הארץ, אַז ער זעהט מײן סוד, מײן הײליגען־הײליגען סוד, און איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגען. איך האָב אָבער דערפֿיהלט אויף זיך די ברילען; איך האָב געפֿיהלט, אַז ער הערט ניט אויף אויף מיר צו קוקען, און איך האָב ניט װילענדיג אויפֿגעהויבען די אויגען און האָב זיך װיעדער בעגעגענט מיט זײנע ברילען, װאָס

האָבען געקוקט מיר אינוועניג אין הארצען אריין און געצווינגען מיך צו זיך, ווי אַ מאַגנעט.

איך ווייס נים, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען, נאָר איך און דער יונגערמאַן מיט די ברילען זענען געשטאַנען נאָהענט איינער נעבען דעם אַנדערען און האָבען גערעדט, געוועהנליך פון דער חתונה, פונ׳ם בעדעקענס און פון חתן־כלה.

דעם חתן האָבען ביידע מחותנים צוגעפיהרט אונטער די הענד צו דער כלה, און די כלה איז געזעסען אין מיטען שטוב אויף אַ בענקעל מיט צעלאָזטע האָר, דאָס פּנים פערשטעלט מיט ביידע הענד — אַפּנים, זי האָט געוויינט. די כלי־זמר האָבען געשפּיעלט. עס האָט געוויינט אַ פּיעדעל, עס האָט געטערעליייקעט אַ טראָמייט, עס האָט געפּייפּט אַ פלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסעל־פּויק — באַם־באַם־באַם! און דאָס הארץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!

„אַט־אַט — האָב איך מיר געטראַכט — אַט־אַט, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט — און אַלץ איז פערפאַלען!״...

— אַ טעלעצע! — רופט זיך אָן צו מיר פּלוצים דער יונגער־מאַן מיט די ברילען גלייך אין די אויהערען אריין.

— וואו איז אַ טעלעצע? — פרעג איך איהם און קוק זיך ארום אויף אַלע זייטען.

— אָט זיצט זי דאָך! — מאַכט ער צו מיר און בעווייזט מיר מיט די ברילען אויף דער כלה.

ער האָט דערזעהען נאָך מיין פּנים, אַז איך בין שטאַרק פערחדוש׳ט, מאַכט ער צו מיר שטילערהייד אויפ׳ן אויהער:

— אַ קאַלב, אַ בהמה, אַ גלאָמפּ, אַ כשר׳ע בהמה! קיין צלם פאַר קיין אַלף, און אַ מרשעת דערצו! און נעמט אַזאַ פיינעם חתן! איהר זעהט, דאַכט זיך, זיין לעהרער?

איך ווייס נים, צי ער האָט מיר אוועקגערופען, צי איך האָב איהם אוועקגערופען, צי מיר האָבען זיך ביידע אוועקגערופען אויף אַ זייט, נאָר אין צוויי מינוט ארום זענען מיר געזעסען איינער

אַקעגעגן דעם אַנדערען, ווי אַלטע בעקאַנטע, און דער יונגערמאַן מיט די ברילען — ער איז געווען דער כלה'ס אַ לעהרער — האָט מיר איבערגעגעבען אויף איהר אַזעלכע זאַכען, וואָס עס וואָלט געווען גלייכער און געזינטער פאַר מיר, איך זאָל דאָס בעסער ניט וויסען...

— סטיומטש, און איהרע בריעף? — האָב איך אויסגעשריי־גען. — אום גאָטעס ווילען, איהרע בריעף?!

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילען זיך געחאַפּט פאַר'ן הארצען און האָט אָנגעהויבען צו לאַכען און צו קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— איהרע בריעף? חאַ־חאַ־חאַ! איהרע בריעף! אוי, איך וועל דאָס גישט אויסהאַלטען — א י ה ר ע בריעף!

— וועמענ'ס דען בריעף זענען דאָס?

— איהרע? חאַ־האַ־חאַ! איהרע בריעף? מיינע! חאַ־חאַ־חאַ, מיינע בריעף! מיינע! מיינע!! מיינע!!!

איך האָב געמיינט, אַז דער יונגערמאַן איז נאָר אַראָפּ פון זינען און ער וועט דעם שלאַג בעקומען. ער האָט מיך געחאַפּט פאַר ביידע הענד, מיך גענומען דרעהען איבער'ן שטוב, מיך גע־שלאָגען אין די פּלייצעס און ניט אויפגעהערט צו לאַכען:

— איהרע, חאַ־חאַ־חאַ! איהרע בריעף!??

עס האָט זיך אייך ווען גע'חלומ'ט אַ זיסער חלום: אַ פּאַלאַץ אַ שענער, גוטע מאכלים, די בעסטע וויינען, פרישע פּירות, נאָר־וואָס פונ'ם בוים, אַ ריח פון בשמים, אַ גן־עדן... און איינע עפּיס אַ „זי" אינ'ם געשטאַלט פון אַ פּרינצעסין מיט גילדענע בעזילבערטע האָר... און איהר שוועבט, ניט איהר געהט, און איהר פליהט־פליהט אַלץ העכער־העכער, גלייך אין הימעל אריין... פּלוצים הערט איהר אַ פּייפען, וואָס געהט פון אַ וואַלד אַרוים — פּי־יו־יט! און אַ פּאַטש פון פליגלען און אַ משונה־מאָדנע געלעכטער „חאַ־חאַ", וואָס צע־טראָגט זיך איבער'ן גאַנצען וואַלד און לאָזט זיך אוים מיט אַ לאַנגגען געהיליץ — אַאַאַי!!! פאַר אייערע אויגען איז אַ טיעפער

אפגרונד, אט־אט פאלט איהר אראפ. איהר טהוט א ציטער און זאפט זיך אויף מיט א קאפוועהטיג און קאנט לאנג נישט קומען צו זיך...

דעם דאזיגען זיסען חלום האב איך איבערגעלעבט אין דער מינוט, וואס דער יונגערמאן מיט די ברילען איז געשטאנען איבער מיר און האט ניט אויפגעהערט צו לאכען פון מיינע בריעף און אויסרעכענען די מעלות פון מיין געליעבטע... ער האט געלאכט, און מיר האט זיך געטריפט בלוט, א טראפען נאך א טראפען, און געפאלען אויף מיין פערוואונדעט הארץ, אויף מיין פער'סמ'טע נשמה.

און דארט אין זאל האבען געשפיעלט די כלי־זמר. די פיעדעל האט געוויינט, די טרומייט האט געטערעליקעט, די פלייט האט געפייפט, דער באס האט געברומט, די קעסעל־פויק האט געבארא־באנעט — באם! באם! באם! און דאס הארץ — דאס הארץ איז מיר געווען פוסט און לעדיג, אויף דער נשמה וויסט און פינס־טער, חושך אין אלע ווינקעלעך.

צווי אנטעגימטען

ערצעהלונג

געשריבען אין יאָהר 1905

צוויי אַנטיסעמיטען

א.

מאַקס בערליאַנט איז אַ געוויכערטע ליולקע. ער פאָהרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע קיין לאָדז עטליכע מאָל אין יאָהר. ער איז בעקאַנט מיט אַלע בופעטשיקעס אויף די וואָקזאַלען, אויסגעצבונדען מיט אַלע קאָנדוקטאָרען, געווען שוין אין די טיעפע גובערניעס, דאָרט וואו אַ איד טאָר נישט זיין מעהר ווי פיער און צוואַנציג שעה, געשוויצט אין אַלע אוטשאַסטקעס, אויסגעשטאַנען אונטערוועגענס געגנוג בזיונות, ניט איין מאָל זיך געערגערט, אָפּ־געגעסען דאָס הארץ — און אַלץ איבער'ן אידענטום. דאָס הייסט, ניט איבער דעם, וואָס ס'איז פאַרהאַן אַ אידענטום, נאָר דערפאַר, וואָס ער אַליין איז, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ איד; און ניט אַזוי דערפאַר נאָך, וואָס ער איז אַ איד, ווי דערפאַר, וואָס ער האָט, מחילה, אַ אידיש אויסזעהען. אָט דער צלם אלקים — אוי, דער צלם אלקים! אויגען שווארצע, גלאַנצענדיגע, האָר אויך שווארצע, גלאַנצענדיגע — אמת'ע סעמיטישע האָר; איין אויסשפּראַך אַ גע־הרג'עטע, איין עכטע אַ אידישע, מיט אַ חי"ש, און דערצו אַ נאָז — אוי, אַ נאָז!

און ווי אויף צו־להכעיס, איז אונזער העלד בעשטראָפט מיט אַ מין פּראָפּעסיע (ער איז אַ קאָמיוואָיאַזשער), וואָס ער מוז זיך ארומפיהרען מיט דער נאָז איבער דער וועלט, און דוקא רעדען, און דוקא אַ סך רעדען — מע זאָל איהם זעהען, הייסט עס, און מע זאָל איהם הערען. קורץ — ס'איז אויף איהם אַ רחמנות.

אמת, אונזער העלד האָט זיך נוקם געווען אין דער באָרד. אָנגעטהאָן זיך און אויסגעפּוצט, טאַקי גאָר ווי אַ כלה, פערדרעהט די וואָנסעס ארויף, זיך פערלאָזט אַ לאַנגען נאָגעל און געטראָגען אַ שניפּס „אשר לא שניפּסו אבותינו", זיך געוואוינט צו די מאכלים וואָס אויפ'ן וואָקזאַל, אויסגעלאָזט זיין גאַנץ ביטער האַרץ צום דבר־אחר (ס'זאָל איהם אָנגעהן, דעם חזיר, חאָטש האלב, וואָס מאַקס האָט איהם געווינשעוועט, בשעת ער האָט איהם פערזוכט צום ערשטען מאָל!), און וואָס טויג אייך גרויס? ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען און האָט אָנגעהויבען עסען ראַקעס.

פאַר וואָס זאָג איך „ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען"? ווייל אייערע שונאים זאָלען אזוי וויסען פון זייער נאָז, ווי מאַקס בערליאַנט האָט אפילו אָנגעהויבען צו וויסען, ווי אזוי מען איז זיך נוהג מיט ראַקעס: צי מע שניידט זיי מיט אַ מעסער? צי מע שטעכט זיי מיט אַ גאָפּעל? צי מע עסט זיי גאַנצערהייד?

און פון דעסטוועגען, נאָך די אַלע גליקען, קאָן זיך מאַקס בערליאַנט ניט אויסבעהאַלטען מיט זיין אידישקייט — ניט פון אייגענע, ניט פון פרעמדע. מע דערקענט איהם, ווי אַ בייזען שילינגער, פּונקט אזוי ווי דעם פערשאָלטענעם קין, און מע גיט איהם צו וויסען אויף יעדען טריט און שריט, ווער ער איז און וואָס ער איז. קורץ — ס'איז אויף איהם אַ גאָט'ס רחמנות!

ב.

נאָך אויב מאַקס בערליאַנט איז געווען איין אומגליקליכער מענש ביז קישינעוו, איז נאָך קישינעוו ניט געווען צו איהם קיין גלייכען. טראָגען אין זיך טיעף אין הארצען אַ גרויסען וועהטיג און שעמען זיך מיט איהם — דאָס איז אַ מין גיהנום, וואָס נאָר דער קאָן איהם פערשטעהן, ווער עס פיהלט איהם. מאַקס האָט זיך געשעמט מיט קישינעוו, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין קישינעוו... און טאַקי עפּיס גאָר ווי אויף צו־

להכעיס, האט מען איהם פונקט אין יענער צייט, וואס נאך קישינעוו, ארויסגעשיקט אהין, אין יענע מקומות, קיין בעסאראביע, און ער האט געפיהלט, אז דא הויבט זיך אן פאר איהם א נייער גיהנום. קארג האט ער זיך אנגעהערט פון די דאזיגע שענע מעשיות דארט ביי זיך אין דער היים? קארג האט איהם געקאכט דאס הארץ, פערלאפען מיט בלוט, אויף די רציחות, וואס מע האט אזעלכס ניט געהערט אויף דער גאנצער וועלט? ער וועט דען פערגעסען יענעם טאג, בשעת איינמאל אין שוהל האט מען געמאכט איין „אל־מלא־רחמים“ אויף די „הרוגי־קישינעוו“? אלטע אידען האבען דעמאלט געוויינט, ווייבער זענען געפאלען חלשות...

געוויס האט זיך אייך געטראפען א מאל פאהרען אין באהן מערביי איין ארט פון א „קאטאסטראפע“. איהר ווייסט טאקי גאנץ גוט, אז איהר קאנט זיצען רוהיג: נאך א מאל אזא אומגליק, א קאטאסטראפע, אויף דעם זעלבען ארט וועט זיך ניט טרעפען. נאר איהר דערמאנט זיך, אז אט־א־דא האבען נישט לאנג געקאטשעט זיך בארג־אראפ איין וואגאן נאכ'ן אנדערען, און דא האבען מענשען געלעגט דעם קאפ, דא האבען געטרישטשעט ביינער, געראנען בלוט, געשפריצט מארך — איהר זענט זיך מחיה, אז איהר פאהרט אריבער דאס ארט בשלום...

מאקס האט געוואוסט, אז דא, אין די מקומות, וועלען זיין א סך דבורים, מיט מימרות, מיט מעשיות, מיט זיפצען, מיט קרעכצען פון אייגענע, און אנצוהערענישען מיט שטעכווערטלעך פון פרעמדע; און וואס נעהענטער ער איז געווען צו יענע מקומות, האט ער אלץ מעהר געזוכט מיטלען, ווי אזוי צו אנטלויפען, אויסבעהאלטען זיך פון זיך אליין...

געקומען שוין גאר נאהענט, האט ער תחילת געוואלט בלייבען זיצען אין וואגאן איינער אליין. נאכדעם האט ער זיך בערעכענט און איז דוקא אראפגעשפרונגען מיט נאך פאסאזשירען אויפ'ן וואקזאל, דוקא צוגעגאנגען צום בופעט מיט א ברייטקייט, ווי א מענש, וואס ס'איז איהם שטארק אויפגעלעגט אויפ'ן הארצען, דוקא

נעמאכט א שנעפסעל, פערביסען מיט די אלע גוטע זאכען, וואס א איד טאר ניט, פערטרונקען מיט א גלעזעל ביער, פעררויכערט א ציגאר און איז צוגעגאנגען צו דער שאפע, וואו מע פערקויפט ביכער און צייטונגען, און דערזעהען ליגען דאס געוויסע שענע אנטי־סעמיטישע בלאט פון׳ם געוויסען שענעם אנטיסעמיט קרושעוואן מיט׳ן געוויסען שענעם נאמען „ב ע ס א ר א ב ע ץ“. דארט, אין יענע מקומות, דארפט איהר וויסען, וואו עס באקט זיך דאס דאזיגע שענע בלאט, ליגט זיך עס גאנץ רוהיג: קיינער נעמט דאס ניט אין האנד אריין; די דארטיגע אידען נעמען דאס ניט, ווייל ס׳איז „מוקצה מחמת מיאוס“, און ניט־אידען האט זיך עס שוין צוגעגעסען. ליגט זיך עס דערפאר בשלום אין שאפע און דערמאנט נאר דעם עולם, אז ס׳איז פארהאן אויף דער וועלט איינער א קרושעוואן, וואס רוהט נישט, וואס שלאפט ניט און וואס זוכט מיטלען, ווי אזוי צו בעהיטען און בעוואהרענען און בעשירמען די וועלט פון דער געפעהרליכער קרענק, וואס מע רופט זי „אידישקייט“.

מאקס בערליאנט איז געווען דער איינציגער, וואס איז צו־געגאנגען צו דער שאפע און האט זיך געהייסען געבען א נומער „בעסאראבעץ“. צוליעב וואס, למשל? אפשר צוליעב דעם איי־גענעם טעם, וואס ער האט זיך געהייסען דערלאנגען ראקעס? און אפשר האט ער טאקי געוואלט זעהען, וואס שרייבט עפיס אזא כלב שבכלבים ועגען אידען? ס׳איז א סברה, זאגט מען, אז דאס רוב אנטיסעמיטישע בלעטער לייענען סעמיטען, דאס הייסט, מיר אליין טאקי מיט אונזער כבוד... די בעלי־בתים פון די בלעטער וויסען דאס גאנץ גוט און געהען מיט דעם גאנג, אז „דער איד איז טריפה און דער גראשען איז כשר“...

בקיצור, אונזער מאקס האט געהאנדעלט א נומער „בעסא־ראבעץ“, אריינגעגאנגען מיט איהם אין וואגאן אריין, אויסגעצויגען זיך איבער דער באנק און איבערגעדעקט זיך מיט׳ן בלאט, ווי מע דעקט זיך איבער, למשל, מיט א קאלדרע אדער מיט א פלעד, און בשעת מעשה איז איהם דורכגעפלויגען א מחשבה:

„וואָס וועט זיך, אַשטייגער, קלעהרען אַ איד, למשל, אַז ער וועט צוגעהן און דערזעהען אַ מענשען ליגען אויסגעצויגען און איבערגעדעקט מיט אַ „בעסעראַבעץ״? געוויס וועט שוין קיינעם ניט קומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָ ליגט אַ איד... אַ אידעע, כלעבען, אַ טהייער מיטעל אויף פּטור צו ווערען פון אידען און בלייבען אַקעגען נאַכט אויסגעצויגען איינער אַליין, ווי אַ שררה, אויף אַ גאַנצער באַנק״...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער העלד, און בכדי ס׳זאָל שוין טאַקי קיין בן־אָדם ניט וויסען, ווער דאָ ליגט, האָט ער זיך איבער־געדעקט מיט׳ן „בעסעראַבעץ״ איבער׳ן פּנים, פערשטעלט די נאָז אויך, מיט די אויגען, מיט די האָר, מיט׳ן גאַנצען צלם־אלקים, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַזוי ביינאַכט קריכט אַ איד מיט אַ סך פּעקלעך אין וואַגאָן אַריין, זוכט נעבאַך אַיין אָרט אויף צו זעצען זיך, דערזעהט ער, עס ליגט אַ פאַרשוין מיט אַ נומער „בעסעראַבעץ״ איבערגעדעקט — געוויס אַ פּריץ, און געוויס אַ רשע אַיין אַנטיסעמיט, און אפשר טאַקי קרושעוואַן אַליין — שפּרינגט ער אודאי נעבאַך אָפּ, דער איד מיט די פּעקלעך, שפּייט־אויס דריי מאָל, און ער, מאַקס, בלייבט אַליין, איינער אַליין, ווי אַ גראַף, איבער דער גאַנצער באַנק. חאַ־חאַ־חאַ, כלע־בען, אַ טהייער מיטעל, נאָך בעסער ווי אַ מענש זאָל פּלוצים אין וואַגאָן בעקומען די חאָלערע!...

דער דאָזיגער פּלאַן געפעלט אונזער מאַקסען אַזוי שטאַרק, אַז ליגענדיג אונטער׳ן „בעסעראַבעץ״, צעלאַכט ער זיך אַזש, און אַ מענש, דאַרפט איהר וויסען, אַז ער האָט איבערגעביסען, פער־טרונקען מיט אַ גלעזעל ביער, פעררויכערט אַ ציגאַר און ליגט אַקעגען נאַכט אין וואַגאָן איינער אַליין אויף אַ גאַנצער באַנק, אויסגעצויגען ווי אַ גראַף, איז איהם גוט צו לאַכען...

שאַט, לאָז זיין שטיל. אונזער העלד מאַקס בערליאַנט, דער קאַמיוואָיאַזשער, וואָס פאָהרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון

מאַסקווע קיין לאָדז, ליגט איינער אַליין אויף אַ באַנק, צוגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", און כאַפּט אַ דרימעל. לאָמיר איהם ניט שטעהרען.

ג.

מאַקס בערליאַנט איז טאַקי אַ איד אַ חכם, נאָר היינטיגס מאָל האָט ער דוקא נישט געטראָפען. ס'איז טאַקי אַריינגעקומען אין וואַגאָן אַ פּאַרשוין, אַ גראָבער, אַ געזונדער, אַ פּאַרסאַפּעטער, מיט עטליכע טשעמאָדאַנעס, איז טאַקי צוגעגאַנגען צו מאַקסען, טאַקי בעטראַכט איהם, ווי ער ליגט דאָס איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", נאָר ער האָט ניט אויסגעשפּיגען דריי מאָל און איז ניט אָפּגעשפּרונגען. ער איז נאָר געשטאַנען און האָט בעטראַכט דעם דאָזיגען נפש, דעם אַנטיסעמיט מיט דער סעמיטישער נאָז, (בשעת שלאָפען האָט זיך דאָס בלאַט אַ ביסעל אַראָפּגע־גליטשט, און די חרפּה, די נאָז הייסט עס, האָט זיך אַנטפּלעקט און אַרויסבעוויזען ביי אונזער העלד מיט איהר גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ).

געשטאַנען עטליכע מינוט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און אַוועקגעלעגט די טשעמאָדאַנעס אויף דער צווייטער באַנק, וואָס אַקעגען מאַקסען, האָט זיך אונזער נייער פּאַרשוין אַרויסגע־כאַפּט אויף אַ פּאָר מינוט אויפ'ן וואָקזאַל, אַריינגעקומען צוריק אויך מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", אויפגעבונדען אַ טשעמאָדאַן, אַרויסבעקומען פון דאָרטען אַ קישעלע מיט אַ קאָלדרע, מיט אַ פּאָר שטעקשיך, מיט אַ פלעשעל אָדעקאָלאָן, זיך געמאַכט גאַנץ היימיש, אויסגעצויגען זיך איבער דער באַנק און איבערגעדעקט זיך מיט'ן „בעסאַראַבעץ", פּונקט אַזוי ווי אונזער מאַקס בערליאַנט, געלעגען און געראַכערט, געקוקט אויף מאַקסען און געשמייכעלט, צוגעמאַכט פריהער איין אויג, נאָכדעם דאָס אַנדערע, אָנגעהויבען פּאַוואָלינקע דרימלען.

מיר לאָזען שלאָפען אונזערע ביידע „בעסאַראַבצעס”, אַ באַנק קעגען אַ באַנק; מיר ווילען בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט דעם צווייטען פּאַרשוין, ו ו ע ר ער איז און ו ו אַ ס ער איז.

ער איז אַ גענעראַל... ניט קיין גענעראַל פון דער מלחמה און ניט קיין גענעראַל־גובערנאַטאָר, נאָר אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, איין אַגענט, הייסט דאָס, פון אַ געזעלשאַפט. הייסען הייסט ער נ י ע מ ט ש י ק, דער נאָמען זיינער איז חיים, נאָר שרייבען שרייבט ער זיך אַלבערט, און רופען רופט מען איהם פּעטי.

אין פלוג, קומט דאָך אויס אפילו אַ ביסעל ווילדליך: מילא, אַז פון חיים וואַכסט־אויס איין אַלבערט — פערשטעהט זיך נאָך; וואָרום למאי ווי אַזוי ווערד ביי אונז פון וועלוועל „וולאַדימיר”, פון ישראל „איסידאָר” און פון אברהם „אַוואַקום”? נאָר ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען פון חיים „פּעטי”? מוז מען זיך, אַלזאָ, אַריינלאָזען אַ ביסעל אין חקירה, זיך פערטיעפען אין חכמת הלשון און געהן מיט'ן שכל־הישר: ראשית חכמה, וואַרפען מיר אַרויס די חית פונ'ם „חיים”. נאַכדעם בעטען מיר מחילה די צוויי „יוד'ען” מיט דער „מם” — בלייבט שוין נאָר איבער די „אלף” אליין. שטעלען מיר צו צו דער „אלף” נישט מעהר ווי אַ „למד” מיט אַ „בית” מיט איין „עין” מיט אַ „ריש” מיט אַ „טית” — מאַכט דאָס ניט אַלבערט? נו, און פון אַלבערט ווערד שוין במילא אַלבערטי, בערטי, בעטי, פּעטי. Sic transit gloria mundi — אָט אַזוי, הייסט דאָס, ווערד פון אַ קאַטשקע איין אינדיק.

בקיצור, אונזער פּאַרשוין הייסט פּ ע ט י נ י ע מ ט ש י ק און איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר און פאָהרט־אויס די וועלט, ווי מאַקס בערליאַנט; נאָר ער איז בטבע שוין גאָר איין אַנדער מין נפש: אַ לעבעדיגער, אַ פרייליכער, אַ בערעדעווּדיגער. און חאָטש ער הייסט פּעטי און איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, פון דעסטוועגען איז ער אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, און האָט ליעב אַ אידען, ליעב צו דערצעהלען מעשיות און אַנעקדאָטען פון אידען.

פעטי ניעמטשיק מיט זיינע אנעקדאָטען האָט א שם אויף דער וועלט. איין שטיקעל חסרון, וואָס וואו ערגיץ איין אנעקדאָט, האָט זיך עס, זאָגט ער, געטראָפּען מיט איהם אליין טאַקי, און בשעת מעשה שוועהרט ער אייך אָפּ מיט כל השבועות שבעולם, און אלע מאָל טרעפט זיך מיט איהם דער אנעקדאָט אין איין אנדער אָרט; ער פערגעסט פון איין מאָל צום אנדערען. די משמעות, אז פעטי ניעמטשיק, דער גענעראַל־אינספּעקטאָר, איז א ביסעל געחאַפּט אויף דער עברי, דאָס הייסט, ער איז א שטיקעל בעל־מגזם, אָדער, ווי מע רופט דאָס אין אונזערע קאַנטען, ער איז, מחילה, א ליגנער. האָט קיין פּאַראיבעל נישט, וואָס מיר דריקען זיך אויס אזוי גראָב; עס וואָלט, אייגענטליך, געווען געגנוג, מיר זאָלען זאָגען אויף איהם, אז ער איז איין אגענט, און וואָס איין אגענט איז — ווייסט איהר דאָך אליין...

אריינגעקומען אין וואַגאָן און דערזעהען אונזער מאַקס בערליאַנט ליגען אויסגעצויגען אויף דער באַנק, איבערגעדעקט מיט א נומער „בעסאַראַבעץ", און דערקענט נאָך דער נאָז, אז דער פּאַרשוין איז קיין שום מחותן גיט מיט קרושעוואַנען און מיט זיין שענעם „בעסאַראַבעץ", איז די ערשטע מחשבה זיינע געווען:

— איין אנעקדאָט!... א נייער אנעקדאָט!... ער וועט שוין האָבען, מיט גאָט'ס הילף, וואָס צו דערצעהלען און דערצעהלען!

און פעטי ניעמטשיק האָט זיך אראָפּגעחאַפּט אויפ'ן וואָקזאַל, האָט זיך בעוואָהרענט אויך מיט א נומער „בעסאַראַבעץ" און האָט זיך אוועקגעלעגט אקעגען מאַקסען — זעהען וואָס וועט דאָ זיין? — און איז אויך אנשלאָפען געוואָרען...

אצינד לאָזען מיר איבער דעם „בעסאַראַבעץ" נומער צוויי, דאָס הייסט, דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פעטי ניעמטשיק, און קעהרען זיך אום צוריק צום „בעסאַראַבעץ" נומער איינס, דאָס הייסט, צום קאָמיוואָיאַזשער מאַקס בערליאַנט.

ד.

מאַקס בערליאַנט האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט... אַפּנים, עס האָבען אין איהם גערעדט די מאכלים, וואָס ער האָט געחאַפּט אויפ׳ן וואָקזאַל, מחמת עס האָבען זיך איהם געפּלאָנטעט משונה־מאָדנע ווילדע חלומות. למשל, עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז ניט מאַקס בערליאַנט — אַז ער איז גאָר קרושעוואַן, דער רעדאַקטאָר פונ׳ם „בעסאַראַבעץ״, און אַז ער פאָהרט ניט אין וואַגאָן, נאָר רייטענדיג אויף אַ דבר־אחר, און אַ ראַק, אַ רויטער ראַק, אַ געקאָכטער, ווינקט צו איהם מיט די הערנער, און עס הערט זיך פון ערגיץ אַ געוויין: „קי־שי־נעוו!״... און ווי עפּיס אַ ווינטעל בלאָזט איהם אין די אויהערען, און ער הערט אַ שעלעשטשען פון בלעטער אָדער פון ווייבערשע קליידלעך, און ער וויל עפענען איין אויג און קאָן ניט, און ער טאַפּט זיך ביי דער נאָז — נישטאָ קיין נאָז, קיין סימן פון קיין נאָז; אויפ׳ן אָרט פון דער נאָז טאַפּט ער אָן אַ „בעסאַראַבעץ״, און ער ווייסט ניט וואו ער איז. ער וויל זיך ריהרען און קאָן נישט. ער פיהלט, אַז דאָס איז אַ חלום, נאָר ער קאָן נישט גובר זיין דעם שלאָף, ער קאָן נישט געוועלטיגען אויף זיך, ער קאָן נישט! ער ליגט און ליידט נעבאַך גרויסע יסורים, ער איז ווי אין דער הינתער־פלעט. ער פיהלט, אַז עס געהען איהם אויס די כחות. נעמט ער זיך אָן מיט׳ן לעצטען ביסעל קראַפט און לאָזט־אַרויס אַ שטילען קרעכץ, וואָס נאָר ער אַליין קאָן איהם האָרכען, און עפענט־אויף אַ שטיקעל אויג, קוים־קוים וואָס ער זעהט, און ער דערזעהט אַ שטראַהל פון אַ ליכט און אַ געשטאַלט פון אַ מענשען, וואָס ליגט אויסגעצויגען אַקעגען איהם, אויך איינער אַליין, ווי ער, אויף אַ גאַנצער באַנק, און אויך איבערגעדעקט, ווי ער, מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ״, — און אונזער מאַקס ווערד נבהל ונשתומם: עס מאַהלט זיך איהם אויס, אַז דאָס זעהט ער טאַקי זיך אַליין אויסגעצויגען אויף יענער באַנק, און

ער קאָן בשום אופן נישט פערשטעהן דעם שכל, ווי קומט ער, מאַקס, אהין, אויף יענער באַנק? און ווי אַזוי זעהט דאָס אַ מענש זיך אַליין אָהן אַ שפּיעגעל?... ער פיהלט, אַז איינציג־ווייז שטעלען זיך איהם די האָר קאַפּויר...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז הויבט־אָן אונזער מאַקס קומען צו די געדאַנקען און פערשטעהן, אַז יענער, וואָס ליגט דאָרט אויף יענער באַנק, איז ניט ער, מאַקס, נאָר איין אַנדערער. איז איהם אָבער קשה: פון וואַנען האָט זיך גענומען אהער דער דאָזיגער פּאַרשוין, און גראָד אַקעגען איהם, און גראָד מיט אַ „בעסאַראַ־בעץ"?

אונזער מאַקס האָט קיין צייט ניט וואַרטען ביז טאָג, און עס ווילט זיך איהם טרעפען דאָס רעטעניש וואָס גיכער, און טאַקי שוין, און טאַקי באַלד; און ער טהוט זיך אַ ריהר און הויבט־אָן צו שעלעשטשען מיט'ן בלאַט, און ער דערהערט, אַז יענער פּאַר־שוין, וואָס אויף יענער באַנק, טהוט זיך אויך אַ ריהר און שעלעש־טשעט אויך מיט'ן בלאַט. בלייבט ער שטיל און קוקט זיך איין נאָך שטאַרקער, און דערזעהט, ווי יענער פּאַרשוין, וואָס אויף יענער באַנק, קוקט אויף איהם מיט אַ האַלבען שמייכעל. און אונזערע ביידע „בעסאַראַבצעס" ליגען איינס אַקעגען דאָס אַנ־דערע, און קוקען איינס אויפ'ם אַנדערע, און מע שווייגט. ביידע אַנטיסעמיטען חלש'ען, געהען־אויס וויסען, ווער מע איז; נאָר מע האַלט זיך איין מיט אַלע כחות און מע שווייגט. פאַלט פּעטי אויף אַ שכל און הויבט־אָן אויסצופייפען שטילערהייד אַ בע־קאַנטען אידישען מאָטיוו פון אַ בעקאַנט אידיש ליעדעל:

„אויפ'ן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערעל"...

און מאַקס האַלט איהם אונטער אויך שטיל און אויך מיט אַ ~~פייפען~~:

„און אין שטוב איז הייס"...

זעצען זיך אוועק פּאוואָלינקע אונזערעביידע אַנטיסעמיטען, וואַרפען־אַראָפּ פון זיך די „בעסאַראַבצעס" און לאָזען־אויס ביידע דעם בעקאַנטען אידישען מאָטיוו פון'ם בעקאַנטען אידישען ליע־דעל, שוין נישט מיט קיין ~~[illegible]~~, נאָר מיט ווערטער ממש:

„און דער רבי לעהרענט
מיט די קינדערלעך
דעם אלף־בית!"...

אָפּגעשלאָגענע הושענות

געשריבען אין יאָהר 1905

אָפּגעשלאָגענע הושענות

א.

איסר דער שמש.

I

דערמאָן איך מיך אָן איסר דעם שמש, שטעלט זיך מיר פאָר אין דער פאַנטאַזיע אַ מין אַלכסנדר מוקדון, אַ נאַפּאָלעאָן באָנאָפּאַרט, וכדומה אַזעלכע בילדער, גבורים פון דער היסטאָריע...

אַ קליינינקייט איסר? אַ מענש, וואָס פיהרט די גאַנצע שוהל מיט אַלע בעלי־בתים ביי דער נאָז. אַ מענש, וואָס האַלט דאָס גאַנצע שטעדטעל ביי זיך אין בוזעם. אַ מענש, וואָס דיענט ביי אַלעמען און געוועלטיגט אויף אַלעמען. אַ מענש, וואָס איז יעדען אונטערוואָרפען און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. אַ מענש, וואָס האָט אַ בייזען קוק, מורא'דיגע ברעמען, אַ מעשענע באָרד, אַ געזונדען קולאַק מיט אַ לאַנגען שטעקען. אַ ווערטעלע אויסצורעדען איסר!

ווער האָט געמאַכט איסר'ען פאַר אַ איסר? פרעגט מיך עפּיס גרינגערס. פאַרהאַן טיפען, וואָס מע קאָן זיי אָנרופען: „פערגליוועדטע", „שטעהענדיגע", דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס ריהרען זיך ניט פונ'ם אָרט: אַט אַזוי ווי איהר האָט זיי געזעהן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי זענען זיי געבליבען ווי אויף אייביג.

עס ווייזט זיך אייך אויס, אז זיי זענען תמיד אזוי געווען און וועלען אייביג אזוי בלייבען. קינדווייז פלעג איך מיך ניט קאָנען אָפּרייסען פון דעם איסר'ען; מיך האָט אינטערעסירט איין זאַך: ווי אזוי איז געווען איסר, בשעת ער איז נאָך ניט געווען קיין איסר? דאָס הייסט, בשעת ער האָט נאָך נישט געהאַט אָט די מורא'דיגע ברעמען, אָט די גרויסע האָרבאַטע נאָז, וואָס איז שטענדיג אָנגעשטאָפּט מיט טאַבעקע, אָט די מעשענע באָרד, וואָס הויבען הויבט זי זיך אָן, דאַכט זיך, אזוי געדיכט און גראָב, און לאָזען לאָזט זי זיך אוים דוקא דין, מיט עטליכע שיטערע לאַנגע בייזע האָר? ווי אזוי האָט ער אויסגעזעהן, למשל, בשעת ער איז געווען א יונגעל, געגאַנגען באָרוויס, געלערענט אין חדר און געהאַפּט פעטש פונ'ם רבי'ן? און וואָס איז געווען איסר, בשעת די מאַמע זיינע האָט איהם געטראָגען אויף די הענד, איהם געגעבען זויגען, איהם אויסגעווישט דאָס נעזעל: „איסר'על, זיסער קדיש מיינער, ליכטיגער פּנים געטרייער, מיר זאָל זיין פּאַר דיינע ביינדעלעך!” ? —

אָט אזוי פלעג איך זיך קינדווייז אמאָל פערטראַכטען, זיך ניט קאָנען אָפּרייסען פון איסר'ען.

— אהיים, ממזרים, א רוח אין אייער פאָטער און מוטער אריין! — פלעגט איסר אפילו קלערען וועגען איהם נישט לאָזען.

דאַכט זיך, אז איך בין איינער, פון דעסטוועגען היים איך ביי איהם מיט א לשון רבים: ממזרים! פאַר וואָס קומט מיר „ממזרים”? איסר האָט פיינט, פערשטעהט איהר מיך, אז מע שטעהט און מע קוקט איהם אין די אויגען אריין. איסר האָט פיינט קליינוואַרג, קאָן נישט אָנקוקען קיין קינדער! „קינדער, זאָגט ער, — דאָס זענען כל מום רע; קינדער זענען פּאַקאָסטניקעס, צו־להכעיס'ניקעס; קינדער זענען ציעגען, וואָס שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער; קינדער זענען הינט, וואָס סיפּען ביי די פּאָלעס; קינדער זענען חזירים, וואָס קריכען אויפ'ן טיש; קינדער דאַרפען וויסען דרך־ארץ, קינדער דאַרפען ציטערען, קינדער

דארפען האבען דאס נייעניעהריגע קדחת!..." און מיר האבען טאקי געציטערט, טאקי געהאט דאס נייעניעהריגע קדחת.

וואס האבען מיר מורא געהאט, פרעגט איהר? אנו, פרובט, אדרבה, האט ניט מורא, אז מע טהוט אייך א נעם פאר'ן אויהער און מע פיהרט אייך צו צו דער טהיר און מע גיט אייך האלז־און־נאקען און מע זאגט אייך:

— אהיים, ממזרים, א רוח אין אייער פאטער און מוטער אריין!

איהר וועט זיך אפשר קלאגען אויף איהם פאר דער מאמען? נו, אדרבה, פרובט! וואס וועט זיין, ווילט איהר וויסען? את וועל איך אייך זאגען וואס ס'וועט זיין: איהר וועט קומען אהיים און בעוויזען דער מאמען איין אנגעריסענעם אויהער; וועט די מאמע אנפאלען אויפ'ן טאטען מיט א גוואלד: „זעה־נאר, זעה דעם בן־יחיד דיינעם, ווי דער רוצח דער גזלן האט איהם אנגע־ריסען איין אויהער!" וועט אייך דער טאטע נעמען פאר א הענ־טעל און וועט אייך ברענגען אין שוהל אריין און צופיהרען גלייך צו איסר דעם שמש, ווי איינער רעדט: „נאט, זעהט וואס איהר האט געטהאן מיט מיין בן־יחיד, איהר האט דאך איהם שיער־שיער ניט אפגעריסען איין אויהער". וועט איסר געבען א הוס אויפן טאטען: „געהט אייך געזונטערהייט מיט אייערע ממזרים!" (איהר הערט? א בן־יחיד איז ביי איהם אויך „ממזרים"!). און דער טאטע וואס וועט טהון? דער טאטע וועט אנרוקען דאס היטעל און וועט געהן אהיים. וועט איהם די מאמע פרעגען: „נו?" וועט איהר דער טאטע זאגען: „איך האב דאס איהם מכבד געווען, את דעם המן הרשע! וואס נאך האב איך איהם געקאנט טהון?"...

זעהר ניט שען אפילו, אז א טאטע זאל זאגען אזא גראבען לינען! נאר וואס זאל מען טהון, אז מען איז ביי א שמש אין גלות?

II

מע קאָן זאָגען, אַז די גאַנצע שטאָדט איז ביי איסר'ען אין גלות. וואָס ער וויל, דאָס טהוט ער. וויל איסר ניט הייצען די שוהל ווינטער אינ'ם פראָסט, מעגט איהר צעזעצט ווערען רעדענ־דיג, וועט ער אייך הערען, ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי. וויל איסר, מע זאָל זיך שטעלען דאַווענען פריה, וועט איהר שוין פער־שפעטיגען ווען איהר זאָלט ניט קומען. וויל איסר אייך נישט געבען קיין עליה אַבצעהן וואָכען דורכאיינאַנד, מעגט איהר קוקען צו איהם אויף דער בימה פון היינט ביז מאָרגען, הוסטען צעזעצ־טערהייד — ער וועט אייך ניט זעהן, ניט הערען! דאָס אייגענע איז מיט'ן טלית, און מיט'ן חומש, און מיט'ן מחזור, און מיט'ן אתרוג, און מיט דער הושענא. איסר וועט אייך ברענגען דע־מאָלט, ווען ער וועט וועלען, ניט ווען איהר ווילט! וואָס זענט איהר עפּיס פאַר אַ „איהר"? „בעלי־בתים — זאָגט ער — זענען ווי די הינט, און ער איז איינער, איין שמש, קיין עין־הרע, אויף אַזוי פיעל עולם — משוגע צו ווערען!"

און איסר שמיצט זיך, וואַרפט זיך, מאַכט איטליכען מיט דער בלאָטע. דער גרעסטער בעל־הבית קאָן ביי איהם חאַפּען אַ פּסק, ער זאָל ניט טרעפען די טהיר. „מיך — זאָגט ער — זאָלט איהר בעסער ניט זאַטשעפּען, וואָרום איך האָב קיין צייט ניט מיט אייך צו רעדען! איהר זענט אַ סך, און איך בין, קיין עין־הרע, איינער!" און קיינער זאַטשעפּעט איהם ניט; איהר זענט געהרען, אַז ער טשעפּעט אייך ניט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז קיינער וועט זיך ניט איינשטעלען פרעגען ביי איסר'ען, וואו קומט אַהין דאָס געלד, וואָס פאַלט־אריין פון די „בעבור־שנדרים", פון די יאָהר־צייט־ליכט, פון דער פּושקע, וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו בעל־הבתיש־קייט. וואָרום בעל־הבית אין שוהל איז דאָך ער — היינט וועמען דאַרף ער דאָס אָפּגעבען דין־וחשבון? דער עולם איז געהרען,

אז ער לאָזט זיי צו־רוה און וואַרפט זיי ניט די שליסלען פון בית־המדרש אין פּנים אַריין: „געהט האַלט־אויס אַליין אַזא שוהל מיט הּאָלץ און מיט וואַסער, מיט ליכט און מיט שוועבעלעך, און אַ האַנטוך אויסוואַשען דאַרף מען אויך, און אַ טאַפּלי אַריינשטעלען דאַרף מען אויך, און אויסשמירען די ווענט מיט דער סטעלי דאַרף מען אויך, און אַ סטענדער פּאַרריכטען דאַרף מען אויך, און אַ סדור צו־קויפען דאַרף מען אויך, און אַ סליחה איינבינדען דאַרף מען אויך; און וואו איז אַ גרייגער, וואו איז אַ דריידעל, וואו איז אַ חנוכה־ליכטעל, וואו איז אַ לולב, וואו איז איין אתרוג, וואו איז אַ הושענא, און וואו איז אַ דאָס, און וואו איז אַ יענץ?"... און חאָטש אַלע ווייסען גאַנץ גוט, אַז אַ גרייגער און אַ דריידעל און אַ חנוכה־ליכטעל און אַ לולב און איין אתרוג און אַ הושענא און אַ דאָס און אַ יענץ — זענען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס נישט נאָר מע דאַרף אויף זיי אויסגעבען געלד, אדרבה, זיי ברענגען נאָך אַריין געלד, — פון דעסטוועגען וועט זיך קיינער נישט דער־וועגען אַריינשטעקען די נאָז. דאָס געהער צום שמש; דאָס איז זיין הכנסה. „די שענע שכירות, וואָס מע נעמט זיך אָן ביי אייך?... „דער קאָפּ קאָן הארט ווערען!... וואַסער אויף קאַשע!"... אַזוי זאָגט איסר, און דער עולם שווייגט.

דער עולם שווייגט; חאָטש דער עולם ווייסט גאַנץ גוט, אַז איסר לעגט־אָפּ אַ קערבעל; דער עולם ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער שמש איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד. ס'איז גאָר אַ סברא, אַז שטי־לערהייד פּערלייהט ער אַמאָל עטליכע גראָשענס, מאַכט אַ הלוואה'־לע, געוועהנליך, אויף אַ בעוואָהרעניש, אויף אַ משכון. און אַ שטיבעל האָט איסר איין אייגענס, און אַ בהמה איין אייגענע, און טרינקען טרינקט ער אויס אַלע טאָג, און דוקא פון אַ גרויס גלאָז, און אַ פּעלץ טראָגט ער ווינטער, ברוך השם, ווי דער שענ־סטער בעל־הבית, און שיך טראָגט די שמש'טע גאַנצע, און אַ יופּע האָט זי זיך געמאַכט ניט לאַנג אַ נייע — פאַר קהל'ס געלד: „פאַר אונזער בלוט, אויסקרענקען זאָל זי דאָס, רבונו של עולם!"...

אזוי מומלען די בעלי־בתים צווישען זיך שטילערהייד, אז דער שמש זאָל ניט הערען. און אז דער שמש געהט־צו, האַקט מען איבער דעם שמועס און מע הויבט אָן רעדען פון עפּיס אַנ־דערש, בליצלען מיט די אויגלעך, סמאַרקען בשעת מעשה מיט די נעז און נעמען ביי איהם אַ שמעק טאַבעקע מיט צוויי פינגער פון זיין הילצערן פּושקעלע: „זייט זשע מוחל!"...

אָט דער „זייט־זשע־מוחל" איז אַ פּאַסקודנער זייט־זשע־מוחל. אין איהם ליגט אַ חניפה'לע: „זייט זשע מוחל, ביי אייך דאַרף זיין אַ רעכטער שמעק טאַבעקע"... אין איהם ליגט אויך איין אַנצוהערעניש אויף אַוועקצוגעהן: „זייט זשע מוחל, גיט אַ שמעק טאַבעקע און געהט אייך געזונטערהייד"...

איסר איז אַ מבין סאַי אויף דער חניפה'לע, סאַי אויף דעם אַנצוהערעניש. איסר ווייסט, אז דער עולם וואָלט וועלען איהם מאַכען אוים שמש, אזוי ווי מע וויל לעבען. נאָר ער הערט זיי אַלעמען, ווי המן דעם גריינגער. איסר האַלט זיי רעכט אין די לאַפּקעס. איסר ווייסט וואָס ער האָט צו טהון.

III

ווער עס וויל יוצא זיין פאַר אַלעמען, דער איז נישט יוצא פאַר קיינעם; און אז ס'איז בעשערט זיך בוקען, זאָל מען זיך בוקען צום קאָפּ, ניט צו די פיס.

דאָס האָט פערשטאַנען איסר, און האָט געשלאָגען בלאָט מיט די גבאים, מיט די עטליכע געצעהלטע רעדעלפיהרער פון שטאָדט. זיי האָט ער דוקא געפאָלגט, געקראָכען אונטער די נעגעל, נישט געפוילט זיך פון זייערטוועגען געהן איין איבעריגען גאַנג, און גע'חנפה'ט האָט ער זיי, אז ס'האָט געשלאָגען צו דער גאַל! און ווער שמועסט, אז ס'איז געקומען די צייט פון דער קלפּי, פון קלויבען גבאים, — דעמאָלט האָט איסר נישט גערוהט. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט דעמאָלט איסר'ען, דער האָט קיין

שענס ניט געזעהען. א פערשוויצטער, פעררוקט דאָס היטעל ארויף, מיט'ן גרויסען שטעקען און מיט די לאנגע שטיוועל, האָט איסר געקנאָטען די בלאָטע, געשפרייזט פון איין גבאי צום אַנ־דערען, געארבייט, געפלאָכטען, געפיהרט רכילות מיט אינטריגעס, אינטריגעס, אינטריגעס אָהן א שיעור!

אויף אינטריגעס פיהרען איז איסר פון תמיד אָן געווען איין בריה אין דער וועלט. א וואנד מיט א וואנד האָט ער גע־קאָנט צונויפפיהרען, פערקאָכען א קאשע אזוי קונציג, אז דער גאַנ־צער עולם זאָל זיך בלאָזען אייגער אויפ'ן אנדערען, זיך קריעגען און זידלען, און עס זאָל דערגעהן אַזש צו פעטש — און ער, איסר, גאָרנישט, גאָט די נשמה! איסר, פערשטעהט איהר מיך, האָט געפיהרט דאָס רעדעל דוקא ניט שלעכט. ער האָט זיך געטראַכט: „רייסט זיך, רייסט זיך, בעלי־בתים, ביי די נעז, וועט איהר פער־געסען אינ'ם שמש"...

פערגעסען אינ'ם שמש — דאָס איז געווען פאר אונזער איסר'ען זעהר א נויטיגע זאך, מחמת פון א צייט אַז מע האָט זיך אָנגעהויבען צו איהם נעמען, דולען א ספאָדיק, ער זאָל אָפּגעבען דין־וחשבון, וואו קומט אהין דאָס גאַנצע געלד פון שוהל? און ווער? דוקא די יונגע־לייט, דוקא יונגווארג, דוקא אָט די „ממזרים", וואָס ער האָט זיי אזוי פיינט געהאט פון תמיד, וואָס ער פלעגט זיי אַמאָל דערגעהן די יאָהר!

פון קינדער, זאָגט מען, ווערען לייט, און פון לייט ווערען קינדער. היבשע עטליכע דורות זענען געוואכסען, אויסגעוואכסען און אוועקגעגאנגען. פון די קליינע ציעגלעך זענען געוואָרען גרוי־סע צאפּעס, פון די קליינע ממזרים זענען געוואָרען בעלי־בית'לעך; די בעלי־בית'לעך האָבען חתונה געהאט, געוואָרען בעלי־בתים; די בעלי־בתים זענען געוואָרען אַלטע אידען, און איסר איז אַלץ געווען איסר. נאָר מיט א מאָל איז עפּיס אויסגעוואכסען א דור, א נייער, א יונגער, א משונה־מאָדנער דור, א דור פון סאמע

שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנים׳ער, מזיקים, חולטייעם — מע זאָל בעהיט און בעוואָהרענט ווערען!

— וואָס איז איסר פאַר איין אויבערהאר? איסר איז נישט מעהר ווי א שמש, וואָס דיענט ביי אונז, ניט מיר ביי איהם! ביז וואַנען וועט געוועלטיגען אויף אונז אָט דער אַלטער איסר מיט די לאַנגע פּיס און מיט׳ן גרויסען שטעקען? חשבון! וואו איז חשבון? דין־וחשבון!!...

אזוי האָט גע׳טענה׳ט אָט דער נייער דור פון סאַמע שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנים׳ער, מזיקים, חולטייעס, און דוקא אין מיטען שוהלהויף, און דוקא הויך אויף א קול... תחילת האָט איסר געמאַכט זיך כּלא ידע, אביסעל טויבליך שוין; נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען זיי טרייבען פון שוהל, פערלעשען די ליכט, פערשליסען די טהיר; נאָכדעם האָט ער אָנגערייצט אויף זיי די בעלי־בתים פון שטאָדט, דערצעהלט אויף זיי המנ׳ס מסירות, אז די חולטייעס מאַכען חוזק פון עלטערע מענשען, אז זיי לאַכען אָפּ פון די גבאים, — א סימן: אָט האָט ער ניט לאַנג געפונען א פּאַפּיערעל, עפּיס א ליעדעל, וואָס איינער פון די חולטייעס האָט פערלאָרען.

דאַכט זיך, וואָס? א נאַריש ליעדעל? וואָס פאַר א חתונה האָט אָבער דאָס דאָזיגע נאַרישע ליעדעל אָנגעמאַכט אין שטאָדט! וואָס פאַר איין איבערקעהרעניש — אי־אי־אי! הלואי וואָלט דאָס איסר בעסער נישט געפונען און נישט בעוויזען דאָס די גבאים, וואָלט געווען פאַר איהם א סך געזינדער! דאָס דאָזיגע ליעדעל, קאָן מען זאָגען, איז געווען דער אָנהויב פון זיין מפּלה. די נאַרישע גבאים, אָנשטאָט דעם, מע זאָל דאָס ליעדעל אראָפּשלינגען און מאַכען א שווייג, האָבען זיי דאָס אליין צעשמירט. זיי האָבען זיך אזוי לאַנג ארומגעטראָגען מיט דעם פון איינעם צום אַנדערען, ביז דער עולם האָט דאָס אויסגעלערענט אויף אויס־וועניג, לצים האָבען צוגעזעצט צו דעם א ניגון פון איין אלט בעקאַנט ליעדעל, און מע האָט דאָס ליעדעל געזונגען אויף אַלע

שטרעקען: בעלי־מלאכות האָבען עס געזונגען ביי׳ם ווארשטאט, קעכינס — ביי׳ם אויווען, מיידלעך — אויף די פריזבעס, מוטערס האָבען מיט דעם פערוויעגט קינדער... א נאריש ליעדעל האָט אין זיך א כח: בשעת דער האלז זינגט, טראכט דער קאָפּ; קלערט, קלערט אזוי לאנג, ביז עס דערקלערט זיך עפּים; מחשבות דרעהען זיך, ־דרעהען זיך, פּיקען אין מוח אזוי לאנג, ביז עס פּיקט זיך עפּים אוים, און פון א מחשבה ווערד א מעשה.

די מעשה, וואָס איז ארוים פון דעם ליעדעל, איז געווען א שענע מעשה, נאָר א קורצע. איהר מעגט דאָס האָרכען. עס קאָן אייך צו־נוץ קומען.

IV

שקצים, עכברושים, עזות־מחוצף־פּנימ׳ער, לצים, ווייסע־חברה׳ניקעס, הולטייעס האָבען אזוי לאנג געגראָבען אויף איסר׳ען, געזוכט און גענישטערט, ביז מע האָט זיך ארויפגעשלאָגען אויף א שטיקעל דרך. איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען איז מען ארויף אויפ׳ן בוידעם פונ׳ם אלטען בית־המדרש און מע האָט אנטדעקט דאָרטען א גאנצען אוצר: סטעריגאָווע ליכט א גוזמא, עטליכע פּוד וואכס, א פּאָר צעהנדליג טליתים נאָך גאָר נייע, א גאנצען סקלאד פון מחזורים נאָך נישט קיין געניצטע, סדורים מיט סליחות מיט קינות מיט נאָך גוטע זאכען, וואָס ביי אייך, קאָן זיין, האָט דאָס נישט אזא ווערטה, ווי ביי א שמש פון א שוהל. מיט גרוים פּאראד האָט מען דעם דאָזיגען אוצר אראָפּגעטראָגען פונ׳ם בוידעם — און לאָז אייך שוין אייער פאנטאזיע אליין פּאָרשטעלען אָט דאָס בילד: פון איין זייט איסר מיט דער האָר־באטער נאָז, מיט די מורא׳דיגע ברעמען, מיט דער מעשענער באָרד, וואָס הויבען הויבט זי זיך אָן, דאכט זיך, אזוי געדיכט און גראָב, און לאָזען לאָזט זי זיך אוים דוקא מיט עטליכע שיטערע לאנגע בייזע האָר... און פון דער אנדערער זייט די שקצים,

עכברושים, עזות־מחוצף־פנים׳ער, לצים, ווייסע־חברה׳ניקעס, הול־טייעס, מיט׳ן אוצר פון סטערינגאַווע ליכט, וואַכס, טליתים, סדורים, מחזורים, סליחות און קינות אַ גאַנצער סקלאַד! מיינט נישט פון דעסטוועגן, אַז איסר האָט זיך חלילה פערלאָרען. איסר איז נישט פון די מענשלעך, וואָס באַלד עפּיס פערלירען זיי זיך. ער איז נאָר געשטאַנען, געקוקט און גע׳חידוש׳ט זיך, ווי קומט דאָס גאָר אַהער, אין שוהל אויפ׳ן בוידעם?!...

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן פּאַרקאַן פון דער שוהל אַזאַ מין אַנאָנס, מיט קרייד אויפגעשריבען:

„בכאן פערקויפט מען יאָהרצייט־ליכט במקח השוה״.

אויפ׳ן אַנדערען טאָג איז שוין געווען איין אַנדער אויפ־שריפט. אויפ׳ן דריטען טאָג — ווידער איין אַנדער אויפשריפט. און איסר האָט געהאַט אַ גוט שטיקעל אַרבייט: אַלע פריהמאָרגען פלעגט ער שטעהן מיט אַ נאַסער שמאַטע אָפּרייבען די דאָזיגע שענע אַנאָנסען, וואָס זענען געוואַכסען אין דער לענג און אין דער ברייט אויפ׳ן פּאַרקאַן פונ׳ם אַלטען בית־המדרש. אויך אין די סטענדערס האָבען בעלי־בתים געפונען אַלע שבת גאַנצע פּעק מיט בריוועלעך, וואָס לצים האָבען אונטערגעוואָרפען אויף איסר דעם שמש און אויף דעם בינטעל גבאים, וואָס איסר האָט געשלאָ־גען מיט זיי בלאַט.

אַ שווער שטיקעל צייט האָט דעמאָלט איבערגעלעבט איסר. ער האָט אַרויפגעפיהרט די גבאים, מע זאָל אויסהענגען אין בית־המדרש אַ מודעה, אויף פּאַרמעט געשריבען, מיט גרויסע אותיות, בזה הלשון:

„היות ווי עס האָבען זיך בעוויזען ביי אונז, בעונותינו הרבים, יונגע לייט, ריקים ופוחזים, פערדאָרבענע מענשלעך, וואָס טרע־

טען־ארוים מיט פאלשע מסירות קענען די פארנעמסטע לייט פון שטאדט, לכן זענען מיר מוסר מודעה בשם הגבאים דבית־המדרש הגדול, אז מהיום והלאה וועלען מיר געבען השגחה אויף די דאזיגע עניגים זעהר און זעהר, און דעם, וואס מע וועט חאפען, וועט מען מיט איהם טהון על־פי הזאקאן״...

פערשטעהט זיך, אז די מודעה האבען חברה באלד אראפ־געריסען, און אויף איהר ארט איז ארויסגעוואכסען איין אנדער מודעה. האט מען זיך ניט געפוילט און מע האט די נייע מודעה אויך אראפגעריסען, און עס איז אויף איהר ארט אויסגעוואכסען א פרישע מודעה, און די בעלי־בתים האבען געפונען אין די סטענ־דערס פרישע בריוועלעך אויפ'ן שמש מיט די גבאים. הכלל, דאס איז געווען א שטיקעל צייט, וואס דער עולם האט געהאלטען אין איין שרייבען: די גבאים האבען געשריבען מודעות, און די לצים די ווייסע־חברה'ניקעס האבען געשריבען בריוועלעך — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז עס זענען געקומען די טעג פון ימים נוראים, די צייט פון דער קלפי, פון קלויבען גבאים הייסט עס, און עס האט זיך אנגעהויבען א שטרייט צווישען ביידע צדדים: פון איין זייט איסר מיט זיינע פאטראנען, די אלטע גבאים, און פון דער אנדערער זייט די שקצים, עכברושים, לצים, ווייסע־חברה'ניקעס מיט זייערע קאנדידאטען. איטליכער צד האט געצויגען צו זיך דעם גאנצען איבעריגען עולם, יעדער מיט וואס גאט האט איהם געבענשט: דער מיט הייסע ווערטער, פלאם־פייערינע דרשות, דער גלאט מיט זיסע רעד, און דער מיט געבראטענע קאטשקעס, פופעקלעך, גוטע הבטחות, צוזאגעכצען אויף שפעטער, — און שטעלט אייך פאר, אז גובר געווען האבען — איהר וועט גארניט טרעפען! — דוקא די שקצים, עכברושים, לצים, ווייסע־חברה'־ניקעס! און אויסגעקליבען האט מען נייע גבאים, און דוקא פון די יונגעלייטלעך, קורצע ווייטיקלעך, לצים, קבצנים און — אוי־וועה, א שאנד צו דערצעהלען! — בעלי־מלאכות, פראסטע בעלי־מלאכות!...

V

איך האָב מורא, אַז איהר שטויסט זיך אָן, אַז די מעשה נעמט אַ סוף. ביז וואַנען איז דער שיעור צו ציהען? צי איהר ווילט, איך זאָל אייך טאַקי דערצעהלען, ווי אַזוי אונזערע נייע גבאים האָבען זיך גערעכענט מיט'ן אַלטען שמש? ווי אַזוי מע האָט נעבאַך דעם אַלטען איסר'ען געפיהרט יענעם שמחת־תורה מיט כבוד און מיט געזאַנג איבער אַלע גאַסען, און קונדסים, לצים, ווייסע־חברה'ניקעס האָבען געטראָגען אויף צו־פריהער, מיט גרויס פּאַראַד, דעם גאַנצען אוצר מיט סטערינאָווע ליכט, מיט וואַכס און מיט די אַלע טליתים, סדורים, מחזורים, קינות און סליחות, וואָס מע האָט געפונען אויפ'ן בוידעם פונ'ם אַלטען בית־המדרש? — ניין, איך מיין, אַז איהר וועט פון מיר אַזאַ זאַך ניט פערלאַנגען.

דערלעבען אַ נקמה אינ'ם שונא — מהכתיתי; נאָר באָדען זיך אין זיין בלוט — דאָס נישט. איך קאָן אייך נאָר דערצעהלען נישט מעהר ווי עטליכע ווערטער:

אויף הייניטיגע ימים־טובים בין איך מיך דורכגעפאָהרען אַהיים, אין מיין געבורט־שטאָדט. שוין לאַנג נישט געווען. אַ סך, אַ סך וואַסערען זענען פון יענער צייט דורכגעלאָפען. פון דעסטוועגען האָב איך געטראָפען דאָס אַלטע בית־המדרש אויפ'ן זעלבינגען אָרט; דער אייגענער אָרון־קודש מיט'ן זעלבען פּרוכת, מיט דער אייגענער בימה, מיט די אייגענע הענגלייכטער. נאָר די מענשען — די מענשען האָבען זיך איבערגעביטען, שטאַרק פערענדערט געוואָרען, אַזוי, אַז ס'איז כמעט נישט צו דערקענען זיי. די אַלטע לייט זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבען, און אויפ'ן הייליגען אָרט זענען מסתמא צוגעקומען אַ שען ביסעל מצבות מיט שענע אויפשריפטען. די יונגעלייט האָבען בעקומען גרויע בערדלעך. די גבאים זענען נייע, אַ חזן אַ נייער, אַ שמש אַ נייער,

מיט נייע ניגונים, מנהגים נייע — גאָלע נייעס און נייעס !...

איינמאָל — הושענא־רבה איז דאָס געווען — דער נייער חזן מיט'ן נייעם כאָהר האָט זעהר שען געזונגען דעם „קול מבשר ואומר", און דער עולם האָט זיך אַ נעם געטהאָן אָפּשלאָגען די בלעטלעך פון די הושענות (דער דאָזיגער מנהג איז, אפּנים, פערבליבען אויף שטענדיג), און איך האָב בעמערקט פון דערווייטען איין אַלטעטשקען, אַ גרייז־גרויען, איין איינגעהויקערטען מיט אַ האָרבאַטער נאָז, מיט מורא'דיגע געדיכטע ברעמען און מיט אַ באָרד, וואָס אָנהויבען הויבט זי זיך אָן, דאכט זיך, גראָב און געדיכט, און אויסלאָזען לאָזט זי זיך אויס דוקא דין, מיט עטליכע שיטערע לאַנגע בייזע האָר, — און עס האָט מיך געטהאָן אַ ציה צום דאָזיגען אַלטעטשקען, און איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און האָב איהם אויסגעצויגען די האַנד:

— שלום עליכם אייך... דאכט זיך, רב איטר... דער שמש?

— דער שמש? וואָסער שמש? שוין לאַנג אויס שמש. שוין לאַנג איין אָפּגעשלאָגענע הושענא — חע־חע!...

אזוי האָט מיר דער אַלטעטשקער אַ זאָג געטהאָן מיט אַ ציטעריג קול און אַ ווייז געטהאָן מיט אַ ציטעריגער האַנד אויף דער אָפּגעשלאָגענער הושענא, וואָס האָט זיך געוואַלגערט פאַר זיינע פיס, און אַ ביטער שמייכעל האָט זיך געשפּיעלט אויף דער גרייז־גרויער באָרד, וואָס אָנהויבען הויבט זי זיך אָן, דאכט זיך, גראָב און געדיכט, און לאָזען לאָזט זי זיך אויס דוקא דין, מיט עטליכע שיטערע לאַנגע נאָך אַלץ בייזע האָר...

ב.

בועז דער מלמד.

I

דאָס וואָס איך האָב געפּיהלט דעם ערשטען טאָג, בשעת די מאַמע האָט מיך אָפּגעפיהרט פּאַר א האַנד צו בועז'ען אין חדר אריין, בעדאַרף פּיהלען א יונג עופ'עלע, בשעת מע שלאָגט־אָפּ מיט דעם כּפּרות און מע טראָגט דאָס אָפּ צום שוחט. עס צאַ־פּעלט דאָס יונגע עופ'עלע, פּלאַטערט נעבאך; פערשטעהן פער־שטעהט דאָס ניט, נאָר פּיהלען פּיהלט דאָס, אז דאָ שמעקט נישט מיט קיין פּראַסע, נאָר מיט עפּיס אַנדערש... ניט אומזיסט האָט זי מיך געטרייסט, די מאַמע מיינע, אז דער גוטער מלאך וועט מיר ווארפען א גראָשען פון דער סטעלי; ניט אומזיסט האָט זי מיר געשענקט א גאַנצען עפּעל מיט א קוש אין שטערן אריין; ניט אומזיסט האָט זי געבעטען בועז'ען, ער זאָל געהן מיט מיר א ביסעלע וועיכער, חאָטש א ביסעלע ווייכער, מחמת „דאָס קינד האָט ערשט ניט לאַנג געמאָזעלט"...

אזוי האָט א זאָג געטהאָן די מאַמע און א וויין געטהאָן מיט דער האַנד אויף מיר, גלייך ווי זי וואָלט איבערגעבען בועז'ען אין די הענד אריין עפּיס זעהר א טהייערע כּלי פון קרישטאַל, וואָס טאָמער חלילה איין ריהר — איז אוים כּלי!

א צופריעדענע, א גליקליכע איז די מאַמע געגאַנגען אהיים, און „דאָס קינד וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געמאָזעלט" איז איבער־געבליבען אליין. תחילת א ביסעל א וויין געטהאָן, נאָכדעם אוים־

געווישט די אויגלעך און מקבל געווען אויף זיך דעם עול פון דער תורה און פון דרך־ארץ, און ארויסגעקוקט אויף דעם גוטען מלאך, וואָס וועט איהם וואַרפען מסתמא באַלד אַ גראָשען פון דער סטעלי.

אוי, אָט דער גוטער מלאך! אָט דער גוטער מלאך! בעסער וואָלט די מאַמע נישט דערמאַנט דעם נאָמען זיינעם! וואָרום אַז בועז איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך געגעבען אַ נעם מיט זיין טרו־קענער בעוואַכסענער האַנד און אַ זעץ־אַנידער צום טיש, איז מיר שוין געוואָרען נישט גוט אויף צו חלש'ען, און איך האָב שוין אויפגעהויבען דעם קאָפּ ארויף צו דער סטעלי, און האָב שוין גע־חאַפּט דעם שענעם פּסק פונ'ם רבין מיט'ן רעכטען ציה פאַר'ן אויהער: „ממזר! וואוהין קוקסט דו?"

אודאי האָט זיך „דאָס קינד וואָס האָט ערשט ניט לאַנג גע־מאָזעלט" אַ ביסעלע צעפּעסטעט: „מאַ־מע!" און ערשט דע־מאָלט פערזוכט דעם אמת'ען טעם פונ'ם רבינ'ס שמיץ: „אַ יונ־געלע זאָל נישט קוקען אהין וואו מע דאַרף ניט!"... „אַ יונגעלע זאָל ניט רעווען ווי אַ קעלבעל מאַ־מע!"...

II

די מעטאָדע פונ'ם רבי'ן בועז איז בעשטאַנען אין איין זאַך: שמיץ. פאַר וואָס עפּיס שמיץ? ער האָט דאָס געגעבען צו פערשטעהן מיט'ן שכל און געבראַכט אַ משל פון, להבדיל, אַ פערד: איבער וואָס געהט אַ פערד? ווייל ער האָט מורא. פאַר וואָס האָט מורא אַ פערד? פאַר אַ שמיץ. פונקט אַזוי איז מיט אַ קינד. אַ קינד בעדאַרף האָבען מורא: מורא פאַר גאָט, מורא פאַר'ן רבי'ן, מורא פאַר טאַטע־מאַמע, מורא פאַר איין עבירה, מורא פאַר אַ שלעכטע מחשבה... און בכדי אַ קינד זאָל טאַקי מורא האָבען וואָס מורא הייסט, בעדאַרף מען דאָס גאַנץ פיין אָפּשפּיליען, בעל־הבתיש אַנידערלעגען און אַריינצימבלען אַ פּאָר

צעהנדליג שמיצלעך. „אוי, שמיצלעך־מוצלח! ניטא קיין בעסערע זאך אויף דער וועלט, ווי א רוט, און לעבען זאל דער קאנטשיק!"

אזוי זאגט בועז און נעמט דעם קאנטשיק אין האנד אריין פאוואלינקע, נישט געהאפט, בעטראכט איהם פון אלע זייטען, ווי מע בעטראכט איין אררוג, נאכדעם נעמט ער זיך צו דער מלאכה ערנסט, מיט ישוב־הדעת, זינגט־צו בשעת מעשה און שאקעלט־צו מיט'ן קאפ:

שמיצלעך!
מוצלח!
שמיצלעך!
מוצלח!

חדושים ונפלאות! בועז צעהלט נישט און האט קיינמאל נישט קיין טעות. בועז שמייסט און איז קיינמאל נישט אין כעס. בועז איז נישט קיין מענש פון כעס; אין כעס איז ער נאר דער־מאלט, ווען א קינד לאזט זיך ניט שמייסען, רייסט זיך פון די הענד, דריגעט מיט די פיסלעך. זעהט איהר, דעמאלט איז עפיס אנדערש. דעמאלט ווערען די אויגען אנגעגאסען מיט בלוט, און ער שמייסט שוין אהן א ניגון און אהן א צאהל: „א יונגעלע דארף ליגען שטיל, אז א רבי שמייסט!... א יונגעלע דארף האבען דרך־ארץ אפילו דעמאלט, ווען מע שמייסט איהם!"...

אויך איז בועז אין כעס, טאמער לאכט א קינד בשעת מע שמייסט דאס (פארהאן אזעלכע קינדער, וואס לאכען בשעת מע שמייסט זיי; א חולאת, זאגט מען...). ביי בועז'ען לאכען — איז סכנת־נפשות! בועז האט אליין נישט געלאכט זינט ער לעבט, און האט פיינט, אז דער אנדערער לאכט. מע האט געקאנט צו־זאגען די גרעסטע פרעמיע יענעם מענשען, וואס וועט שווערען בנאמנות, אז ער האט אליין געזעהען בועז'ען לאכען. בועז איז נישט קיין מענש פון לאכען. זיין פנים איז גאר נישט מסוגל דערצו. בועז'ס פנים זאל אנהויבען לאכען, וואלט דאס געווים אויסזעהן א סך ערגער ווי ביי איינעם וואס ווייגט (פארהאן,

פארהאן אזעלכע פנים'ער אויף דער וועלט !). און וואס איז טאקי באמת פאר איין עובדא לאכען? לאכען — לאכען דאך מענשען לעדיגגעהערס, פוסטע קעפ, לצים, הולטייעס. אבער מענשען, וואס האבען אויף זיך דאגות פרנסה, וואס טראגען אויף זיך העם עול פון תורה און פון דרך־ארץ, האבען נישט קיין צייט אויף צו לאכען. בועז האט קיינמאל קיין צייט נים. בועז אדער ער קנעלט, אדער ער שמייסט, דאס הייסט, ער קנעלט שמייסענדיג, אדער ער שמייסט קנעלענדיג — שווער אפצוטיילען איינס פונ'ם אנדערען און זאגען: וואו לאזט זיך אוים ביי איהם „געקנעלט" און וואו הויבט זיך אן „געשמיסען".

און געשמיסען האט אונז בועז, דארפט איהר וויסען, קיינמאל נישט אומזיסט. ס'איז תמיד געווען א טעם פאר וואס: פאר נישט גוט געלערענט, פאר נישט גוט געוואלט דאווענען, פאר נישט געפאלגט מאטע־מאמע, פאר ניט אריינגעקוקט, פאר ארויסגעקוקט, פאר גלאט געקוקט, פאר צו גיך געדאווענט, פאר צו פאוואלי געדאווענט, פאר צו הויך גערעדט, פאר צו שטיל גערעדט, פאר איין אפגעריסענעם לאץ, פאר א קנעפעל, פאר א ריס, פאר א דראפ, פאר אויסגעשמירטע הענד, פאר א פערפלעקטען סדור, פאר א נאשעריי, פאר א לויפעריי, פאר א שטיפעריי, און אזוי ווייטער און ווייטער, אהן איין עק.

דאס זענען געווען, קאן מען זאגען, שמיץ פאר „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים". היינט זענען געווען שמיץ פאר „על חטא שחטאנו לפניך בלא יודעים", דהיינו: שמיץ אויף להבא, אלע ערב שבת און אלע ערב יום־טוב און אלע ערב בין־הזמנים, מיט א פירוש דערויף: „טאמער האט איהר די שמיץ נאך ניט פארדיענט, וועט איהר זיי, אם ירצה השם, כשר פארדיענען"... אדער שמיץ אזעלכע, וואס עמיצער, איין אייגענער אדער א פרעמדער, האט אייך געוואלט א טובה טהון, צוגעשטעלט א בענקעלע פאר'ן רבי'ן. אדער שמיץ מיט איין אנצוהערעניש פונ'ם רבי'ן אליין: „דו ווייסט שוין אליין מסתמא, פאר וואסערע

מעשים טובים"... אָדער שמיץ אויף אַ ציקאַוועסט: „לאָם איך זעהן אקאָרשט, ווי אזוי אַ יונגעלע לאָזט זיך שמייסען"... מיט איינעם וואָרט: „שמיץ", „קאַנטשיק", „מורא", „טרערען" — אָט וואָס אין יענער צייט האָט געטהאָן געוועלטיגען אין אונזער קליין נאַריש קינדערש וועלטעל, אָהן אַ שום עצה, אָהן אַ שום רפואה, אָהן אַ שום שטראַהל פון האָפענונג אויף פּטור צו ווערען פון דעם גיהנם!...

און דער גוטער מלאך, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט? וואו איז ער ערגיץ, יענער גוטער מלאך?

III

איך מוז מיך מודה זיין פאַר אייך, אז איך האָב צייטענווייז געקוויינקעלט זיך אין דער שענער מעשה מיט'ן גוטען מלאך. אַ פונק פון אפיקורסות האָט זיך אַ ביסעל צו פריה אריינגע'גנב'עט צו מיר אינ'ם קינדערש הערצעל אריין. צו פריה האָב איך אָנ־געהויבען צו קלערען: אפשר האָט מיך די מאַמע אָפּגענאַרט? צו פריה האָב איך מיך בעקענט מיט'ן געפיהל, וואָס ווערד אָנגע־רופען „שנאה". צו פריה, צו פריה האָב איך פיינט געקראָגען דעם רבי'ן בועז!

און ווי אזוי זאָל מען איהם ניט פיינט האָבען? ווי אזוי, פרעג איך אייך, זאָל מען ניט פיינט האָבען אַ רבי'ן, וואָס לאָזט נישט קיין קאָפּ אויפהויבען: דאָס טאָרסט דו ניט! דאָרט שטעה ניט! אָהין געה ניט! מיט דעם רעד ניט!?... ווי אזוי זאָל מען ניט פיינט האָבען אַ מענשען, וואָס האָט ניט אין זיך קיין קאָפּ רחמנות, וואָס האָט הנאה, אז יענעם טהוט וועה, וואָס באָדט זיך אין יענעמ'ס טרערען, שמירט זיך מיט יענעמ'ס בלוט?... דאכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין מעהר בזיון פונ'ם וואָרט „שמייסען"?... וואָס קאָן שוין זיין מעהר בושה, ווי אז מע טהוט־אויס אַ מענשען אָדם־נאַקעט און מע שטעלט איהם אַוועק אין אַ ווינקעלע, ווי די

מאמע האט איהם געהאט? ניין, בועז'ען איז דאס קארג! בועז פאדערט פון אייך, אז איהר זאלט אליין זיך אויסטהון, אליין ארויפציהען, מחילה, די תחתונים'לעך, אליין נעמען דאס חעמ־דעלע איבער'ן קאפ, אליין זיך אנידערלעגען, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט'ן פנים אראפ, — און דאס איבעריגע וועט שוין בועז אליין טהון:

שמיצלעך,
מוצלח!
שמיצלעך,
מוצלח!...

און נישט נאר בועז אליין האט געשמיסען, עס האבען גע־האלפען שמייסען אויך די בעהעלפערס זיינע, די „משוררים", ווי ער האט זיי גערופען, געוויינטליך, אונטער דער חשגחה פון בועז'ען, מע זאל חלילה ניט פערפעהלען קיין שמיצעל. „ווינ־ציגער מיט א ביסעל תורה און מעהר מיט א שמיצעל" — אזוי האט געדרונגען בועז און געגעבען צו פערשטעהן די דאזיגע טעאריע מיט'ן שכל־הישר: אז מיט צו פיעל תורה פערשלאגט מען א קינד דעם קאפ, און איין איבעריג שמיצעל שאדט ניט. „ווארום לאמיר דאס נאר פארשטעהן, זאגט בועז, על־פי חקירה: דאס לערנען, וואס מע לערנט מיט א קינד, געהט דאס גלייך אין קאפ אריין, לכן איז דאס מבלבל די רעיונות און מטמטם דעם מוח; און דאס שמייסען, וואס מע שמייסט, איז אדרבה־פארקעהרט: ביז עס דערגעהט פון יענעם חלק דורכ'ן גאנצען גוף ביז'ן קאפ, רייניגט דאס דערווייל די געבליטען און עס לייטערט דעם מוח. הייגט פארשטעהט איהר שוין?"

און בועז האט נישט אויפגעהערט צו רייניגען אונז די גע־בליטען און צו לייטערען אונזערע מוחות. און — אוי־וועה! מיר האבען שוין מעהר נישט געגלויבט אין יענעם גוטען מלאך, וואס קומט פון אויבען! מיר האבען שוין צעקיים, אז דאס איז נאר

געווען אַ פּזמון, איין אויסגעטראַכטע מעשה אויף צו פֿערנאַרען אונדז צו בועז'ען אין חדר אַריין, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו זיפֿצן און צו קרעכצן אויף אונדזער גלות פֿון בועז'ען, צו מומלען און צו רעדן און צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פֿון'ם דאָזיקן שווערן ביטערן גלות?...

IV

אין די מרה־שחורה'דיקע מינוטן וואָס צווישן טאָג און נאַכט, בשעת די רויטפֿאַרביקע פֿייעריקע זון בעדאַרף זיך געזעגענען מיט דער טונקעלער קאַלטער ערד אויף אַ גאַנצער נאַכט; אין די מרה־שחורה'דיקע מינוטן, ווען דער פֿרייליכער, הילכיקער טאָג מאַכט אַ ויברח, און אויף זיין אָרט טרעט־צו מיט שטילע טריט די אומעטיקע שטילע נאַכט מיט איהר אומעטיקן שטילן סוד; אין די מרה־שחורה'דיקע מינוטן, ווען דער שאָטן קלעטערט אויף די גלייכע ווענד, וואַכסט אין דער לענג און אין דער ברייט; אין די מרה־שחורה'דיקע מינוטן וואָס בין מנחה למעריב, בשעת דער רבי איז אין שוהל און די רביצין האָט צו טהון מיט דער ציעג, מיט די קריגלעך אָדער מיט דער דייזשע באָרשטש — דעמאָלט זאַמלען מיר זיך צונויף, קליינוואַרג, אין חדר, אַלע אינאיינעם צווישן אויוון, זעצען זיך אוים אויף דער ערד, די פֿיסלעך אונטער זיך, שלאָגן זיך צונויף, ווי די אומשולדיקע שעפּעלעך, בשר'ע לעמעלעך, און דאָרטן, אין דער פֿינסטער, רעדן מיר פֿון אונזער מורא'דיקן טיטוס, פֿון אונזער מלאך־המות בועז. יונגלעך עלטערע, פֿון דער גרויסער כתה, וואָס לערנען ביי בועז'ען שוין ניט דעם ערשטן זמן, דערצעהלען זיך אָן פֿון איהם מורא'דיקע מעשיות און שווערן מיט כל השבועות שבעולם, אַז בועז האָט פֿערשמיסן ניט איין יונגעל ביז צום טוידט, אַז בועז האָט אַריינגעטריבן אין דער ערד אַריין שוין דריי ווייבער, אַז בועז האָט בעגראָבן זיין איין־און־איינציגן זוהן, וכדומה אַזעלכע ווילדע

זאַכען, פון וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר! עלטערע יונגלעך דערצעהלען, און די קלענערע האָרכען, האָרכען מיט קאָפּ. שוואַרצע אויגלעך אין דער פינסטער גלאַנצען, יונגע הערצלעך קלאַפּען, און עס בלייבט ביי אונז דער הסכם, אַז בועז דער רבי איז אָהן אַ נשמה, אַ מענש אָהן אַ נשמה, און אַזאַ מענש איז דאָך געגליכען צו אַ חיה, צו אַ מזיק, וואָס ס׳איז אַ מצוה איהם צו פּטר׳ען... און טויזענדער פּלאַנען, נאַרישע קינדערשע פּלאַנען, וועבען זיך ביי אונז אין די קינדערשע מוחות, ווי אַזוי מיר זאָלען פּטור ווערען פון׳ם דאָזיגען מלאך־המות... נאַרישע קינדער! די דאָזיגע נאַרישע קינדערשע פּלאַנען האַלטען זיי איטליכער בעזונדער טיעף פערבאָרגען ביי זיך אין הארצען. זיי בעטען גאָט, ער זאָל טהון אַ נס: אָדער דער סדור זאָל פערברענט ווערען, אָדער דעם קאַנטשיק זאָל צונעמען דער רוח, אָדער... אָדער... דעם לעצטען „אָדער" וויל קיינער ניט אַרויסזאָגען; מע האָט דאָס מורא ברענגען פאַר׳ן מויל. און דער כוח־הדמיון ביי די קינדער אַרבייט, די יונגע פאַנטאַזיע טראָגט, און חלומות, גוטע זיסע חלומות, פּלאָנטען זיך אין דער וואָהר, חלומות פון פריי־זיין, פון לויפען אַראָפּ־אַ־באַרג, פון פּאַליאָסקען זיך מיט באָרוויסע פיס אין טייך, פון שפּיעלען אין פערדלעך, פון שפּרינגען איבער פּלויטען — גוטע, זיסע, נאַרישע חלומות, וואָס ס׳איז ניט בעשערט, זיי זאָלען מקוים ווערען; וואָרום אָט הערט זיך אַ בעקאַנטער הוסט פון אַ בעקאַנטען פּאַרשוין, אַ קלאַפּען פון בעקאַנטע פּאָדעשוועס, אַ שליאָפּען פון בעקאַנטע שקראַבעס — און עס ווערען אונז פערקיהלט די געבליטען, און עס ווערען אונז פערגליווערט, פערשטאָרבען אַלע אברים, און מיר זעצען זיך אוועק צו דער תורה און צו עבודת־הבורא, צום לערנען און צום דאַוונען, — פּונקט מיט אַזאַ חשק, ווי געהן צום עשאַפאָט, צו דער תליה! מיר לערנען, און אונזערע ליפּען שעפּטשען: „רבונו של עולם! צי עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט אויף דעם דאָזיגען עמלק, אויף דעם פּרעה, אויף דעם המן, אויף דעם גוג־ומגוג? צי עס וועט

קומען אמאָל א צייט, וואָס מיר וועלען פּטור ווערען פונ׳ם דאָזיגען שווערען, וויסטען, פינסטערען גלות? ניין, קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט!״...

אזוי האָבען מיר אָפּגעפּסק׳ענט — אומשולדיגע, נארישע קינדער.

V

— קינדער! איהר ווילט הערען א שענעם פּלאַן, ווי אזוי פּטור צו ווערען פון אונזער גוג־ומגוג?

אזוי האָט זיך אָנגערופען איינמאָל אין די אויבענדערמאָנטע מרה־שחורה׳דיגע מינוטען איינער פון דער עלטערער כתה, מיט׳ן נאָמען וועלוועל ליב־אריה׳ס, א יונגעל א שייגעץ, און די אויגען האָבען איהם בשעת מעשה געבלישטשעט אין דער פינסטער, ווי ביי א וואָלף, און די גאַנצע חברה קליינוואַרג האָט ארומגערינגעלט וועלוועלען אויסצוהערען דעם שענעם פּלאַן, וואָס ער האָט צוגע־קלערט, ווי אזוי פּטור צו ווערען פון אונזער גוג־ומגוג. און וועל־וועל ליב־אריה׳ס האָט גענומען אונז פאַרלעגען זיין שענעם פּלאַן פריהער מיט א גאַנצער דרשה: ווי אזוי ס׳איז שוין פון דעם בועז׳ען נים אויסצוהאַלטען, ווי אזוי דער אשמדאי באָדט זיך אין אונזער בלוט, ווי אזוי מיר זענען פערדעכענט ביי איהם ערגער פון הינד, וואָרום א הונד, אז מע דערלאַנגט איהם מיט׳ן שטעקען, האָט ער חאָטש א ברירה צו קוויטשען, און מיר טאָרען דאָס אויך נים; און אזוי ווייטער און ווייטער... און נאָכדעם רופט זיך אָן צו אונז וועלוועל:

— הערט, קינדער, וואָס איך וועל אייך פרעגען? איך וויל אייך עפּיס פרעגען.

— פרעג! — זאָגען מיר איהם אַלע אין איין קול.

— ווי איז דער דין, אשטיינער, אז אויף איינעם פון אונז קומט פּלוצים א קרענק?

— איז ניט גוט! — ענטפערען מיר איהם אָפּ.

— ניין, ניט דאָס מיין איך. איך מיין עפּיס אנדערש: למשל, אז איינער פון אונז ווערד קראַנק — געהט ער אין חדר אריין, צי ער בלייבט זיצען אין דער היים?

— פאַרשטעהט זיך, אז ער בלייבט זיצען אין דער היים! — שרייען מיר אויס אַלע אין איין קול, און וועלוועל פרעגט ווייטער:

— ווי זשע איז אָבער דער דין, אז אויף צוויי פון אונז קומט א קרענק?

— זיצען צוויי אין דער היים.

— נו, און אז אויף דריי? — הערט וועלוועל ניט אויף צו פרעגען, און מיר מיעדען זיך ניט איין צו ענטפערען איהם:

— זיצען דריי אין דער היים.

— ווי זשע איז אָבער דער דין, כדומה למשל, אז אויף אונז אַלע איז געקומען א קרענק?

— זיצען מיר אַלע אין דער היים.

— לאָז זשע קומען א קרענק אויף אונז אַלע! — זאָגט וועלוועל מלא גדולה. און מיר ענטפערען איהם מיט כעס:

— לאָז גאָט היטען! ביזט משוגע, צי חסר־דעה?

— איך בין ניט משוגע און ניט חסר־דעה; נאָר איהר זענט בהמות — דאָס יאָ. איך מיין דען, מיר זאָלען קרענקען אויף דער אמת'ען? אויף צו־כלומרשט מיין איך, בכדי מיר זאָלען ניט געהן אין חדר אריין. הייגט פאַרשטעהט איהר שוין?

אזוי גיט אונז צו פערשטעהן אונזער חבר וועלוועל, און מיר הויבען אָן דעם פּלאַן צו פערשטעהן, און דער פלאַן הויבט אונז אָן צו געפעלען, און מיר הויבען אָן צו טראַכטען, וואָס פאַר א מין קרענק זאָל אויף אונז קומען? דער זאָגט: צייהנווועהטיג. דער זאָגט: קאָפּוועהטיג. דער זאָגט: בויכוועהטיג. דער זאָגט: ווערעם. נאָר בלייבען בלייבט, אז ניט קיין צייהנווועהטיג, און ניט קיין קאָפּוועהטיג, און ניט קיין בויכוועהטיג, און ניט קיין ווערעם. נאָר וואָס דען? עס דאַרפען אונז אַלעמען מיט א מאָל

אנהויבען וועה־טהון די פיס וואָרום אויף די אַלע אויסגערע־כענטע קרענק איז דער דאָקטאָר א מבין; און אז איהר זאָגט איהם: די פיס טהוען אייך וועה, איהר קאָנט ניט ריהרען מיט די פיס — לאָז ער געהן טאַפּען!...

— געדענקט זשע, קינדער, מאָרגען אין דער פריה זאָלט איהר ניט אויפשטעהן פון אייערע געלעגערס! און בכדי מיר זאָלען זיין זיכער, אז מיר האָבען געמאכט יד אחת און קיינער פון אונז וועט ניט קומען מאָרגען אין חדר אריין, לאָמיר זיך געבען איינס דאָס אנדערע תקיעת־כף און איבערשלאָגען מיט א ציצה!

אזוי האָט אויסגערופען אונזער חבר וועלוועל, און מיר האָ־בען זיך געגעבען איינס דאָס אנדערע תקיעת־כף און איבערגע־שלאָגען מיט א ציצה, און זענען געגאַנגען יענעם אויף דער נאַכט פון חדר אהיים לעבעדיג, פריילִיך, און געזונגען ליעדער, ווי די גבורים, וואָס האָבען א מיטעל ווי אזוי גובר צו זיין דעם שונא, איינצונעמען די מלחמה.

קינדער! מיר געהען־צו צום סאַמע העכסטען אינטערעס פון אונזער געשיכטע, און איך פערשטעה, אז איהר זענט נייגעהריג צו וויסען, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פונ'ם דאָזיגען נארישען קינדערשען פּלאַן, פונ'ם דאָזיגען משוגענעם סטו ייק? איך פער־שטעה, אז איהר ווילט וויסען, צי איז דאָס תקיעת־כף געווען א תקיעת־כף? צי האָבען מיר געהאַלטען וואָרט? ווי אזוי האָבען אויסגעזעהען אזוי פיעל קינדער, וואָס האָבען פּלוצים זיך אוועק־געלעגט אַלע אויף איין קרענק? וואָס האָבען געזאָגט די עלטע־רען? וואָס האָט געטהאָן דער רבי? און צי האָבען מיר אויסגע־פיהרט דאָס, וואָס מיר האָבען געוואָלט?...

שאדע, וואָס איך קאָן אייך איצט מעהר ניט דערצעהלען, קינדערלעך, — ס'איז ערב יום־טוב, און איך מוז איבעררייסען סאַמע ביי'ם רעכטען שפּיץ, און איבערלאָזען דעם סוף אויף איין

אנדערש מאל... און מחמת מיר האלטען שוין ביי'ם געזעגענען זיך, וויל איך אייך איבערגעבען אין קורצען, אז בועז לעבט נאך. נאך אז אך און אז וועה איז צו זיין לעבען! ער איז שוין לאנג אוים מלמד... וואס טהוט ער? פון וואס לעבט ער? ער געהט איבער די הייזער. אפשר וועט איהר איהם אמאל בעגעגענען (איך וועל אייך זאגען א סימן: עס שלעפט זיך איהם נאך א פוס), גיט איהם א נדבה; נעבאך א רחמנות — איין אפגעשלאגענע הושענא!...

מען איז זיך מוחל

טיפען וואָס שטאַרבען־אָפּ

געשריבען לכבוד עשרת־ימי־תשובה (אין יאָהר 1911)

א קורצע הקדמה.

צווישען די פערשיעדענע טיפּען, וואָס דאָס אידי־שע לעבען גיט־ארויס, געפינען זיך אזעלכע, וואָס האַל־טען ביי'ם אוועקגעהן, וואָס שטארבען־אָפּ. מאָהלען לע־בעדיגע מענשען איז א תענוג; בעשרייבען די טיפּען, וואָס שטארבען־אָפּ, איז א מצוה. זיי בעטען זיך: „מאָהלט אונז, בעשרייבט אונז; לאָמיר נישט פער־געסען ווערען פונ'ם קומענדיגען דור"... אזעלכע טי־פּען געב איך א גאנץ בינטעל, א סעריע. אייניגע פון זיי — אָט דאָ, צוליעב עשרת ימי תשובה; די איבע־ריגע — ביי אנדערע געלעגענהייטען.

מען איז זיך מוחל

א.

נח־וואָלף דער קצב.

דער טאָג פון ערב יום־כפור זאָל זיין דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ער איז, וואָלט ער אויך געווען קאַרג פאַר נח־וואָלף דעם קצב, ער זאָל פאַרטיג ווערען מיט זיין אַרבייט ביז דער גרויסער ערב־יום־כפור׳דיגער מנחה.

און אַרבייט האָט נח־וואָלף גענוג — ער דאַרף זיך איבער־בעטען מיט אַ שטאָדט אידען, בעטען מחילה ביי אַלע זיינע קונים, וואָס קויפען ביי איהם פלייש, און ביי אַלע זיינע שכנים, וואָס וואָהנען מיט איהם אויף איין גאַס, וואָס שטעהען מיט איהם אַ קלייט נעבען אַ קלייט, און וואָס זיצען מיט איהם אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט אין דער קצב׳ישער קלויז.

ס׳איז נישטאָ אין שטאָדט אַ מענש, וואָס נח־וואָלף דער קצב זאָל מיט איהם נישט האָבען געהאַט עפּיס אַ סטיטשקע. נישט מחמת נח־וואָלף דער קצב איז, חלילה, אַזאַ שלעכטער מענש, נאָר ס׳איז ביי איהם, ווי ער אַליין זאָגט אויף זיך, אַ פאָדלער כאַראַק־טער — זיך קריגען מיט דער וועלט.

קומט איהר צו איהם אין יאַטקע נאָך פלייש, זאָל ער אייך אָפּבאָדען מיט אַ שעפעל קאַלט וואַסער, ער ווייסט אַליין נישט, פאַר וואָס.

עס קומט אריין אַ בעל־הבית'טע.

— רב נח־וואָלף, האָט איהר פריש פלייש?

ענטפערט איהר נח־וואָלף:

— ווי קומט צו מיר פריש? פאַרשטונקען פלייש, אויב איהר דאַרפט, קאָנט איהר ביי מיר קריגען...

אָדער:

— רב נח־וואָלף, גיט מיר עפּיס אַ גוטען חלק.

— איך וועל אייך געבען סאַמע דעם חלק, וועלכען איהר פאַרדיענט...

אָדער:

— וואָס גיט איהר עס מיר פאַר אַ נבלה, וואָלט איך וועלען וויסען?

— ווי קומט אַ נבלה זיין אַ מבין אויף אַ נבלה?...

אָט אַזוי גראָב בעגעהט זיך נח־וואָלף מיט זיינע קונה'טעס די בעל־הבית'טעס. פון דיענסטען שמועסט מען נישט. אַ דיענסט, אַז זי דאַרף געהן אין יאַטקע אריין, פערשעלט זי זיך איהר געביין. זי ווייסט פריהער, אַז פון נח־וואָלף דעם קצב וועט זי נישט גוט אָפּשניידען: אָדער ער וועט איהר דערלאַנגען מיט אַ לעקער איבער'ן פּנים פון אויבען אראָפּ, אָדער ער וועט איהר אָנטהון דעם קויש אויפ'ן קאָפּ, אָדער ער וועט זי גאָר דורכטרייבען:

— געה דיר, געה געזונטערהייד צו איין אַנדערען, פאַרהאַן גענוג קצבים אָהן מיר.

פון דעסטוועגען, איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן. נח־וואָלף דער קצב איז טאַקי אַ כעסן, אַ משוגע'נער, און דאָך וועט מען צו קיין אַנדערען נישט געהן, וואָרום נח־וואָלף דער קצב איז דער עהרליכסטער פון אַלע קצבים. אַלע ווייסען, אַז זיין וואָג איז אַ וואָג און זיין וואָרט איז אַ וואָרט. זאָגט ער אייך, אַז דאָס פלייש איז נעכטען געקוילעט, דאַרפט איהר איהם דאָס אַנדערע מאָל נישט איבערפרעגען. זאָגט ער אייך צו אַ מילץ, אַ לונג־און־לעבער אָדער אַ פוס אויף שבת — קאָנט איהר

שלאָפען רוהיג. היינט וועט ער אייך נישט אריינגעהן אין קיין גנבה'שע שמיק מיט דער דיענסט און נישט מאַכען יד־אחת מיט די קצבים, און דעריבער גראָבען אויף איהם די דיענסטען, ווי נוייט זיי קאָנען, און די קצבים וואַלטען איהם דערטרונקען אין אַ לעפעל וואסער. ווי אַ ביין אין האלז שטעהט זיי נח־וואָלף. אַ איד איין עקשן, שפּאַרט ער זיך איין — איז ווי איין אָכס נאָך דער שחיטה, פונ'ם אָרט נישט צו ריהרען.

און אַליין זעהט ער אויס אויך ווי איין אָכס, ווי אַ וויזעל־טיער. אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ רויט פּנים און אַ פּאָר ידיים. אז ער נעמט האקען פליישׁ, איז מיט אַזאַ רציחה, גלייך ווי דער אָכס אָדער די בהמה האָט עפּיס חוטא געווען און איז פער'משפט געוואָרען צעהאַקט און צעשניטען צו ווערען פון זיינע הענד.

— אַ איד אַ רוצח! — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט און מע האָט פאַר איהם מורא.

נאָר אויב אַ גאַנץ יאָהר עסט זיך נח־וואָלף דער קצב איין איטליכען אין די ביינער אריין, איז דאָס נאָר ביז תשובה־טעג; און קומען אָן די תשובה־טעג, איז איהם נישט צו דערקענען. פונ'ם ערשטען טאָג ראש־חודש אלול ווערד ער שוין איין אנדער מענש. ער ווערד פרום, האָט מורא פאַר גאָט און פאַר איין עבירה און פאַר אַ בייזען חלום; הערט אויף צו קריעגען זיך מיט די קצבים; צו די בעל־הבית'טעס ווערד ער ווייך ווי פּוטער, צו די דיענסטען — גוט, חאָטש לעג איהם צו צו אַ מכה — נאָר נישט דער נח־וואָלף. אפילו דאָס פליישׁ האַקען האַקט ער אָהן רציחה, ווי אַלע מאָל, נאָר פּאַוואָלינקע, מיט רחמים. נאָר נישט דער נח־וואָלף.

ערב יום־כפּור ווערד ער פאַרטיג פאַר פריה; פערשלאָסען די יאַטקע, דאַוונען האָט ער געדאַווענט מיט'ן ערשטען מנין, טהוט ער אָן די יום־טוב'דיגע קאַפּאָטע און געהט פון שטוב צו שטוב

צו אַלע זײַנע קונים און שכנים, פֿרײַנד און בעקאַנטע, זײ איבער־בעטען, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אײַך אַנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינש אײַך אַ חתימה טובה.

דערויף ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן". — און מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ב.

עזריאל דער פּיליער.

זינט די וועלט שטעהט, האָט זי נאָך נישט געזעהען אזא בייזען נפש, ווי עזריאל דער פּיליער.

א בייזער איד מיט בייזע אויגען, מיט גרויסע ברעמען, און וואָנסים אזעלכע, וואָס שטעכען זיך, און מיט א באָרד, ווי איין אָנגעקלעפּטע, און א וואַטענע לייבעל טראָגט ער זומער און ווינ־טער, וואָס סע זעהען זיך ארוים פון דעם די ציצית פון טלית־קטן און סע שמעקט מיט רויהע פיש פאַר א מייל.

א גאַנצע וואָך זעהט מען איהם נישט. נאָר אלע ערב־שבת און אלע ערב־יום־טוב קומט ער ארוים אין מארק אריין מיט א הויכען וואָגען פיש. אויפ'ן וואָגען זיצט ביי איהם א מיידעל מיט א שווארץ געשטופּעלט פּנים און גיט אכטונג אויף די פיש. און זיין ווייב, מייטע די פּיליערין, א אידינע א געשוואָלענע, שטעהט ביי'ם וואָגען מיט א בעזמען אין האנד און גיט אכטונג אויף די פיש.

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּעלדיגע — ווייבעלעך — אויף שבת!

אזוי קלינגט אוים עזריאל דער פּיליער אויף א קול מיט א שענעם ניגון איבער'ן גאַנצען מארק און לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון די ווייבער, וואָס האָבען בעלעגערט דעם וואָגען פון אלע זייטען און חאַפּען די פיש ביי די קעפּלעך, פערקוקען אין די זשאַב־רעס, טיטשען מיט'ן פינגער אין די אויגען אָדער אין די בייכלעך אריין — און דאָס האָט עזריאל דער פּיליער פיינט, ווי חזיר, טרייבט ער אָפּ די ווייבער פונ'ם וואָגען:

— אין דער ערד אריין! גענוג טאַפּען!

אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיגע שטיל און גיך, רופט עזריאל דער פּיליער ווידער אוים אויף אַ ניגון מיט זיין קלינגענדיגען קול:

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּלדיגע — ווייבעלעך — אויף שבת!

איטליכע אידינע, זי מעג זיין אַ בעל-הבית'טע אָדער אַ דיענסט, איז ביי עזריאל דעם פּיליער פּערדעכענט, אַז מע בעדאַרף אויף איהר האָבען איין אויג. דאָס הייסט, ער איז זי נישט חושד, חלילה, אַז זי איז אַ גנב'טע, נאָר ביי פיש איז נישט שייך. עזריאל דער פּיליער האַלט, אַז די שענסטע נגידית און די עהרליכסטע צדקנית וועט זיך קוואַפּען אמאָל, צווישען יאָ און ניין, בשעת בהלה, אוועק'לקח'ענען אַ פישעל, אַז קיינער וועט נישט זעהען. „פיש, זאָגט ער, איז אַ נסיון, וואָס פאַר אַ בעל-הבית'טע איז שווער אויסצושטעהן"... עס טרעפט אַלע יאָהר אַ סקאַנדאַל: אַ ווייבעל קריגט פון איהם געפּאַטשט מיט אַ העכטעל איבער די פּיסקעס. לויפט מען זיך צונויף, און עס ווערד אַ געטומעל. מענשען שטעלען זיך איין פאַר'ן ווייבעל, געבען איהר איין עצה, זי זאָל איינגעבען צום מיראָוואָי אָדער שלעפּען צום רב, נאָר וויל דער בזיון איז גרויס, גרעסער פונ'ם וועהטיג, צעגעהט זיך עס מיט גאָרנישט.

אַ סך ווייבער קענען שוין עזריאל'ען. זיי ווייסען, אַז אליין טאָר מען זיך צו זיינע פיש נישט צוריהרען, אַזוי ווי, להבדיל, צו גאָלד אָדער צו טייערע שטיינער.

— ווי טייער איז ביי אייך היינט אַ פונט בריליאַנטען? — פרעגט איהם אַ ווייבעל, שטעהענדיג מיט'ן קויש פון דערווייטען און ווייזענדיג מיט'ן מינדסטען פינגערעל אויפ'ן וואָגען.

— איך האַנדעל מיט פיש, נישט מיט בריליאַנטען. — ענטפערט איהר עזריאל און איז זי נישט מזכה אפילו מיט אַ קוק פון

זיינע בייזע אויגען, און לאָזט אויס מיט אַ ניגון: „פּיש — פּיש — פרישע — צאַפּעלדיגע — ווייבעלעך!"

— אַ איד אַ נכפה'ניק! — זאָגען אויף איהם די ווייבער. זיי וואָלטען וועלען איהם אויסמיידען, איז אונמעגליך: נישטאָ מעהר קיין פּיליערס אין שטאָדט, אויסער עזריאל דעם פּיליער, חאָטש ציהט זיך אויס און שטאַרבט, אָדער בלייבט, חלילה, אָהן פּיש אויף שבת, וועלכעס איז נאָך ערגער ווי געשטאָרבען, וואָרום אַ מענש, אַז ער שטאַרבט, ווייסט ער, אַז ער איז געשטאָרבען — און אַיין עק; און אַ ווייב, אַז זי קומט אַהיים אָהן פּיש אויף שבת, וועט זי שוין האָבען אַ וואָך פון איהר מאַן — אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרען!

— ער זאָל וועלען אַנלעגען מיט'ן קאָפּ, נישט אום ערב־יום־טוב דערמאַנענדיג!

אַזוי זאָגען אויף איהם די ווייבער דעם טאָג, וואָס ערב־יום־כפור, און לויפען מיט די קאָשעקלעך אין מאַרק אַריין, האָבען מורא, חלילה, נישט פערשפּעטיגען, וואָרום ערב־יום־כפור איז עזריאל זיך נוהג אויפשטעהן כאור, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, און אַז אידען קלויבען זיך נאָך אין שוהל אַריין און קוקען־אַרוים אויף לעקאַך פון'ם גבאי, איז שוין עזריאל אַ יום־טוב'דיגער. דאָס וואַטאָווע לייבעל האָט ער אַראָפּגעוואָרפען און אָנגעטהאָן אַ גראָבע לאַסטיקענע קאַפּאָטע, וואָס ער טראָגט נאָר שבת און יום־טוב און וואָס מע שמעקט פון דעסטוועגען דורך און דורך מיט רויהע פּיש.

פריהער פון אַלע וועט זיך עזריאל דער פּיליער פערפאַסטען. פריהער פון אַלע וועט ער קומען אין שוהל אַריין, וועט זיך אוועקשטעלען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד אויף איינעם פון די לעצטע ערטער אין דרום־זייט, און איבערגעדעקט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, וועט ער אויסשטעהן אַ מעת־לעת אויף די פיס, נישט צוגעזעצט זיך אפילו אויף אַ ווייל. און דאַוונען וועט ער אין דער שטיל, קיינער וועט פון איהם אַ וואָרט נישט הערען. און וויינען וועט ער אַ סך, קיינער וועט ביי איהם קיין טרער נישט זעהען.

נאָר דאָס וועט זיין ערשט אויף דער נאַכט. דעם גאַנצן טאָג דאַרף ער אַרומגעהן צו זיינע קונים און קונה׳טעס, זיי איבערבעטן, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין", — און מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ג.

גאָנטע דער מלמד.

הייסען הייסט ער זימעל, נאָר רופען רופט מען איהם „גאָנטע". און גאָנטע רופט מען איהם איבער דעם, וואָס ער איז א גאָנטע, א גזלן.

זימעל איז טאקי א בעריהמטער מלמד, א גוטער בעל־תנ"ך און א שענער בעל־לשון־קודש; קיינער שלאָגט אָבער נישט אזוי זיינע תלמידים, ווי זימעל־גאָנטע. אַלץ הייסט געשלאָגען! זימעל הרג'עט, ממית'ט, מאַכט ברוין און בלוי. און שמייסען שמייסט ער — זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען! און מחמת זימעל איז שוין א זקן, אריבער שמונים, וואָס האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין שווים עטליכע דורות, איז נישטאָ אין שטעדטעל כמעט איינער, וואָס זאָל זיך קאָנען בעריהמען, אז ער איז נישט געווען א געשמיסענער פון זימעל־גאָנטע... זימעל־גאָנטע — דעם שבח מוז מען איהם נאָכ־זאָגען — לעגט נישט קיין כבוד אויף קיינעם נישט: „יאָ שולדיג, נישט שולדיג, א נגיד'ס א יונגעל, א קבצנ'ס א יונגעל — לעג זיך, וועל איך דיר אריינצימבלען".

אריינצימבלען איז ביי איהם א שמעק טאַבעקע. ס'איז גע־ווען צייטען, אז גאָנטע איז נאָך געווען יונגער, פלעגט ער ברעכען ביינער, מאַכען אידישע קינדער פאַר קאַליקעס. א ווערטעלע — גאָנטע? א איד א גבר, א הויכער און א ביינערדיגער. רויכערט נישט, שמעקט נישט קיין טאַבעקע, טרינקט נישט קיין בראָנפען, קוקט אָהן א בריל, האָט נאָך כמעט אַלע ציינער אין מויל. א בער־דעל איז ביי איהם א שיטערס, געצעהלטע האָר, ווייס ווי זילבער. די הויט טרוקען און גלאַנציג, געל ווי פאַרמעט. פון די באַקען

שטעקען ארוים צוויי ביינער. אויפ׳ן שטערן מורא׳דיגע קנייטשען, אויף די הענד אָדערען, און אַ קול איז ביי איהם פון אַ לעמפּערט. קיין לעבעדיגער מענש האָט נאָך נישט זוכה געווען אויף דעם דאָזיגען מורא׳דיגען פּנים צו זעהן אַ שמייכעל. זיין אייגען ווייב מיט זיינע אייגענע קינדער האָבען פון איהם קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געהערט. נישטאָ קיין מעהר מורא׳דיגע זאַך פאַר אָפּצושרעקען קליינע קינדער, ווי: „אָט געב איך דיך אָפּ צו זימעל־גאַנטע אין חדר אַריין!" „גאַנטע־גזלן" — אַזוי רופט מען איהם אין שטאָדט.

נאָר איין טאָג אין יאָהר איז פאַרהאַן, וואָס גאַנטע ווערד ווייך ווי וואַכס. די מורא׳דיגע קנייטשען פונ׳ם שטערן ווערען עטוואָס אויסגעגלעט, דאָס טרויעריגע גלאַנצענדיג־געל־פּאַרמעטענע פּנים ווערד עטוואָס פעררויטעלט און אויף די אייביג שמרענגע ליפּען בעווייזט זיך ווי אַ מין טרויעריג שמייכעלע, ווי ביי אַ קליין קינד, בעת עס קלייבט זיך אָנהויבען צו וויינען. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כפּור.

געקומען פון מרחץ איין אויסגעצוואָגענער און איין אָפּגע־וואַשענער, צעקעמט די געצעהלטע זילבערנע האָר אויף אַלע זייטען און אָנגעטהאָן די יום־טוב׳דיגע צעהאַקטע נאָר אַטלאַסענע קאַפּאָטע און דאָס פּליושענע היטעל מיט׳ן מורא׳דיג ברייטען דעניק, געהט ער אום, שאַרענדיג מיט די פּאַנטאָפּעל, פון שטוב צו שטוב, צו אַלע זיינע בעלי־בתים, וואָס זענען אַלע אַמאָל געווען זיינע תלמידים, זיי איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין". — מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ד.

רב משה־וועלוועל בעל־עגלה.

דער וואָס מיינט, אַז אַ בעל־עגלה איז אַ מענש, וואָס קיינער איז נישט מחויב צו ליידען פון איהם גלות, האָט אַ טעות.

רב משה־וועלוועל בעל־עגלה איז נישט גלייך צו אַלע אַנדערע בעלי־עגלות. דער נאָמען אַליין: „רב משה־וועלוועל" — זאָגט שוין גענוג. און בסך הכל איז ער גאָר אַ איד אַ בעל־הבית, און אַ איד וואָס דאַווענט, און אַ איד וואָס קוקט אַריין אין די קליינע אותיות, און אַ איד וואָס פערשטעהט אַ פסוק חומש מיט רש"י און קאָן טרעפען אַ שטיקעל „באר מים חיים".

קומט ער אויף איין אכסניה, אָדער אין אַ קרעטשמע, און ס'איז דאָ אַ מנין, בינדט ער אַרום די פערסמאַלעוועטע חלאַמידע מיט אַ רויטער פאַטשיילע, שטעלט זיך אַוועק מיט'ן פנים צו דער וואַנד, דאַווענט אָפּ אַ מנחה'לע, אפילו אויף אַ הייזעריג פערדומפען קול און אַ ביסעל אונטער דער נאָז, נאָר מיט אַלע דריידלעך, מעשה חזן.

בטבע איז רב משה־וועלוועל אַ איד דוקא אַ פריילי‌כער און אַ שטיק ווערטעלזאָגער, און אויף אַ שמחה — אַ הוליאַק, אַ גאַנ‌צער ליץ, אַ פערשלעפּטע קרענק. אַ פּנים איז ביי איהם ווי פון מעטאַל — נישט מעש, נישט בלעך, נאָר גלאַנצענדיג־רויטליך, און אַ נאָז כמו ווי אַ צעפּלעצטע אָדער אַ צעשלאָגענע, וואָס דער‌פאַר קומט־אויס ביי איהם דאָס לשון אַ ביסעלע דאָסיג, פאַנפּע‌וואַטע. באָרד און פאות טראָגט ער, ווי אַ גוטער איד, אַ חלאַ‌מידע אַ לייווענטענע, נאָר אַ לאַנגע ביז דער ערד, מיט אַ בייטש פון דעסטוועגען אין די הענד אַ לאַנגע, שטיוועל — גוט אָנגע־

שמירטע מיט סמאָלע, ווי אַ בעל־עגלה שטעהט אָן, און איין עזות־פנים איז ער, ווי דרייסיג בעלי־עגלות אינאיינעם.

לאָז עמיצער זיך איינשטעלען איהם זאָגען גלאַט „משה־וועלוועל”, נישט „רב משה־וועלוועל”, איז חיות נישט זיכער!

אָדער, אַשטייגער, זייט אַ בריה, אויב איהר זענט אַ דאָרטיגער בעל־הבית, און פּרובט אַוועקזעצען זיך ביי דער באַהן, למשל, אויף איין אַנדער בעל־עגלה, בעת ער, רב משה־וועלוועל, איז דאָ און קוקט־אַרוים אויף פּאַרשוינען, איז דעמאָלט אַז אָך און וועה צו אייך און צו יענעם בעל־עגלה און צו זיינע סוסים. ער וועט אייך מאַכען מיט דער בלאָטע גלייך. און איהר וועט שוין פערזאָגען אַ צעהנטען, אַז איהר קומט מיט דער באַהן, זאָלט איהר אייך קודם גוט אַרומזעהען, צי איז נישטאָ ערגיץ רב משה־וועלוועל מיט זיינע סוסים.

אָדער פּרובט זיך שאַפען מיט איהם, ווי מע שאַפט זיך מיט אַ בעל־עגלה, און זאָגט איהם נישט: „זייט זשע מוחל, רב משה־וועלוועל!” אָדער: „איהר וועט אייך מטריח זיין, רב משה־וועלוועל”... און האָט איהר זיך אַרויפגעזעצט ביי איהם אין וואָגען, בעדאַרפט איהר געדענקען, אַז איהר זיצט נישט ביי אַבי וועמען, נאָר ביי רב משה־וועלוולען, און אַז רב משה־וועלוועל וועט אייך הייסען קריכען אין בויד, וועט איהר קריכען, און אַז ער וועט אייך הייסען אַוועקזעצען זיך פּאָריטש, אַקעגען, וועט איהר זיצען, און אַז ער וועט אייך הייסען גיהן אַרויף־אַ־באַרג מחילה צו־פוס, וועט איהר גיהן. קיין דעות, וועמען ער זאָל נעמען אין וואָגען אַריין, וועט איהר איהם נישט זאָגען. און אַז איהר וועט איהם זאָגען, וועט זיך אייך נישט העלפען. איהר וועט נאָך ווערען אָפּגעזידעלט פון קאָפּ ביז פיס און וועט זיין געהרען, אַז ער וועט אייך נישט אַרויסזעצען פון וואָגען אין מיטען וועג.

שולדיג אין דעם איז נישט רב משה־וועלוועל, נאָר טאַקי די שטאָדט גופא. ווי אַזוי מע פערוויעגט אַ מענשען, אַזוי פיהרט ער זיך אויף. די שטאָדט האָט געמאַכט פון איהם אַ גאַנצען יש,

טראָגט זיך אַרום מיט זיין תורה, בעריהמט זיך מיט זיין פרומ־קייט און אידישקייט, מיינט ער, אַז לעקיש איז זיין פעטער, און קריכט אַלעמען אויפ'ן קאָפּ און זידעלט איטליכען בעזונדער, מאַכט איהם מיט דער בלאָטע גלייך.

— אַ מכה אשר לא כתובה בתורה! — רופט מען איהם אין שטאָדט און מע היט זיך פאַר איהם, ווי פאַר פייער. מיט איין איבעריג וואָרט איז מען מיט איהם נישט זיכער. סכנת־נפשות!

נאָר איין טאָג אין יאָהר איז פאַרהאַן אַזעלכער, — דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כפור — וואָס דעמאָלט קאָנט איהר זיין זיכער, אַז ער וועט אייך נישט זאַטשעפּען. אדרבה, ער קומט צו אייך אַ יום־טוב'דיגער מיט אַ קנאַקענדיגער ליוסטרינענער קאַפּאָטע און מיט אַ נייעם קאַשקעט אויפ'ן קאָפּ. פונ'ם ווייסען העמד קוקט־אַרויס אַ מאָדנער ברייטער קאָלנער, אָפּגעלעגט מיט צוויי שפּיצעכיגע עקען אויפ'ן האַלז. אויף זיין בלעכען־מעשען פּנים איז אויסגעגאָסען דאָס וואָרט „יום־טוב", און אַליין קומט ער אַריין צו איטליכען מיט אַ ברייטען „גוט יום־טוב", איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין". — און מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ח.

סאַנע דער וואַסער־פיהרער.

— די גאַנצע שטאָדט איז ביי מיר אין די הענד, כחומר ביד היוצר — ווי אַ פערדעל אין אַ וואָגען. ברצותו מקצר וברצותו מפצר — וויל ער — געהט, וויל ער — שטעהט ער. אַ רוח זיי אין טאַטען אַריין, די בעלי־בתים. ווילען זיי וואַסער, זאָלען זיי צו־רעכט מאַכען די גרעבלי. אַניט — זאָלען זיי טרינקען קדחת מיט רביעית און נישט האָבען קיין טענות צו סאַנע דעם וואַסער־פיהרער: „רב סאַנע, וואַסער! רב סאַנע, וואַסער!"

אַזוי טענה'ט זיך אויס סאַנע דער וואַסערפיהרער מיט זיך אַליין, זיצענדיג אויפ'ן לעדיגען פעסעל, און אונטערשמייסענדיג דאָס פערדעל, קרימט ער איבער די בעל־הבית'טעס, ווי זיי שטעהען ביי דער שוועל פון זייערע הייזער און שלעפּען איהם יעדע צו זיך: „רב סאַנע, וואַסער! רב סאַנע, וואַסער!"

סאַנע ענטפערט זיי נישט דאָס אַנדערע וואָרט. סאַנע איז בכלל אַ איד אַ שווייגער. רעדען רעדט ער נאָר אָדער מיט'ן פער־דעל, אָדער מיט זיך אַליין. זיצענדיג אויפ'ן פעסעל, זאָגט ער תהלים אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל, און אַז ער קומט צווישען מענשען, שווייגט ער. איהר קאָנט איהם זידלען, איהר קאָנט איהם חנפה'ענען — פאַר איהם איז אַלץ איינס. האָט ער וואַסער אין קעסעל — וועט ער אייך אָנגיסען אַ פולע דייזשע. האָט ער נישט — מעגט איהר רעדען פון היינט ביז מאָרגען. האָפּען זיך, לויפען, מקריב זיין צוליעב אייך זיך און דאָס פערדעל — דאָס איז ער נישט מחויב.

דערפאַר אָבער אַז עס קומט פרייטאָג, איז די צוויי גילדען מיט'ן קוילעטש — דאָס מוז זיין. אַניט — וועט ער בלייבען

שטעהן נעבען אייער שטוב, נישט ריהרען זיך פונ'ם אָרט ביז מאָר־גען, אזוי אז די גאַנצע גאַס וועט וויסען, אז איהר האָט נישט צו צאָהלען דעם וואַסערפיהרער פאַר וואַסער...

א מאָדנער איד אָט דער סאַנע דער וואַסערפיהרער. אליין איז ער א קורצינקער און א גראָבינקער, חאַפּט דעם אָפּבליק פון זיין פעסעל מיט וואַסער. טראָגען טראָגט ער א גוי'יש פּעלצעל מיט א שמויסען־היטעל. די שטיוועל זענען ביי איהם שטענדיג חרוב, די חאָליוועס — מיט א שטריקעל ארומגעבונדען. ווינטער טראָגט ער געפלאָכטענע הענטשקעס אויף די הענד מיט גרויסע לעכער. וואָנסים האָט ער האַלבע, נאָר סימנים פון וואָנסים, און אויגען האָט ער קליינע, קוקט בלינדליך און זעהט נישט, ווי העכער האַלב וואַסער ווערד ביי איהם אויסגעפּלעסקעט פונ'ם שפּונט.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די גאַסען זענען נישט געפלאַסטערט, טאַנצט דאָס וועגעלע אהין און אהער; און מחמת די רעדער זענען ביי איהם קיינמאָל נישט געשמירט, קאָן מען הערען פאַר א מייל, אז סאַנע דער וואַסערפיהרער פאָהרט מיט'ן פעסעל. קומען־ארויס צו איהם די בעל־הבית'טעס אקעגען, איטליכע מיט איין אנדער טענה:

— איהר האָט מיר אָנגעגאָסען א האַלבע דייזשע מיט וואַסער!

— ווען וועט איהר שוין ברענגען מיר אויך אמאָל וואַסער?

סאַנע קוקט אויף זיי מיט די קליינע בלינדליכע אויגען, ענט־פערט נישט דאָס צווייטע וואָרט, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען.

— שלים־מזל! — רופט מען איהם אין שטאָדט און מע ליידט פון איהם דעם גיהנם.

נאָר איין טאָג אין יאָהר דאַרף מען סאַנע דעם וואַסערפיהרער נישט דערמאַנען וועגען וואַסער. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כפּור.

פון כאור הבוקר ביז האַלבען טאָג ווערען ביי איהם אלע דייזשעס אָנגעפילט מיט וואַסער, און סאַנע וואַרפט־אראָפּ פון זיך דאָס גוי'ישע פּעלצעל מיט'ן שמויסען־היטעל, טהוט אָן די שבת'־

דיגע קאַנגאַרענע קאַפּאָטע מיט'ן קאָלינקאָרענעם קאַשקעט. איין אויסגעצוואָגענער און אַ צוגעקעמטער, זעהט ער אוים ווי אַ בע־יאָהרטער אלמן צו דער צווייטער חופּה. פון שטוב צו שטוב געהט ער צו זיינע בעלי־הבית'טעם איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין". — מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ז.

רפאל בעל־משגיח.

רפאל איז א משגיח. ער גיט אכטונג.

אויף וואס גיט ער אכטונג? אויף אלסדינג. ער גיט אכטונג אויף דער תלמוד תורה, די קינדער זאלען נישט געהן נאקעט און בארפים; אויפ׳ן ביקור־חולים, ארעמע לייט זאלען דארט נישט אויסגעהן פון הונגער; הויינט גיט ער אכטונג אויף די בחורים, וואס זיצען אין בית־המדרש און לערנען, זיי זאלען האבען וואס צו עסען און נישט געהן אין צעריסענע שטיוועל. און גלאט אויף ארעמע לייט אין שטאדט גיט ער אכטונג, זיי זאלען האבען אויף שבת און אויף יום־טוב.

ער אליין טאקי געהט דאס פון זייערטוועגען איבער די הייזער, קלויבט קאפיקעס, נעמט צונויף פון זייערטוועגען אויף חתונות, אויף ברית׳ען, אויף פדיון־הבנ׳ס און אויף אנדערע שמחות, לאזט נישט דורך קיינעם, רייסט פון טוידט און פון לעבעדיג און קריעגט זיך, זידעלט זיך און שלאגט זיך פאר „זיינע" ארעמע לייט.

א גאנצע וואך געהט ער אום מיט א שטעקען. און ערב שבת און ערב יום־טוב — מיט א זאק אויף די פלייצעס. אין דעם דאזיגען זאק ווארפט איהר איהם אריין וואס איהר האט: א שטיקעל ברויט, א פולקע פון איין עוף, א געבאקענעם קארטאפעל, איין אוגערקע, א קנאבעל, א ציבעלקע, א בייגדעל — אלסדינג איז א סחורה. און פרובט, אדרבה, ווארפט נישט אריין רב רפאל׳ען אין זאק אריין גארנישט נישט, וועט איהר קריגען געזידעלט, און אז איהר וועט זיך שטעלען אויס׳טענה׳ן, קאנט איהר איהם נאך אריינברענגען אין כעס, און ער קאן אייך געבען מיט׳ן שטעקען.

רפאל איז איין אויסגעדיענטער סאָלדאַט, אַ ניקאָלאַיעווסקער, און האַלט זיך גלייך, ווי אַ סטרונע, און געהט, ווי אַ סאָלדאַט. אַז איהר ווילט, קאָנט איהר זעהען ביי איהם אונטער דער קאַפּאָטע, אויפ'ן לייבעל, אַ מעדאַל פון ניקאָלאַיען. צוויי מעדאַלען: איינע אַ זילבערנע, די אַנדערע אַ בראָנזענע. און ער האָט צו דערצעהלען פון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטשען מעשיות מיט מעשיות. נאָר וואו האָט ער צייט צו דערצעהלען מעשיות, אַז ער האָט אויף זיך אַזוי פיעל ארבייט? אַ קלייניגקייט — אַ מענש אַ משגיח!

ווער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ משגיח — ווייסט קיינער נישט. ווער צאָהלט איהם און וויפיעל בעקומט ער פאַר זיין ארבייט — ווייסט קיינער נישט. קיינער ווייסט נישט און קיינער נעמט נישט אָפּ ביי איהם קיין דין וחשבון. מע גלויבט איהם. מע ווייסט, אַז וואָס רפאל פערדיענט פאַר זיין ארבייט — מעגען דאָס די שונאים האָבען אויף זייער פערמעגען, וואָרום ער אויף זיך אליין בעדאַרף גאָרנישט. און ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז איהר בעדאַרפט אויך גאָרנישט. ער קאָן זיך פערגינען אייך זאָגען מוסר, למאַי איהר גיט אויס געלד אויף דער רוח ווייסט וואָס, בעת אין שטאָדט זענען דאָ אַזוי פיעל אָרעמע לייט. די גאַנצע וועלט איז ביי איהם בעשאַפען געוואָרען נאָר פון די אָרעמע לייט'ס וועגען. דערזעהט ער אויף אייך אַ ניי מלבוש, וועט ער עס אַ טאַפּ טהון און וועט אייך אַ פרעג טהון: „וואָס קאָסט?" און וועט נעמען אויסרעכענען אייך, וויפיעל אָרעמע לייט וואָלט מען געקאָנט דער־מיט אויסקליידען. קומט ער צו געהן אויף אַ חתונה, אַ ברית, אַ פדיון־הבן אָדער אַזוי אַ שמחה, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט איהם אויפ'ן זינען: „וויפיעל אָרעמע לייט וואָלט מען מיט אַזאַ סעודה געקאָנט אָנהאָדעווען?"... און ער וואַרט־אָפּ, ווען וועט דער עולם אָפּבענטשען און צעגעהן זיך, בכדי ער זאָל קאָנען צונויפנעמען די איבערגעבליבענע שטיקלעך פאַר זיינע אָרעמע לייט.

ווי אַלט איז ער? — דאָס ווייסט קיינער נישט, און ער אליין — אויך נישט. ער איז שוין אַ ביסעל טויבליך. אַז איהר

רעדט צו איהם און ער דערהערט נישט, צעשרייט ער זיך אויף אייך, אז „איהר שפּרעכט איהם אָפּ א גוט אויג״, און איהר מוזט רעדען העכער. אויך די ראיה איז ביי איהם די לעצטע צייט א ביסעל געשלאָגען. אז ער געהט, קוקט ער גלייך און טאַפּט מיט׳ן שטעקען. ער טרעפט אָבער אהין, וואו מע דאַרף, און אז מע גיט איהם, דערזעהט ער, און אז מע גיט איהם נישט, בייזערט ער זיך, קלאַפּט מיט׳ן שטעקען:

— איהר האָט שוין היינט זיך אָנגעפּרעסען, דאַנקען גאָט, און אָנגעזליאָקעט, און איצט רויכערט איהר זיך א פּאַפּיראָסעל. אייך איז, קיין עין־הרע, גאַנץ גוט! און דאָס ווייסט איהר, אז מיינע אָרעמע לייט פאַסטען נאָך פון נעכטען אָן, יאָדראָ וואשי קאַטשקי!...

דאָס איז זיין יונ׳ישע קללה, וואָס ער איז מכבד מיט איהר קליין און גרויס. ענטפערען איהם עפּיס דערויף איז ארויסגע־וואָרפען — מע קאָן נאָך הערען פון איהם ערגערע ווערטער...

— גאָט אייך אזא מין אָנשיקעניש! — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט, און מע בעהאַלט זיך אויס פון איהם, טאָמער וועט ער נישט געפינען.

קיין קינדער האָט ער נישט. ער האָט זיי אַלעמען איבער־געלעבט. ער האָט נאָר אייניקלעך, וואָס האַלטען איהם אויס מיט גרויסע צרות — און דאָס גיט איהם די מעגליכקייט, ער זאָל זיך קאָנען אינגאַנצען אָפּגעבען צו זיינע אָרעמע לייט און טאָג ווי נאַכט ארומגעהן איבער דער שטאָדט, זשעברעווען, שלעפּען, רייסען, דע־קוטשען, איינעסען זיך אין די ביינער אריין, זידלען זיך און שעל־טען זיך אויף יונ׳יש.

נאָר איין טאָג אין יאָהר איז פּארהאַן, וואָס אונזער בעל־משגיח לאָזט צו־רוה דעם עולם. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כפּור.

ער האָט שוין בעזאָרגט זיינע אָרעמע לייט נאָך פון נעכטען, זיך איבערגעקריגט מיט דער גאַנצער שטאָדט, אויסגעווייזען מיט

ראיות, אז אָרעמע לייט בעדאַרפֿען אויך שלאָגען כּפּרות, אז אָרעמע לייט בעדאַרפֿען אויך האָבען מיט וואָס צו פֿערפֿאַסטען זיך — עס געהט אזא הייליגער טאָג, יאדראָ וואַשי קאַטשקי!... און איצט מאַרשירט ער מיט זיינע אַלטע סאָלדאַטסקע פֿיס איבער דער שטאָדט, שוין אָהן אַ זאַק און אָהן אַ שטעקען, יום־טוב'דיג, מיט ביידע ניקאָלאַיעווסקי מעדאַלען אויף דער ברייטער ברוסט. און מחמת דעם שטעקען האָט ער געלאָזט אין דער היים, געהט ער האַרט ביי די ווענד, פֿון שטוב צו שטוב, איבערבעטען דעם עולם, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער, און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפֿערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין". — מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ז.

געצי־גובערנאַטאָר.

געצי־גובערנאַטאָר — דאָס איז דער שמש פון אַלטען בית־המדרש.

אומעטום, אין אַלע בתי־מדרשים פון דער גאַנצער וועלט, זענען אפשר די שמשים — שמשים. געצי דער שמש פון אונזער אַלטען בית־המדרש איז מעהר בעל־הבית, ווי שמש. וואָס זאָג איך? ער איז בעל־הבית איבער אַלע בעלי־בתים.

געצי לאָזט נישט פיהרען קיין וועלטען אין בית־המדרש. ער זאָגט, אַז אַ שוהל איז אַ מקום־קדוש. ווילט איהר רעדען געשעפט — קאָנט איהר געהן אין מארק. ווילט איהר שמועסען פּאָליטיקע — איז דאָ, להבדיל, אַ מרחץ. בשום אופן וועט איהר ביי איהם נישט פּועל'ען, ער זאָל אייך לאָזען רעדען אפילו שבת צו אויסנעמעניש. געצי איז אַ איד, וואָס לעגט נישט קיין כבוד אויף קיינעם. איהר קאָנט אייך שטעהן אויבענאָן אין מזרח־וואַנד און מעגט אייך האָבען זיעבעצעהן זילבערנע עטרות אויפ'ן טלית, ווערד ער פאר אייך נישט בטל. איהר קאָנט אייך זיין דער גרעס־טער גביר פון שטאָדט, רב יהושע־העשעל אליין, ווילט איהר נאָר אויסרעדען אַ וואָרט, אזוי דערהערט איהר אַ זעץ איבער'ן שלחן און אַ געשריי „ששש!" — אז איהר ווערד פערטויבט.

אָדער פּרובט נעמען אַ ספר פון דער בית־המדרש־שאַפע און נישט צוריקברענגען צו דער צייט, וועט איהר האָבען פון געצי'ן דעם גרעסטען בזיון.

אָדער זייט מנדר שבת צו עלית־התורה אַ חצי פונט נרות על הבית־מדרש, אָדער ח"י פּרוטות אויף אָרעמע לייט, און ווילט נישט

אָפּגעבען — זענט איהר שוין איין אָנזעצער. סיידען איהר האלט ביי עוקר זיין און אוועקלאָזען זיך קיין אמעריקא.

אָדער לאָז עמיצער איינשטעלען זיך שיקען געצי'ן מיט א שליחות, וואָס איז נישט שייך מיט בית־המדרש, וועט ער אויס־הערען און א זאָג טהון:

— פיס האָט איהר? זייט זיך מטריח און געהט אליין! — אָט אזא מענש איז געצי.

די איינציגע, וואָס דערוועגען זיך ארויסטרעטען מיט עזות קעגען געצי דעם שמש, איז נאָר יונגוואַרג. ציקאווע בחורים'לעך, חדר־יונגלעך, קונדסים, שטאָדט־שקצים — פון זיי האָט ער דעם טוידט. זיי טהוען איהם, וואָס מע טהוט קיין אידען נישט: זיי קעהרען איהם איבער די סטענדערס, אז קיינער זעהט נישט. זיי לאָזען איהם ארויס דאָס וואסער פונ'ם האנטפאַס. פערקניפּען איהם דעם האנטוך. קאַפּען איהם אָן חלב אויף די בית־המדרש־גמרות. רייסען־ארויס דעם צווייטען „יקום פורקן" פון אלע קהל'־שע סדורים, אזוי אז וואָס פאַר א סדור מע זאָל נישט עפענען, איז ער נאָר מיט איין „יקום־פורקן".

פון די דאָזיגע ווייסע־חברה'ניקעס האָט געצי אָפּגעשניטענע יאָהר, דעם גיהנום! און ער קוקט זיי נאָך, טאָמער וועט ער עמיצען פאַקען. און האָט ער געפּאַקט א חברה־מאַן, רעכענט ער זיך שוין אָפּ מיט איהם פאַר אלע. ארויס פון געצי'ס הענד מיט א בייל, מיט א בלוי אויג אָדער אָהן איין אויער — הייסט נאָך גוט אָפּ־געשניטען. געצי האָט פיינט לאנגע מחזקות, גבית־עדות מיט פוסטע ספּראַווקעס: א נגיד'ס א יונגעל, איין אָרעמער יתום — אויסגעפּאַטשט, פארפּאַלען!

געצי קאָן פּאַטשען. אז ער לאָזט אראָפּ א האנד, קאָן מען דערזעהען דעם זיידען פון יענער וועלט. א איד א גבר (א משפּחה פון גבורים), האָטש אפילו אזוי, אויפ'ן קוק, וועט איהר פאַר איהם נישט געבען קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען. דאַר, אויס־געטריקענט, הויט און ביינער. נאָר פּאות צוויי גראָבע, שווארצע.

און אליין איז ער אַ שוואַרצער, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, מיט שוואַרצע אויגען, בייזע, וואָס קאָנען נישט קוקען גלייך אין פּנים אַריין, נאָר אַראָפּ. באַקען איינגעפאַלענע, אַ נאָז אַ פערלעגטע און וואָנ־סים שוואַרצע, אַראָגעלאָזטע אַראָפּ. די אַלע זאַכען אינאיינעם מאַכען דעם איינדרוק, אַז אָדער ער וויל געבען אַ ניס און קאָן נישט, אָדער ער האָט אייך עפּיס צו זאָגען און וויל נישט, אָדער ער איז גלאַט אַ רע, אַ רשע.

— אַ רשע מרושע! — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט. — איין איינגעגעסענע בריאה, אַ איד אַ צו־להכעיס'ניק, אַ מה־יעשה'־ניק, האָט נישט אויף זיך קיין אויבערהאַר, טהוט וואָס ער וויל. וויל ער עפענען די שוהל — עפענט ער. וויל ער פערמאַכען — פערמאַכט ער. קומט ווינטער, דאַרף מען זיך אויסציהען פאַר איהם, ער זאָל דורכהייצען דאָס בית־מדרש. און אַמאָל, אַז עס קומט איהם אָן, זאָל ער אייך אָנהייצען, ווי, להבדיל, אין אַ באָד.

אשטייגער, לאָז איין אָרעמאַן אויסגעהן, געצי זאָל איהם לאָ־זען איבערנעכטיגען אין בית־מדרש. „אַ שוהל איז נישט קיין הקדש!" — זאָגט ער און טרייבט־אַרויס אין דרויסען אָהן אַ טראָפּען רחמנות.

אַז עס קומט די צייט פון ימים־נוראים, פיהרט געצי די ממשלה אין בית־מדרש ביד רמה. האָט ער אויף אייך געוואָרפען איין אומחן, וועט איהר נישט פּועל'ען ביי איהם, אַז אייער זוהן אָדער אייער איידעם זאָלען זיצען דאָרטען, וואו א י ה ר ווילט; זייט זיכער, אַז זיי וועלען שוין זיצען דאָרט, וואו ע ר וויל. און אַז איהר וועט קומען צום גבאי מיט טענות, וועט מען אייך ענטפערען:

— געהט צום גובערנאַטאָר.

דאַרפט איהר שוין וויסען, אַז דאָס מיינט מען געצי דעם שמש. אין די אויגען זאָגט מען איהם „דו", און הינטער די אויגען רופט מען איהם „גובערנאַטאָר".

דאָס אייגענע איז סוכות מיט׳ן אתרוג. איהר ווילט, ער זאָל אייך ברענגען דעם אתרוג אין סוכה אריין וואָס פריהער — אָט דוקא ווייל איהר ווילט, וויל ער נישט; און אז איהר שרייט־אָן אויף איהם, שרייט ער נאָך העכער:

— איהר קאָנט וואַרטען! איך האָב אויף אייך מעהר געוואַרט!

קומט איהר אין שוהל אריין און שטעלט איהם צו א בענקעלע פאַר׳ן גבאי. זאָגט אייך דער גבאי:

— וואָס קאָן מען טהון מיט א גובערנאטאָר?

און אזוי איז הושענא־רבה מיט די הושענות. און אזוי איז חנוכה מיט די חנוכה־ליכטלעך, פורים מיט׳ן גראגער, פסח מיט מצה־שמורה, שבועות מיט גרינס. אומעטום איז געצי. אלסדינג איז ביי געצי׳ן אין די הענד. געצי דער שמש פיהרט די גאַנצע שטאָדט, געוועלטיגט איבער דער שטאָדט.

און די שטאָדט לײדט פון איהם גלות. די שטאָדט לײדט, חאָטש מע וויל נישט לײדען. א מענש האָט א גאַל. קומט שבת אָדער יום־טוב, בין מנחה למעריב, מע קלויבט זיך צונויף אין שוהל און מע שמועסט. כל־זמן מע דאַווענט נישט, האָט מען קיין מורא נישט פאַר׳ן שמש און מע קאָן שמועסען פראַנק און פריי. קומט מען ארויף אויף גלות־געצי. פרעגט מען זיך איינס ביי׳ם אנדערען: „עד מתי? ביז וואַנען וועט מען טראָגען אויף זיך דעם דאָזיגען גלות?"... און דערביי בלייבט מען. וואָס קאָן מען טהון? עלעהיי א רשע א גובערנאַטאָר, חא־חא!

נאָר איין טאָג אין יאָהר איז פאַרהאַן, וואָס געצי־גובערנאַטאָר ווערד אוים רשע. נישט קיין טאָג, נאָר א האַלבען טאָג. עטליכע שעה. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום־כפור, באַלד נאָכ׳ן אינדערפריהיגען דאַווגען, איידער דער עולם וועט קומען אין שוהל צו דער גרויסער מנחה און זיך לאָזען פון איהם שלאָגען מלקות. דעמאָלט ווערד געצי אוים שמש, אוים גובערנאַטאָר. ער איז

אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג און לויפט פון שטוב צו שטוב, צעלאָזט די גראָבע שוואַרצע פּאות, איבערבעטען די בעלי־בתים, זיך מוחל זיין.

— אַ גוט יום־טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם מיט אַ האַלבען מויל: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין". — מע בעט איהם זיצען און מען איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ח.

זיסעל דער יורד.

זיסעל איז איין אלטער בחור, א בלאסער, שוין מיט א גרויליך בערדעל. ער זיצט אין בית־מדרש מיט אלע בחורים, וואס לער־נען. נאר ער אליין לערענט נישט. ער זיצט גלאט אזוי. ער האלט זיך אויף אין בית־המדרש. ער איז איין עלענדער. ער איז א יורד.

נישט ער. זיין טאטע איז געווען א יורד, א געפאלענער נע־באך. קומט ארויס פון דער שענסטער משפחה. סאמע נגידים, גבירים, אדירים.

זיסעל דער יורד האט נאך היינט אויך רייכע פריינד. כמעט אלע פיינסטע בעלי־בתים פון שטאדט זענען זיינע קרובים.

א סברה, אז דער נגיד רב יהושע־העשעל אליין איז זיינער א שני־בשלישי, טאקי איין איינגענער גליעד־געשוועסטער־קינד. לאז ער נאר וועלען, יהושע־העשעל הייסט דאס, אויס־רעכענען זיך, וועט איהם שוין זיסעל בעווייזען, וואס פאר נאהענטע קרובים זיי זענען.

ערשטענס, פון טאטענ׳ס צד. זיסעל׳ס זיידע, דאס הייסט, זיין טאטענ׳ס טאטע, אברהם־מרדכי, און יהושע־העשעל׳ס באבע, דאס הייסט, זיין מאמע׳ס מאמע, פייגע־עטעל, האבען זיך אנגע־קעהרט...

נאר וואס קומט ארויס, אז מע לאזט איהם נישט רעדען? מע גיט איהם א נדבה און מע הייסט איהם געהן, ארויסגעהן זאל פון זיי די פארע, טאקי פון זיינע רייכע קרובים! אויף קיין גוט ארט זאלען זיי נישט שטעהן! ס׳זאל זיי אנהויבען געהן פון היינט

אָן און ווייטער שלים־שלים־מזל און זיי זאָלען אריבערקומען אויף זיין שטאנד, רבונו של עולם!

אזוי בענטשט זיסעל דער יורד זיינע רייכע קרובים, וואָס העלפען העלפען זיי איהם, נאָר זיי לאָזען איהם נישט אויף די אויגען, זיי האָבען איהם פיינט. איין אָרעמאן האָט מען פיינט — דאָס איז שוין איין אַלטער כלל.

זיצט ער אין בית־מדרש און נעמט קצבה און שעלט מיט טוידטע קללות. ער שווערט, אז ער וואָלט בעסער געגאַנגען אר־בייטען, האָלץ האַקען, וואסער טראָגען, נאָר וואו?

ערשטענס, איז ער א יורד, א טאטענ׳ס א קינד, קומט ארויס פון סאמע נגידים, גבירים, אדירים. רב יהושע־העשעל אַליין גע־העדר איהם אָן א שני־בשלישי...

און צווייטענס, איז ער א קאַליקע. איין פוס איז ביי איהם, נישט פאר אייך גערעכט, מאָדנע אויסגעבויגען. אז ער געהט, ווארפט ער מיט א פוס. עס מאַהלט זיך אויס, אז ער איז אין כעס און שליידערט, וויל געבען מיט׳ן פוס אין די צייהן אריין.

און אין כעס איז זיסעל טאקי שטענדיג. ער איז א כעסן בטבע. אויף דער גאנצער וועלט איז ער אָנגעשטויסען. און איז אפשר גאָר נישט אומגערעכט אויך. קיין עין־הרע, אזא משפחה פון סאמע נגידים, גבירים, אדירים, זענען זיי קראנק אויסהאלטען א געפאַלענעם קרוב א קאַליקע, נישט לאָזען איהם געהן איבער די הייזער, נישט לאָזען איהם וואלגערען זיך אויף דער הוילער באנק אין בית־מדרש, אז פרעמדע בחורים זאָלען דארפען געהן פון זיינעטוועגען צונויפנעמען אמאל אויף א מלבוש, אמאל אויף א פאָר שיך, — ס׳זאָל א רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין, טאקי די דאָזיגע בחורים! איידער מע בעט זיי איין, זיי זאָלען איהם מאכען א נייע קאפאָטע, יענע איז שוין צעריסען־צעפּיצעלט! אָדער אָננעמען זאָגע אויף א העמד, נייהען וועט ער שוין אַליין אוועקגעבען, נייהען זאָל מען זיי תכריכים אַלעמען, אלע אידען פון

שטאָדט! א שטאָדט פון סאַמע רשעים! סדום! סדום איז א הונט אַקעגען איהר!

איין אַנדער שטאָדט וואָלט אין זינען געהאַט: עס זיצט איין אַלטער בחור, א יורד — וואָס וועט ער אויסזיצען? זיי זאָלען זיין לייטישע מענשען, מיט א ברעקעל יושר אין הארצען, וואָלטען זיי געזאָרגט פאר זיסלען עפּיס א שידוך...

די משפחה איז נישט קליין צו געבען נדן, געבען זאָל זיי גאָט קרענק מיט קרחת, און א כלה וואָלט זיך שוין געפונען... נישטאָ דען קיין גרעסערע קאַליקעס פון איהם, קרומע, שטומע, בלינדע? פון דעסטוועגען, האָבען זיי דען נישט חתונה געהאַט?

אויף איהם, אויף זיסלען, וואָלטען זיך געפונען צעהן בעלנים פאר איינעם. ווען זשע? אז עמיצער זאָל איהם טראָגען אויפ'ן קאָפּ, זיך אָפּגעבען מיט איהם.

אָט, למשל, דרעהט זיך אַרום ביי געצי דעם שמש א מויד, אַסנע רופט מען זי. זי קומט אַמאָל אויסקעהרען דאָס בית־המדרש, אַמאָל וואַשען די בענק. א געזונדע מויד, א שווארצע, דער רוח זאָל זי נעמען...

אָן זיסלען וואָלט זיך געצי אָנגעהאַפּט מיט ביידע הענד. ווער איז געצי דער שמש, און ווער איז זיסעל דער יורד? ער וואָלט נאָך געמעגט אויסשלאָגען ביי איהם א קניע ערד, אָט דער שמש, א רוח אין זיין טאַטענ'ס טאַטען אריין!

בלאָטע! זיסעל וועט אָבער נישט געהן צום שמש זיך אָנ־שלאָגען, נישט דערהארען וועט דאָס די שטאָדט, קומען זאָל אויף איהר א שרפה, א מגפה און א חלירע היינטיגען טאָג, רבונו של עולם, ס'זאָל זיי אויסקויקלען פון איין עק ביז'ן אַנדערען!...

אָט אַזוי שעלט זיסעל דער יורד זיין משפחה און די גאַנצע שטאָדט, וואָס האַלט איהם אוים מיט קצבה.

— א רעשטעל צו די צרות! — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט און מע לאָזט איהם נישט פאַלען. מע זעהט איהם נעמען אויף שבת און אויף יום־טוב, אַלע מאָל צו איין אַנדער בעל־הבית.

מע וויל יוצא זיין פאר איהם — פארט א יורד, נעבאך א גע־פאלענער...

און טאמער פערגעסט מען זיך אן זיסלען, איז דא א רפאל בעל־משגיח אין שטאדט, וואס דערמאנט, לאזט נישט, מע זאל פערגעסען אן דעם יורד.

און דער יורד איז אין כעס. עס מאהלט זיך איהם אויס, אז נישט זיין משפחה, נישט די בחורים פון בית־מדרש, נישט רפאל דער בעל־משגיח — קיינער, קיינער איז נישט געניג יוצא קעגען איהם. און ער שעלט, שעלט זיי אלעמען מיט דער תוכחה!

איין טאג אין יאהר נאר איז פארהאן, ווען זיסעל דער יורד שעלט זיך נישט. דאס איז דער טאג פון ערב יום־כפור.

דעם טאג פון ערב יום־כפור טהוט זיסעל אן דאס נייע העמד, וואס ער אליין האט זיך געגעבען נייהען, און די נייע קאפאטע, וואס די בחורים האבען איהם געמאכט, מיט א פאר גאנצע, כמעט נאך גאר נייע שטיבלעטען, וואס רפאל בעל־משגיח האט ערגיץ אויסגעמאנטאטשעט פון זיינעטוועגען, און ער לאזט זיך געהן פון שטוב צו שטוב צו אייגענע און צו פרעמדע, שליידערענדיג מיט'ן קראנקען פוס, צו איבערבעטען דעם עולם, זיך מוחל זיין. אלע אידען געהען זיך מוחל זיין — מיט וואס איז ער ערגער פון אלע? דאס פנים איז ביי איהם בלאס, ווי תמיד. דער קוק איז בייז. און ער רעדט מיט כעס, ווי תמיד, און גיט־אפ דעם „גוט־יום־טוב" מיט אזא טאן, ווי ער וואלט געשאלטען אין טאטען אריין.

— א גוט יום־טוב! טאמער האב איך אייך אנגעריהרט מיט א קרום ווארט, בעט איך אייך איבער, און ווינש אייך א חתימה טובה.

זיסעל הוסט און קוקט אין האנד אריין, טאמער וועט מען איהם עפיס געבען.

ענטפערט מען איהם מיט א שמייכעל: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיין". — מע גיט איהם א נדבה און מען איז איהם מכבד מיט לעקאך.

מע הוליעט

טיפּען וואָס שטאַרבען-אָפּ

געשריבען לכבוד שמחת-תורה אין יאָהר 1911)

עטליכע ווערטער וועגען די „הוליאַקעס“.

„חברה הוליאַקעס“ — אַזוי רופט מען זיי ביי אונז. דאָס זענען אידען דוקא שטילע מענשלעך און דוקא נישקשה פון אָרעמע לייט און געהערען זיך נישט אָן א גאַנץ יאָהר איינס מיט'ן אַנ־דערען גאָרנישט נישט; נאָר אז עס קומט שמחת־תורה, ווערד מען לעבעדיג־פריילידך, און גלייך ווי מע וואָלט זיך אויפגערעדט: מע נעמט זיך אַרום גאַנץ ברידערליך און מע געהט איבער די גאַסען, טאַנצענדיג און זינגענדיג פריילינכע ניגונים און מע מאַכט פריילידך די גאַנצע שטאָדט. מע קומט אריין צו אַלע בעלי־בתים גוט יום־טוב בעטען, מע רייסט זיך אריין אויך צו די נגידים און מע מאַכט זיי דעם פריילינכען שמחת־תורה'דיגען קידוש, און באַין ברירה מוז געשטעלט ווערען וויין אויפ'ן טיש, אָדער ביער, אָדער פשוט'ער בראָנפען מיט פערבייסען, אַניט קאָנען די הוליאַקעס אַליין נעמען. זיי ווייסען, וואו וואָס עס שטעהט. זיי קאָנען טרעפען צום אויוועז און ארויסנעמען וואָס ס'איז דאָ, ארויסציהען פון די שאַפעס די איינגעמאַכטסען, אַראָפּלאָזען זיך אין קעלער און ארויפטראָגען פון דאָרטען די גוטע „נאַליווקעס“ מיט די שענע געזאַלצענע אוגערקעס מיט די קלוגע געזייערטע אַרבוזעס, וואָס שטעהען ביי די נגידים צוגעגרייט אויפ'ן ווינטער, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס ס'איז גאָרנישט צו גלויבען, אַז אידען קאָנען אַזעלכעס טהון...

דאָס אַליין איז נאָך גאָרנישט. אַמאָל (אוי, אַמאָל!) פלעגט מען אַליין זיין שכור, ווי לוט, און אויך די „נאַטשאַלסטווע“

אַנ׳שכור׳ען אַזוי, אַז זי פּלעגט טאַנצען מיט אַלע אידען, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, אָהן קאַפּאָטעס ביי׳ם נגיד אויפ׳ן דאַך. איצט איז שוין אַנדערע יאָהרען מיט אַנדערע „נאַטשאַל־סטווע״. מען איז געהרען, אַז זי לאָזט חאָטש אידען איין מאָל אין יאָהר זיין שכור און געהן פראַנק און פריי פון שטוב צו שטוב און זינגען פריילּיכע ניגונים. וואָרום אין אַנדערע שטעדט, זאָגט מען, טאָר מען דאָס אויך נישט...

פערשטעהט זיך, אַז פון יאָהר צו יאָהר ווערד ביי אונז די „חברה הוליאַקעס״ שיטערער און ווינציגער. אַ סך זענען אויס־געשטאָרבען, און די, וואָס זענען געבליבען, האַלטען ביי׳ם אָפּ־שטאַרבען. דעריבער איל איך מיך די דאָזיגע בעריהמטע הוליאַקעס צו בעשרייבען, יעדען איינציגען מיט זיין טיפּ און ביי זיין נאָמען — לאָז חאָטש בלייבען אַ זכר, אַ סימן פון דעם, ווי מע הוליעט ביי אידען אין גלות, אַז עס קומט שמחת־תורה.

מע הוליעט

א.

אליק דער מעכאַניק.

פערשטעהט זיך, אַז ער איז אַ שניידער. און נישט נאָר אַ שניידער, נאָר אַ שניידערעל, דאָס מיינט, אַז ער איז אַ קליינטש־סער מיט קורצע פיסעלעך, מיט קליינטשקע הענטעלעך, מיט אַ קליין בערדעלע. נאָר אַ קול האָט ער דוקא אַ געמבע, אַ באַסאָווע שטימע. אַלע וואונדערען זיך: ווי קומט צו אַזאַ קליין אידעלע אַזאַ געדיכטע באַסאָווע שטימע? נאָר קשיות פרעגען איז קיין קונץ נישט. למאי ווי קומט צו אַזאַ קליין אידעלע, ער זאָל אַריינגיסען אין זיך אַזוי פיעל בראָנפען, אַז עס קומט שמחת־תורה?

אָבער טאקי נאָר שמחת־תורה. אַ גאַנץ יאָהר טרינקט ער נישט — נישט קיין בראָנפען, נישט קיין וויין. נישט מחמת ער האַלט ניט פונ'ם ביטערען טראָפּען, נאָר איבער איין אנדער טעם — ער האָט נישט. ער איז נעבאך אַ גרויסער אָרעמאַן. מע קאָן זאָגען, איין אביון. קינדער, קיין עין־הרע, אַ סך. און אַרבייט — וואָס אַ יאָהר, וואָס אַ יאָהר ווינציגער. איין אויס־חאַפּעניש זאָל קומען אויפ'ן „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו”! זינט עס האָט זיך געעפענט אין שטאָדט דער „גאַטאָוויך פּלאַטיעוו”, איינ־געזונקען זאָל ער ווערען, און ס'איז געוואָרען אַ מאָדע פאַרטיגע

קליידער, און נאָך אויף אויסצאָהלען דערצו, האָט אליק דער מעכאַניק פערלוירען איינציגווייז אלע זיינע בעלי־בתים.

וואָלט חאָטש דער „גאָטאָוויך פלאַטיעוו", א מיתה־פּאָהיבעל זאָל אויף איהם קומען, וועלען צושאַרען א מאָל א שטיקעל ארבייט. איז ווי לאַנג קרענקט ער! למאי זאָל א איד פערדיענען א שטיקעל ברויט? אמעהר, לאָז א גוי האָבען פרנסה. א גוי איז בילכער. חאָטש אפילו ס'איז א פערדראָסיגע זאַך. מילא, אז ער האָלט א צושניידער א גוי, איז חאָפּט איהם בעני. א גוי א צושניידער שניידט אויף איין אנדער פאַסאָן. אָבער שטעפּעכטס? פערוואָרפּעכטס? אונטערנייהעכטס? דערויף מוז מען שוין אויך קומען צום גוי? איין עק! איינגנייהען א קנעפּעל, צוסטריגעווען א בענדעל, אויספרעסען א קאָלנער — דאָס קאָן שוין אויך נישט א איד?

וואָלט דער „גאָטאָוויך פלאַטיעוו", דער שלאָג זאָל איהם טרעפען, חאָטש אליין געווען א גוי. איז ניין! דוקא א איד, און נאָך וואָסער א איד! א כשר'ער איד און הייסט רב לייזער. ער איז א געוועזענער חייט, נאָר היינט איז ער א בעל־הבית, א חשוב ביי נאָטשאַלסטווע, און פאָהרט אלע זומער „זאַגראַניצע" און ברענגט פון דאָרטען צו פיהרען אלע יאָהר נייע מאָדעס מיט נייע זשורנאַלען. אין שוהל זיצט ער אויבענאָן. עליות קויפט ער זיך די פעטסטע. שידוכים טהוט ער די שענסטע. אז ער איז געוועזען אמאָל א שניידער, האָט ער שוין לאַנג פערגעסען. דעם נאָמען חייט קאָן ער גאָר נישט הערען. א „נאַש־בראַט" לאָזט ער נישט אויף די אויגען. טרייבט אָרעמע לייט מיט שטעקענס. און גאָט זעהט און שווייגט!

אדרבה, וואָס א יאָהר, ווערד „לייזער גאָטאָוויך פלאַטיעוו" רייכער. צו איהם צוצוטרעטען — דאַרף מען שוין גאָר האָבען א זכיה: א גלעקעל ביי דער טהיר!

א גליק, וואָס ס'איז חאָטש פאַרהאַן איין טאָג אין יאָהר אזעלכער, וואָס מע קאָן דעמאָלט צו איהם צוטרעטען; אָהן זכות־

אבות׳ען, אהן גלעקלעך, אהן קלינגעניש. דאס איז דער טאג פון שמחת־תורה.

שוין אין דערפריה, בעת אנדערע אידען זענען נאך אין שוהל, איז אליק דער מעכאניק, ווי די גאנצע חברה הוליאקעס, לאנג איין אפגעדאווענטער, איין אויסגעטרונקענער און איין איבערגעבי־סענער. און מע געהט שוין ארומגענומען אלע מיט א געזאנג איבער די גאסען, פון איין נגיד צום אנדערען, גוט יום־טוב בעטען. און צום אלעם ערשטען געהט מען צום נייעם נגיד, „רב לייזער גאטאוויך פלאטיעוו" (לכבוד שמחת־תורה האט מען ארפגע־נומען דאס גלעקעל פון טהיר). פון גאנץ פריה אן שטעהט צו־געגרייט אויפ׳ן טיש בראנפען און ביער און וויין א פלעשעל מיט אלערליי פערבייסעכצען. רב לייזער אליין געהט זיי אקעגען מיט א פארטיג שמייכעלע און בעט אליק׳ען, ער זאל מאכען קידוש. מחוט איהם אליק צוליעב און מאכט דעם ברייטען יום־טוב׳דיגען קידוש אויף זיין גראבער באסאווער שטימע, דרעהט און ציקעלט זיך מעשה חזן, און די חברה הוליאקעס ענטפערט איהם מיט׳ן כאהר, ווי זינגערלעך דעם חזן:

— א־א־א־מ־ן!

„לייזער גאטאוויך פלאטיעוו" קלויבט כלומרשט נחת פונ׳ם קידוש, און לייזעריכע כלומרשט קוועלט אויך, ציטערט, מע זאל איהר נישט פערגיסען דאס טישטוך, נישט צעברעכען א גלעזעל, אדער חלילה איין אנדער שאדען. אוןביידע שעצען זיי זיך גליקליך, אז זיי דרעהען זיך ארוים פון אליק׳ען אהן א סקאנדאל. וואָרום אליק דער מעכאניק, אז ער איז רעכט אונטער׳ן גלעזעל און ווערד גוט פערקנאקט, קאן ער דערצעהלען דעם נייעם נגיד מיאוסע מעשיות. ער קאן איהם אננעמען פאר א האנד און זאגען איהם דעם גאנצען פסוק גאנץ איידעל און פערשטעלט:

— הער זשע אויס, ברודער גאטאוויך פלאטיעוו! חאטש דו ביזט די כפרה פאר א גוי, די כפרה מעגסט דו זיין פאר אלע גויים, און חאטש דו האסט פיינט א אידען ערגער ווי א איד חזיר,

נאָר אַזוי ווי מיר האָבען היינט יום־טוב אויף דער גאַנצער וועלט, און אַזוי ווי דו האָסט אונז מכבד געווען מיט לעקאַך און בראָנפען, טאָ לאָמיר טרינקען לחיים, און לאָמיר זיך ווינשעווען דערלעבען איבעראַיאָהר שמחת־תורה, און זיין די אייגענע אידען וואָס מיר זענען, און לאָמיר זיך צעקושען אין די פּיסקלעך, און לאָז די וועלט נישט וויסען, אַז דו ביזט אַ חייט בן חייט, און אַ פּארך, און אַ שונא־ישראל, און אַ רוח אין די שונאים'ס טאַטענ'ס טאַטען אריין!

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט'ן נייעם נגיד, לאָזט זיך חברה הור־ליאַקעס מיט אַ געזאַנג צו די איבעריגע נגידים. דאָרט ווערד דער קידוש איבערגע'חזר'ט נאָך אַ מאָל מיט'ן זעלבען פּאַראַד און מיט'ן כּאָהר. דערצו ווערד צוגעזעצט נאָך אַ פּאָר שטיקלעך פון ימים נוראים, וואָס אליק איז דערויף אַ גרויסער קינצלער, און אַז איהר וועט איהם שטאַרק בעטען, וועט ער אייך בעווייזען, ווי אַזוי איין ערשטלינג געהט צו קינד, און נאָך אַזעלכע שטיק, אבי צו משמח זיין דעם עולם, מאַכען איהם לעבעדיג־פריילין, וואָרום ס'איז שמחת־תורה — און שמחת־תורה דאַרף מען הוליען און הוליען.

ב.

קאַפּעל בעל־מות.

אַזוי רופט מען איהם דערפאר, ווייל ער האָט אַ גרויסען שטערן און אַ גלאַנצענדיגען. „אַ שטערן, ווי ביי אַ מיניסטער", — זאָגט מען אויף איהם. קאַפּעל איז אָבער נישט קיין מיניסטער. קאַפּעל איז אַ בעל־מלאכה. אַ שוסטער איז ער.

בטבע איז קאַפּעל אַ איד אַ בעל מרה־שחורה. שטענדיג פערזאָרגט, פער'חושכ'ט, אָפּגעריסען, געשטימט טרויעריג, פּעסי־מיסטיש.

פון וואַנען נעמט זיך עס? אפשר דערפון, וואָס ער קוקט אויף דער וועלט כל ימיו פון אַ פינסטערען קעלער? דאָרט איז זיין ווארשטאַט, דאָרט קלאַפּט ער פלעקלעך. דאָרט איז זיין היים, דאָרט לעבט ער. שוסטעריי איז נישט שניידעריי. אַ שניידער מוז האָבען ליכט; אַ שוסטער קאָן זיך בעגעהן אין דער פינסטער.

דאָס הייסט, אז מע וויל צוריק, בעדאַרף אַ שוסטער אויך צו זעהען, וואוהין ער שטעכט מיט דער נאָל און וואוהין ער קלאַפּט אַ פלעקעל. נאָר דערצו איז גענוג אַ קליין פענסטערעל, אַ קוואַ־טירעל, וואָס קוקט דורך אַ געל־גרינבליך גלאָז אין דרויסען אַרויס. אַ מענש, וואָס זיצט־אָפּ אַזוי פיעל יאָהרען אויף אַ קיילעכיג לעדערן זעסעל און קלאַפּט מיט'ן האמער אין דער פינסטער, קאָן נישט זיין קיין אָפּטימיסט.

און אפשר נעמט זיך זיין מרה־שחורה דערפון, וואָס גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַ ווייב אַ צרה, וואָס אַחוץ דעם, וואָס זי בעגראָבט איהם אַ לעבעדיגען, האָט זי אין זיך נייען מאָס רעד, דאָס מויל מאַכט זיך איהר נישט צו?

„שרה די זאָגערין״ — אזוי רופט מען זי צווישען די שכנים, ווארום זי האָט אַ מענה־לשון און רעדט אָהן איין אָפּשטעל. עס געהט ביי איהר געבונדען און געקייטעלט, און עס לאָזט זיך ביי איהר נישט אויס, ווי פון אַ קוואַל.

מיר קאָנען נישט פאָדערען פון אונזער פריינד לעזער, אַז ער זאָל אונז גלויבען אויף נאמנות. ער איז עס נישט מחויב. דער־דיבער געבען מיר דאָ אַ מוסטער פון׳ם מענה־לשון, וואָס „שרה די זאָגערין״ לעגט־אָוועק אין אַ שענעם פריהמאָרגען, בעת קאָפּעל קלאָפּט מיט׳ן האמער און זיינע צוויי שוסטער־יונגען העלפען איהם אונטער, איינער ציהט אַ דראַטווע און דער אנדערער פּוצט אַ פּאָדעשווע. מיינט נישט: שרה אליין זיצט אויך נישט צונויפ־געלעגט די הענד. זי טהוט דריי ארבייט מיט אַ מאָל: מיט די הענד שיילט זי קאַרטאָפּלים, מיט די פיס וויעגט זי אַ קינד און מיט׳ן מויל רעדט זי, און דוקא צו זיך אליין.

— גיט זיך אויס אַ טאָג, איז חאָטש עפּען טהיר און טהויער, ווי אין אַ מאהנהויז, פון כאור אָן הו־הא, אויף און אָפּ, טאָ דער, טאָ יענער, טאָמער איז קארג דאָס קלאָפּען, קלאָפּען זאָל איהם אין קאָפּ, ווי ער קלאָפּט מיט׳ן האמער, איז זי אויך דאָ, טאַקי די שוועסטער זיינע, די קלאפּעטיריכע מיט׳ן צינגעל, ווי אַ גלעקעל דזין־דזין־דזין, אַ גדולה אויף דער באבע, זי האָט אַ בריוועל פון איהר דאָלי, אָנגעקומען אזש פון אמעריקע, קומט איהם אַ דאנק, ער האָט נאָך נישט חאסלירע געהאט, דער שענער מאנדריוק, פאר איין אנדערע דאָרטען, אַ מכה איהם, ווי חיה־קיילע׳ס מאן האָט דאָרטען אָפּגעטהאָן, פארחאפּט זאָל עס ווערען, אָט דאָס אמעריקע טאַקי! ווארום אז מע קומט אהין, פארגעסט מען, אז מע האָט געלאָזט אַ ווייב אין דער היים, גרינגע פייגעלעך, אַ קיש־קיש מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד! נישט אויסצוהאלטען פון דער קורע־לאפּניטשקע מיט איהרע עופות! געהען־ארום הונגעריגע און וויל האָבען פון זיי שמאלץ, חאָטש וועלען אמאָל זיך לעגען אויף אַ טשיקאוועס, שענקען איין איי אויף דער חלה צו באשמירען ביי

דעם דאָזיגען יקרות, וואָס נישט צוצוריהרען זיך, נישט צו קיין איי, נישט צו קיין קארטאָפלי, נישט צו קיין ציבעלע, חאָטש לויף אין דער וועלט אריין, א סיפּע איהם אין פּנים אריין און א גע־שוויר איהם אין זייט, טאַקי דעם גוי, ווי ער איז קליגער געוואָרען, און וויל שוין אָפּנארען א אידען. קאָפּוי או מענע קאורקו נאַ שאָבעס — לאָזט זיך אויס, אז ס'איז אזוי א קאורקו, ווי דו ביזט א רב. א דע טוואָיא קאורקא? — שטופּט זי אין פּנים אריין א קורטשאַטקע די גרוים ווי א מייזעל. חיבא צע קאורקא? צע בלאָכא! — ווערד זי נאָך מלא גזלן און רייצט זיך: או טעבע ראָשע נעמאַ! און באהאַלט דאָס שענע היהנדעל אין בוזעם. א קאָטאַ, צו אַלדי שווארצע יאָהר! נאַ דיר נאָך טאָמער איז קארג, ברוך הבא, א קאָטער האָט זיך פארנאַדעט צו די קעץ, ווי פּייסי חיים'ס צו ריווע־לאה די מאָדניצע, אַלע אין דערפריה און אויף דערנאַכט, ווי א זייגער, שמעקט אין אַלע טעפּ. נישטאָ גאָר־נישט! אויסגעטריקענט! טרוקען זאָל דיר זיין אין הארצען, און אין קאָפּ, און...

— ווענען שעלסט דו דאָס? — טהוט ביי איהר קאָפּעל א פרעג אויף א טשיקאַוועס, הערט־אויף א ווײַלע קלאָפּען מיט'ן האמער און שטעלט־אוועק אויף זיין ווייב דעם גרויסען גלאנ־צענדיגען מיניסטערשען שטערן.

— טאַקי דיך מיט דיינע ממזרים! — ענטפערט איהם שרה, גאָרנישט לאנג געטראַכט, און טהוט זיך איהרע דריי מלאכות ווי פריהער, און איז צופריעדען, וואָס זי האָט פרישען שטאָף אויף איהר מענה־לשון, וואָס ציהט זיך ביי איהר אָהן א סוף און אָהן א ברעג, ווי דער ים, ווי דער אידישער גלות, ווי קאָפּעל'ס דלות. אָרעמער קאָפּעל! וואוהין וואָלט ער נישט געלאָפען, ער זאָל נישט זיין צוגעבונדען אָט צו דעם לעדערנעם זעסעל? מוז ער אָבער פערענדיגען א שטיקעל ארבייט, אניט — וועט ער נישט האָבען אויף שבת, און אז ער וועט נישט האָבען אויף שבת, וועט זיין אָפּגעשניטענע יאָהר פון שרה'ן מיט איהר מענה־לשון.

שוואַרץ, חושך ווי די ערד, זעהט אויס קאַפּעל דער שוסטער, און דערשלאָגען. מע הערט פון איהם קיין פּיפּס. שטיל טראָגט ער אויף זיך דעם גלות מיט'ן דלות מיט אלע צרות, שטיל האַלט ער עס אין זיך. מע בעדאַרף זיין אַ פילאָזאָף, מע זאָל קאָנען האַלטען אין זיך אַזוי פיעל. קאַפּעל בעל־מוח איז אַ פילאָזאָף. אַ שטילער פילאָזאָף און אַ פערזאָרגטער.

נאָר אויב קאַפּעל איז אַ גאַנץ יאָהר פערזאָרגט, איז דאָ אַ טאָג, — און דער טאָג איז שמחת־תורה — וואָס ער איז פריילּיך. וואָס זאָג איך פריילּיך? נייגעבוירען, אויסער זיך, משוגע, ריין משוגע! שטעלט אייך פאָר קאַפּעל בעל־מוח צווישען חברה הור־ליאַקעס מעהר הוליאַק פון אלע הוליאַקעס! ער האָט זיך גע־ביטען מיט אליק דעם מעכאַניק מיט די היטלען, — אַז דער האָט אַ היטעל, ווי אַ שיסעל, און יענער האָט אַ היטעלע, ווי אַ פייג די גרויס — קאָן מען נישט פּלאַצען פאַר געלעכטער? טשעפּעט נישט, זיי האָבען זיך געוואָלט בייטען מיט די קאַפּאָטעס אויך, קריכט ניט אליק'ס קאַפּאָטקעלע אויף קאַפּעל'ס געזונדע פּלייצעס.

קאַפּעל דער שוסטער זעהט אויס קעגען אליק דעם שניידער, ווי אַ גלית הפלשתי. עס איז דעריבער אַ קאָמעדיע אָנצוקוקען, ווי די צוויי נעמען זיך אַרום ברידערליך, געהען טאַנצען איבער די גאַסען. און חאָטש קאַפּעל האָט אַ קול פון אַ ריקבעט, מע קאָן זאָגען, כמעט גאָר קיין שטימע נישט, פון דעסטוועגען טהוט ער זיך אָן אַ כוח און העלפט אליק'ען זינגען, ווי אַ געטרייער משורר דעם חזן. און אַז אליק שטעלט זיך אוועק מאַכען דעם פריילּיכען קידוש, האַלט איהם קאַפּעל אונטער: „באָם!" און אַז אליק האָט געענדיגט דעם קידוש אויף זיין באַסאָווער שטימע מיט אַ גע־דרעהטען „מקדש ישראל" און מיט אַ ציקעלדיגען „ו־ה־ז־מ־נ־י־ם", און וויל צוטראָגען דעם כוס צו די ליפּען, חאַפּט־אויס קאַפּעל ביי איהם דאָס גלעזעל פון די הענד, און איידער מע קוקט זיך אַרום, איז שוין קאַפּעל מיט'ן כוס פאַרטיג. ער האַלט שוין נאָר ביי לאָזען זיך אין אַ טענצעל. דערווייל טרייבט ער אונטער

אליק'ען, אז אליק זאָל זינגען, וועט ער איהם העלפען. מהומט איהם אליק צוליעב, און ביידע זינגען זיי אַ יום־טוב'דיג ליעד און די גאַנצע חברה הוליאַקעס העלפען־אונטער, וועד מיט'ן קול און ווער מיט'ן פּליעסקען פון די הענד. אָט דאָס איז דאָס ליעד, וואָס זיי זינגען:

אתה בחרת־ת־נו
מכל הע־מים.
איזאַ ווסיעך נאַראָ־דאָ־ראַדאָוו
טי נאַס פּאָליוביל.

— שטאַרקער, אידען, שטאַרקער! — שרייט קאַמעל בעל־מוח, און דער שטערן ביי אהים שוויצט סכנות. — נישט געזאָרגט, ברידער! דער עיקר — נישט געזאָרגט זיך, און נאָר געזונגען, און נאָר געטאַנצט, און נאָר געהוליעט, און נאָר געהוליעט!

ג.

מענדעל דער בלעכענער.

ריכטיגער וועט זיין — דער בלעכער, מחמת מענדעל איז פון פאך א בלעכער. נאר מע האט איהם א נאמען געגעבען ביי אונז „דער בלעכענער", ווייל ער זעהט אויס גלייך, ווי ער וואלט געווען געמאכט פון בלעך.

א הויכער איד, א גלייכער, א טרוקענער, אנגעטהאן אין א לאנגער הארטער בלעכענער נאקידקע. א בלעכען פנים, א בלע־כענע באָרד, און אפילו א קול אויך פון בלעך — א בלעכען קול.

זיין ארבייט — איז סאמאווארען. ער גלייזט, דאס הייסט, ער ווייסט־אויס סאמאווארען. נאר אזוי ווי סאמאווארען גלייזט מען ביי אונז, מיינסטענס, נאר אויף פסח, איז די גאנצע שפע ביי איהם ערב פסח, און אין די איבעריגע טעג פון א גאנץ יאהר קוקט ער נישט אן קיין סאמאוואר אין די אויגען. ביי אזעלכע גאל־דענע געשעפטען וואלט מענדעל דער בלעכענער געהאט א ברירה צו שטארבען א גאנץ יאהר פון הונגער, ווען ער זאל נישט האבען אין האנד נאך עטליכע פרנסות.

למשל, ער קאן היילען בהמות, מאכען, זיי זאלען זיך מעל־קען, און נאך אזעלכע זאכען. וואס פאר א שייכות האט דאס צו בלעכעריי? — קיין שום שייכות נישט. נאר אז א מענש האט א טאלאנט צו נאך עפּים — וואס מאכט עס קאלי? למאי ער קאן אויסלעגען אויוועגס אויך? אויך צונויפלייטען געבראָ־כענע כלים, אז מע זאל גארנישט דערקענען? צי, אשטייגער, אין פארבעריי, מיינט איהר, האט ער שוין גאר קיין ידיעה נישט? אז מע שמועסט — א מענש קאן אלסדינגג, איז דאך נישט שייך!

פון דעסטוועגן, שרעקט אייך נישט. פון די אַלע פּרנסות האָט מענדעל דער בלעכענער קוים־קוים וואַסער אויף קאַשע, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, אי דאָס — מוז איהם אַמאָל אונטער־העלפען זיין ווייב ריסעל.

ריסעל איז אַ באָבע (אַ הויבאַמע), נאָר אָהן פּראַקטיקע, נישט מחמת זי איז אַ שלעכטע הויבאַמע, נאָר איבער די אַקושערקעס. עס איז געוואָרען די לעצטע צייט ביי אונז אַ גערעט אויף אַקושער־קעס. נישטאָ ביי אונז כמעט אַ אידישע שטוב אָהן איין אַקושער־קע. אַ איד האָט דריי טעכטער, זענען צוויי פון זיי אַקושערקעס און די דריטע שטודיערט אויך אויף אַקושערקע.

— אַ שטאָדט פון אַקושערקעס! — זאָגט מענדעל דער בלעכענער און איז אין כעס און פייערט מיט סכנת־נפשות. — אויף יעדער געווינערין צוויי אַקושערקעס, און מיט דער געווינע־רין — דריי, וואָרום די געווינערין אַליין איז אויך איין אַקושערקע.

אזוי קריטיקירט מענדעל די אַקושערקעס. מענדעל איז בכלל אַ שאַרפער קריטיקער. נישטאָ אַ זאַך, וואָס מענדעל זאָל נישט קריטיקירען. נישטאָ אַ מענש, וואָס מענדעל זאָל געפינען אויף איהם אַ זכות, זאָגען אַ גוט וואָרט. אַזאַ טבע ביי איהם. עס גיט זיך אוים אַ מענש, וואָס עס געפעלט איהם נישט קיינער און ער איז מיט קיין זאַך נישט צופריעדען. למשל, לאָז געהן אַ רעגען אין דרויסען, וועט אייך מענדעל נישט זאָגען, אז עס געהט אַ רעגען, נאָר אַ „מבול"; און, פאַרקעהרט, לאָז נישט געהן קיין רעגען, איז אויך שלעכט: „איין אויסטריקעניש, אַ דערשטיקעניש, אַ מדבר!" קיינמאָל וואַרעמט נישט ביי איהם די זון, נאָר זי „ברענט", זי „שרפה'ט". אַ שניי איז ביי איהם אַ „פערשיטעניש". אַ פראָסט אַליין איז איהם קאַרג; ער מוז צוגעבען דאָס וואָרט: „אַ ברענענדיגער". שטאַרבט, חלילה, אַ מענש אין שטאָדט — הייסט עס ביי איהם אויף זיין לשון: „דער עולם טראָגט זיך אָפּ, מע פּאַלט, ווי פליעגען"... זיין אויף אַ לויה, קומען יענעם מנחם־אבל זיין, אָדער אַ קראַנקען מבקר־חולה זיין — דערויף איז מענ־

דעל תמיד פונ'ם ערשטען מנין. זיין טרייסטען, זיין אויסרעדען דאס הארץ בעשטעהט אין דעם, אז „עס קאן נאך זיין א סך ערגער, ווי עס איז״. א צאהן לאז אייך וועה טהון, וועט אייך מענדעל זאגען: „אט דאס הייסט ביי אייך צייהנוועהטיג? צייהנוועהטיג פרעגט מיך!״ און ער וועט אייך דערצעהלען, וואס ער האט גע־האט פון א צאהן, אדער ער וועט אייך איבערגעבען פון זיינעם א בעקאנטען, וואס איז שיער נישט געשטארבען פון א צאהן, שוין געוועזען פערביי, נאר מע האט איהם אפגעשריגען...

אדער פרובט זיך קלאגען פאר איהם, אז איהר הוסט, וועט ער אייך באלד א פרעג טהון: „מיט בלוט?״... דאס איז נישט, ווייל מענדעל איז אזא שלעכטער בטבע און וויל, אז איהר זאלט, חלילה, הוסטען דוקא מיט בלוט. ניין! נאר ס'איז ביי איהם אזא כאראקטער, זעהען יעדע זאך אינ'ם ערגסטען צושטאנד און לעגען יענעם שטיינער אויפ'ן הארצען. ער קאן אנדערש נישט. א געבוירענע זאך — פארפאלען.

היינט געה רעכט זיך, אז אזא מיזאנטראפ, ווי מענדעל דער בלעכענער, וועט ער זיין שמחת־תורה צווישען חברה הוליאקעס א גאנצער קונצענמאכער, א קאמעדיאנט און א פערשלעפטע קרענק!

קומט שמחת־תורה, ווערד מענדעל א דייטש. דאס הייסט, ער פערשטעלט זיך אויף דעם טאג פאר א דייטש און רעדט נישט קיין אנדער שפראך, אויסער דייטש. די לאנגע בלעכענע נאקידקע האט ער אונטערגעבונדען, געמאכט פון איהר א פידזשאק, די פאות האט ער פערלעגט אהינטער די אויהערען — קיין סימן פון קיין פאה, און א קאפעליש האט ער אנגעטהאן — אידען! פון וואנען נעמט זיך אזא קאפעליש אויף דער וועלט? וואו האט ער איהם אויסגעקראצט? כלומרשט א צילינדער־הוט, נאר צע־קנייטשט, צעשטעכערט, און הויך, ווי א קוימען, און אהן א דעק, מיט א לאך פון אויבען — טאקי ווי א קוימען. א פאבריטשנער קוימען. און חאטש דער דאזיגער קוימען איז שוין גוט בעקאנט אין שטאדט פון פאר־א־יאהרען, פון פאר־צוויי־יאהרען און פאר־

דריי־יאָהרען שמחת־תורה, פון דעסטוועגען בעגעגענט מען מענדלען מיט דער זעלבער גדולה און התפעלות, וואָס פאר־אַ־יאָהרען, פאר־צוויי־יאָהרען און פאר־דריי־יאָהרען, און חברה קונדסים מאכען איהם די אייגענע אָוואציעס, וואָס אלע שמחת־תורה.

— א גוט יום־טוב, דייטש! הוררא, קוימען! הוררא, קאַ־פעליש!

נאָר מענדעל דער בלעכענער ענטפערט זיי נישט. מענדעל האָט נישט צו טהון מיט קונדסים. מענדעל איז בעשאפען געוואָרען אויף צו משמח זיין גרויסע. די גאנצע שטאָדט בעדאַרף זיך מיט איהם פרייהען. עס ווערען ארויסגעטראָגען אלע טישען מיט אלע בענקלעך פון שטוב, און מענדעל דער בלעכענער (איצט שוין „מענדעל דער טייטש") מיט'ן קוימען אויפ'ן קאָפ, איין האנד פאָר־באָקאָם, אין דער אנדערער האנד א פלעשעל, טאנצט א „דייטש" און זינגט א דייטשעס ליעדעל:

זענען מיר דייטשען
און האבען קיין זאָרג.
נישטאָ קיין מזומן —
נעמען מיר אויף באָרג.

און די איבעריגע חברה הוליאַקעס האפען־אונטער:

בים־באָם, בים־באָם,
בים־בים, בים־באָם!

און מענדעל זינגט ווייטער:

זענען מיר דייטשען —
איינס, צוויי, דריי, פיער.
גיט מען נישט קיין בראָנפען,
טרינקען מיר ביער.

חאפּט־אונטער די חברה הוליאַקעס:

בים - באָם, בים - באָם,
בים - בים, בים - באָם!

און מענדעל זינגט ווייטער:

זענען מיר דייטשען,
אונז קען גרויס און קליין;
וויל מען אונז נישט געבען,
נעמען מיר אליין.

און חברה הוליאַקעס חאַפּען־אונטער:

בים - באָם, בים - באָם,
בים - בים, בים - באָם!

און אַזוי ווייטער. פּלוצים שטעלט זיך מענדעל אָפּ:

— אידען! איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס איז נאָך דאָ בעסערס אויף דער וועלט, ווי אַז מען איז אַ איד? ניין. איך פרעג נאָר איין זאַך: וואָס קאָן זיין בעסער, ווי אַז מען איז אַ איד?

דער עולם איז מסכים, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מען איז אַ איד, און מע ווערד וואָס ווייטער אַלץ לעבעדיגער און פריילינכער; די פיס הויבען זיך אַליין, און עס גלוסט זיך אַלעמען מיט איהם חאַפּען אַ טענצעל. נעמט מען זיך מיט איהם פאַר די הענד, און מע מאַכט אַ ראָד, און מע דרעהט זיך, און מע טאַנצט, און מע טופּעט מיט די פיס, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

ו.

משה־יענקעל דער אַפּיקורס.

שוין אַ איד אין די יאָהרען, נאָר ער האַלט זיך יונג. ער האָט נאָך נישט אפילו איין גרויע האָר אין באָרד. אַזאַ משפחה ביי זיי. שטאַרבען — און ווערען נישט גרוי. איין זאַך נאָר, וואָס דאָס פּנים איז איהם חאָטש געקנייטשט. זעהט אויס, ווי אַ געזייערטער עפּעל, ווי זויערע קיסליצע. אַנגעטהאָן געהט ער אַ לאַנגע קאַפּאָטע, טראָגט שיך און זאָקען און געהט־אום אַ פערטראַכטער אין עולמות.

ער איז אַ זייגערמאַכער און הייסט משה־יענקעל, נאָר רופען רופט מען איהם „דער אַפּיקורס“.

מחמת ער איז אַ זייגערמאַכער און ווייסט דעם גאַנג פון די רעדלעך און פערשטעהט דעם שכל פונ׳ם מעכאַניזם, פאַר וואָס עס דרעהט זיך, האָט ער אַ ידיעה אין אַזעלכע זאַכען, וואָס פאַר איין אַנדערען איז דאָס אַ סוד. און מחמת ער האָט צו טהון מיט שקיעת־החמה, ווייסט, ווען די זון זעצט זיך און ווען זי געהט אויף, פערשטעהט ער שוין במילא דעם שכל, פאַר וואָס איז ביי־טאָג — טאָג, און ביינאַכט — נאַכט, און למאי איז זומער — זומער, און ווינטער איז — ווינטער, און פאַר וואָס געהט זומער אַ רעגען און ווינטער אַ שניי, און וואָס קומט פריהער: דער דונער אָדער דער בליץ — און נאָך אַזעלכע זאַכען. קורץ: משה־יענקעל דער זייגערמאַכער שמ׳ט פאַר אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און איין אַפּיקורס.

נאָר לא די, וואָס משה־יענקעל איז אַליין אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און איין אַפּיקורס, וואָלט ער אַ בעלן געווען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אויפגעקלערטע, פילאָזאָפען און אַפּיקורסים.

צוליעב דעם האָט ער ליעב, אַז מע קומט צו איהם מיט אַ זייגער פערריכטען, זאָל ער זיך אַוועקזעצען חקירה׳ן, פילאָזאָפירען און אָפּלאַכען פון אַ גוט אויג, און פון אַ חלום, און פון בעגעגענען אַ גלח, און פון לעדיגע עמערס, און אָפּ׳לצ׳עווען, להבדיל, פון אַ גוטען אידען, מאַכען חוזק פון די חסידים.

אָפּלאַכען פון אַ גוטען אידען — דאָס איז ביי איהם אַ גאַנ־צער צימעס. ער קאָן אייך אַרומקלויבען אַרום זיך אַ גאַנץ רעדעל און דערצעהלען אייך אַ מאָדנע מעשה, אָהן איין אָנהויב און אָהן אַ סוף, און שטעלט־אַוועק דערביי איין ערנסט פּנים, קיין שמייכעל אפילו נישט צו טהון, אַזוי אַז איהר קאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס דערצעהלט אייך אַ הייסער חסיד אַ מופת פונ׳ם רבי׳ן.

— פאָהרט ער, הייסט עס, איינמאָל אין וועג — אַזוי הויבט אָן גאַנץ שטיל משה־יענקעל צו דערצעהלען גלייך פונ׳ם מיטען, און איהר זענט שוין אַליין מחויב צו וויסען, ווער איז דער „ער״ — פאָהרט ער זיך אַזוי איינמאָל אין וועג, פרייטאָג איז דאָס געווען פאַר ליכט־בענטשען, פאָהרט ער און פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט. ווערד דאָך זיי קשה — ביז וואַנען? ס׳איז דאָך שוין באַלד שבת? מאַכען זיי צו איהם: וואָס ועט זיין? ענטפערט ער נישט דאָס אַנדערע וואָרט און הייסט פאָהרען ווייטער. העלפט זיך נישט: אַז ער הייסט פאָהרען, דאַרף מען פאָהרען. פאָהרט מען און מע פאָהרט, פאָהרט מען און מע פאָהרט, פאָהרט מען און מע פאָהרט. די זון הויבט שוין אָן צו זעצען זיך. אָט־אָט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה, און עס ווערד נאַכט. ווערד זיי קאַלעמוטנע, הויבען זיי שוין אָן אַ ביסעל שטאַרקער: גוואַלד, וואָס ועט זיין דער תכלית? מע ועט דאָך שוין באַלד־אַ נישט טאָרען! רופט ער זיך אָן: טפּררררו! בלייבט מען שטעהן, שטעהט מען און מע שטעהט, און מע שטעהט און מע שטעהט, און מע שטעהט און מע שטעהט. ווערד זיי נמאס, מאַכען זיי צו איהם: אָט דאָ וועלען מיר האַלטען שבת? זאָגט ער: פאַר וואָס נישט? זאָגען זיי: וואָס הייסט?

נו, און פיש? וואו וועט מען נעמען פיש אויף שבת? זאָגט ער: עס וועט זיין פיש. זאָגען זיי: פון וואנען? זאָגט ער: פון טייך. זאָגען זיי: וואו האָבען מיר א טייך? זאָגט ער: אָט איז דער טייך. כך הוה. מע הויבט אויף די אויגען, — א טייך, א ים, איין אוקינוס! ווערד זיי שוין אביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען. זאָגען זיי: וואו־זשע נעמט מען א גוי? זאָגט ער: אויף וואָס דאַרפט איהר א גוי? זאָגען זיי: ער זאָל אונז חאַפּען פיש. זאָגט ער: און וואו זענט איהר? ווערען זיי מבויש און זאָגען: מיר זאָלען חאָטש האָבען א נעץ. זאָגט ער: נאַט אייך מיין באַטשיילע. האָבען זיי פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט; האָבען זיי גענומען די פּאַטשיילע, און זענען אריינגעגאַנגען מיט דער פּאַטשיילע אין טייך אריין, און זענען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען — נישטאָ קיין סימן פון קיין פיש! דרעהען זיי אוים דעם קאָפּ צו איהם און מאַכען צו איהם: סע שלעכט. זאָגט ער: וואָס איז די שלעכ־טיגקייט? זאָגען זיי: עס חאַפּט זיך נישט. זאָגט ער: עס וועט זיך חאַפּען. און כך הוה. ווי נאָר ער האָט אויסגערעדט די דאָזיגע פיער ווערטער, האָבען זיי גלייך דערפיהלט, אז די פּאַט־שיילע ווערד וואָס ווייטער אלץ שווערער און שווערער, שווערער און שווערער, שווערער און שווערער. איין עק. זיי בלייבען אָהן כחות. ווערד זיי שוין ווידער מאַרקאָטנע אויף דער נשמה. קוקען זיי צו איהם מיט די אויגען, שטויסט ער זיך אָן און זאָגט צו זיי: שלעפּט ווייטער, שלעפּט! און אז ער זאָגט: שלעפּט — דאַרף מען שלעפּען. האָבען זיי זיך א נעם געגעבען מיט די לעצטע כחות און האָבען גענומען שלעפּען, האָבען זיי געשלעפּט און גע־שלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט...

— א, פאַרשלעפּען זאָל מען איהם! אז א וועלט זאָגט „אפּיקורס", זאָל מען גלויבען! — און מע שפּייט־אויס און מע טרעט־אָפּ פון דעם אפּיקורס. נאָר א אידישע נשמה קאָן מען

נישט שאצען. דוקא אט דער אפיקורס, אז עס קומט שמחת־תורה, ווערד אויף איהם א נייע הויט. עס איז איהם גארנישט צו דער־קענען. זיין טרינקען האט קיין שיעור — קיינער פון דער חברה חוליאקעס וועט זיך נישט אונטערנעמען אריינגיסען אין זיך אזוי פיעל משקה, וויפיעל אט דער משה־יענקעל. און משה־יענקעל, אז ער שטעלט אריין די ערשטע עטליכע כוסות, ווערד ער שכור? חס מלהזכיר! — נאר פריילין. ער ווערד אליין פריילין און מאכט דעם עולם פריילין. א גאנץ יאהר איין אפיקורס, און שמחת־תורה איין עהרליכער איד. א גאנץ יאהר א פילאזאף, און שמחת־תורה א מארשעלאק, און נאך וואס פאר א מארשע־לאק! עס איז כדאי אנצוקוקען משה־יענקלען, ווי ער טאנצט מיט א בעזעם אין האנד, מיט איין שטיוועל און מיט איין בארפוס און זינגט א ליטוויש ליעדעל:

האפ - טשוק, בערעל!
האפ - טשוק, שמערעל!
מיט איין בארפוס און מיט איין זאק,
מיט'ן לאנגען יאמשענשטאק,
מיט'ן ווייסען לייבסערדאק...

דערביי ציהט־ארויס אונזער אפיקורס א מורא'דיג לאנגען טלית־קטן און טאנצט אזוי גרינג, ווי א פעדער, קוים־קוים וואס ער ריהרט אן די ערד מיט די פיס. און ער נעמט זיך ארום מיט אלעמען, און ער קושט זיך מיט אלעמען, מיט חסידים און נישט מיט חסידים, און טענה'ט מיט טרערען אויף די אויגען:

— בארעכענט נאר, וואס פאר א גרויסען גאט מיר האבען! וואס פאר א גרויסען גאט, און וואס פאר א שטארקען גאט, און וואס פאר א געוואלטיגען גאט, וואס מע קאן איהם גארנישט משיג זיין מיט'ן שכל! נו, ווי אזוי זאלען מיר זיך נישט איבער־נעמען? ווי אזוי זאלען מיר זיך נישט פרייהען, נישט טרינקען קיין לחיים? לחיים, אידען! לחיים! לשנה הבאה בירושלים!...

דער עולם האָט גאָר פערגעסען, אַז משה־יענקעל איז אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און איין אפיקורס, און מע טרינקט מיט איהם לחיים און מע נעמט זיך מיט איהם ביי די הענד, און מען איז זיך משמח מיט'ן יום־טוב, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

ח.

שעיה־דוד בעל־תשובה.

מסתמא איז ער אין די יונגע יאָהרען געווען א גרויסער בעל־חטא, אז ער איז אויף דער עלטער געוואָרען א בעל־תשובה.

אמאָל האָט ער געהייסען איין אנדער נאָמען: שעיה־דוד דער כלי־זמר. ער איז א כלי־זמר. דאָס רוב כלי־זמר זענען גע־חאַפּט, זאָגט מען. די פּרנסה זייערע איז אזעלכע. מע האָט צו טהון מיט מיידלעך און מיט ווייבלעך. און ווען? אויף חתונות, אויף פאַרשפּיעלען און אויף חתן־מאָלס. פון פרומקייט איז מען ווייט, פון אידישקייט — אָפּגעריסען. היינט די הלבשה זייערע, דאָס אָנטהון זיך ביי זיי איז אומעטום און פון תמיד אָן מעשה פּראַנט.

פאַרהאַן מענשען, וואָס געדענקען נאָך שעיה־דוד דעם כלי־זמר מיט א פּאַטלע האָר אויפ'ן קאָפּ געקרייזעלטע, מיט איין אונ־טערגעהאַקטער קאַפּאָטע, און א שווארצע טענדעווערענדע האָט ער געטראָגען אויף די אכסלען, און דאָס בערדעל — א סברא — איז געווען אונטערגעפּוצט.

היינט האָט ער זיך פערלאָזט באָרד און פּאות, א קאַפּאָטע טראָגט ער א לאַנגע, א אידישע, און איז דער איינציגער צווישען די כלי־זמר, וואָס לאָזט נישט דורך אין דערפריה און אויף דער־נאכט דאָס דאַוונען.

נאָר ס'איז פאַרהאַן אלערליי דאַוונערס אויף דער וועלט. שעיה־דוד דאַוונט נישט, ווי אַלע מענשען. ערשטענס, שרייט ער. ער גוואַלדעוועט אזוי, גלייך ווי דער אידישער גאָט וואָלט שוין באמת געווען אזוי אַלט, אז מע דאַרף צו איהם שרייען.

היינט האָט אָט דער כלי־זמר אַ טבע זאָגען צוויי מאָל אַ וואָרט און צוויי מאָל אַ שורה — ער האָט מורא, טאָמער האָט ער דורכגעלאָזט. לאָז, זאָגט ער, מיינס איבערגעהן: „ברוך ברוך, שאָמר שאָמר, והיה והיה — ברוך שאָמר והיה, ברוך שאָמר והיה... העולם העולם, ברוך ברוך, הוא הוא, ברוך ברוך, גוזר גוזר — העולם ברוך הוא ברוך גוזר, העולם ברוך הוא ברוך גוזר"... משוגע צו ווערען! די, וואָס זיצען נעבען איהם, זאָגען, אַז ס'איז פון איהם נישט אויסצוהאַלטען; ער פערשרייט זיי דעם קאָפּ, און מיט זיין איבער'חזר'ען צוויי מאָל אַ וואָרט שלאָגט ער זיי אָראָפּ, זאָגען זיי, פונ'ם וועג.

וואָס איז די מעשה, וואָס שעיה־דוד איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַזאַ פרומער איד — ווייסט קיינער נישט. אַז איהר וועט איהם פרעגען, וועט ער אייך נישט ענטפערען. און אַז איהר וועט פון איהם לאַכען, וועט ער זיך מאַכען נישט ווּיסענדיג. און בכלל ווייסט איהר נישט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. אַ שטילער איד, אַ פערבאָרגענער, אַ בעל־תשובה.

עפּיס האָט מיט דעם מענשען בעדאַרפט פּאַסירען. אין שטאָדט זאָגט מען, אַז דאָס ווייב האָט איהם אַוועקגעוואָרפען, נאָך אין דער יוגענד. און מיאוס אַוועקגעוואָרפען. אַנטלאָפען מיט אַ „פּאָמאָטשניק פּריסטאַוו". געזעסען אין שכנות, אַ שטילער גוי. ליעב געהאַט אַ אידען. געה ריכט זיך, אַז ווען מע וועט איהם אַריבערפיהרען אין איין אַנדער שטאָדט, וועט ער איבעררעדען שעיה־דוד דעם כלי־זמר'ס ווייב, זי זאָל מיט איהם מיטפאָהרען. וואָלט דאָס חאָטש געווען בייטאָג, וואָלט זי אפשר שעיה־דוד איבערגערעדט צוריק, אָדער פערהאַלטען מיט גוואַלד. האָט זיך עס אָבער בעדאַרפט טרעפען ביינאַכט, און נישט אין אַ פּראָסטען טאָג, נאָר אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס, — געה פאָהר איהר נאָך! דער בזיון איז געווען גענוג גרויס, און דער וועהטיג נאָך גרעסער. זי האָט איהם איבערגעלאָזט אַ קינד נאָך אין די וויקעלעך. אויפ'ן קינד האָט די שטאָדט געשמועסט, אַז . . . נאָר

וואָס מע קאָן ביי אונז אין שטאָדט אויסטראַכטען!... דאָס קינד איז געוואַכסען און אויסגעוואַכסען. אַ מיידעל, און נאָך אַ יפת־תואר דערצו, געראָטען אין דער מאַמע, אינגאַנצען די מאַמע, אפילו מיט'ן כאַראַקטער... שוין געווען אַ כלה, געהאַט אַ גאַנץ פיינעם חתן — וועט איהר הערען. געהט זי און וואַרפט אַוועק דעם חתן מיט'ן טאַטען און טהוט אָפּ אַ זאַך, וואָס נאָר אַזאַ מיידעל, וואָס האָט אַזאַ מאַמע, קאָן אַזעלכעס טהון. לאַנג דערצעהלען אייך בעדאַרף מען נישט, עס איז שוין איין אַלטע מעשה. די שטאָדט האָט שוין לאַנג פערגעסען. נישט פערגעסען האָט עס נאָר דער פאָטער. ווי קאָן אַ פאָטער פערגעסען איין איין־און־איינציג קינד, זי מעג זיין די גרעסטע בעל־עבירה'ניצע, די שענד־ליכסטע פערברעכערין אין דער וועלט? פאָרט אַ קינד!

אמת, שעיה־דוד האָט נאָך מיט קיין מענש דערפון נישט גערעדט. מיט וועמען וועט ער רעדען, איין עלענדער און אַ פער־באַרגענער? און ווער וועט איהם פרעגען אַזאַ זאַך? ווער וועט איהם געהן זאָלצען אויף די וואונדען? און וואָס וועט העלפען דאָס רעדען? אַ גליק, וואָס עס מאַכט זיך אַמאָל אַ חתונה, אַ מאָר־שפּיעל און אַ חתן־מאָל און מע דאַרף געהן שפּיעלען. שפּיעלען איז שעיה־דוד געגאַנגען אויף דער אַנדערער וואָך נאָכ'ן אומגליק. וואָס זאָל מען טהון? — פרנסה! נישט געהן שפּיעלען — וועט מען איהם אַרויסוואַרפען פון אָרקעסטער. איצט האָט ער שוין פאַר אַרויסוואַרפען קיין מורא נישט. שוין באַלד פופציג יאָהר אַז אַ מענש שפּיעלט. מאָהלט אייך, אַלץ הייסט געשפּיעלט. אַמאָל, אין דער יוגענד, קאָן זיין, האָט ער אפשר געשפּיעלט. היינט רימפּעלט ער. ער האַלט־צו אויף דער צווייטער פיעדעל, אויף דער סעקונדע.

ראַם־טאַם, טאַם־טאַם

ראַם־טאַם, טאַם־טאַם

און בשעת רימפּלען מאַכט זיך, אַז שעיה־דוד הויבט־אָן צו דרימלען, בעקומט ער מיט'ן שטעקעלע פון פּרץ דעם דירידזשאָר

איבער דער נאָז: „רב זייט־זשע־מוחל, שטעהט אויף צו סליחות". חברה כלי־זמר האָבען דען זייטען פון שעיה־דוד'ען? מע טהוט איהם, וואָס מע טהוט קיין אידען נישט. מע גנבה'ט אוועק ביי איהם די קאָנעפאָליע, אַמאָל שמירט מען איהם אָן דעם סמיטשיק מיט פוטער, מע לעגט איהם אריין א קאַץ אין שיידעל — און שעיה־דוד זאָל דאָס איבערקעהרען די צונג! א שטילער איד, א „פערביסענער" — זאָגען אויף איהם חברה כלי־זמר און טהוען איהם צום טויט.

מעהר פון אַלע דעקוטשעט איהם „פּרץ דער דירידזשאָר" פאַר זיין פרומקייט. פּרץ איז אַ יונגערמאַן אַ שטשאָגעל מיט אַ געל אונטערגעשוירען בערדעל, מיט קלייען אויף די הענד, האַלט זיך פאַר אַ גרויסען מוזיקער, „סאָטשיניאַעט נאָטען" און מאַכט בעת דיריזשירען אַזעלכע אַנשטעלען מיט'ן אָרקעסטער, אַז מע קאָן שטאַרבען! ביי פּרץ'ען אַרבייט נישט נאָר דאָס שטעקעלע — ביי איהם אַרביימען די הענד, און דער קאָפּ, און די אויגען, און די ברעמען, און די נאָז, און די פּיס, און וואָס איהר ווילט. דאָס שפּיעלען, זאָגט ער, מאַכט איהם נערוועז. נאָר חברה כלי־זמר רופען עם משוגע. און זיין משוגעת לאָזט ער אויס, מיינסטענס, צו שעיה־דוד'ען. איהם לאָזט ער נישט אָפּ אויף קיין מינוט. „רב זייט־זשע־מוחל" — קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט ביי'ם „דירידזשאָר".

— רב זייט־זשע־מוחל, פאַרשפּיליעט די קאַפּאָטע.

— רב זייט־זשע־מוחל, באַהאַלט די ציצה.

— רב זייט־זשע־מוחל, איהר קאָנט שוין געהן דאַווענען.

— רב זייט־זשע־מוחל, וויפיעל קאַפּיטלעך תהלים האָט איהר שוין היינט אריינגעשלונגען אויפ'ן ניכטערען האַרצען?

חברה כלי־זמר ווערען צעשמאָלצען פונ'ם געלען דירידזשאָר'ס חכמות, און שעיה־דוד דער סעקונדניק — שאַ, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען. אַ פערטראָגענער מלאך.

וואָהנען וואָהנט שעיה־דוד אין עס שטאָדט, ערגיץ ביי אַ גוי, קאָכט זיך אַליין אָפּ דאָס עסען אין אַ טעפּעלע און טהוט אַליין אַלסדינג, וואָס מע דאַרף. זומער קאָנט איהר איהם בעגעגענען געהן פונ'ם מאַרק מיט אַ דיני אָדער מיט אַ רעטאַך אונטער'ן אָרעם. געהט שטילע טריט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, און געקומען אַהיים, זעצט ער זיך אַוועק אָדער דאַווענען, אָדער זאָגען תהלים שטילערהייד אויף אַ ניגון, און צוויי מאָל אַ וואָרט, ווי זיין שטייגער איז: „אשרי אשרי, האיש האיש, אשר אשר, לא לא, הלך הלך — אשרי האיש אשר לא הלך, אשרי האיש אשר לא הלך"... אַ שטילער בעל־תשובה!

פּלוצים וואַכסט־אויס אונזער שטילער בעל־תשובה מיט אַ גאַנצען קאָפּ העכער, און פּלוצים חאַפּט ער זיך אויף, ווערד מונ־טער, לעבעדיג און פריילּיך.

דאָס איז אינ'ם טאָג פון שמחת־תורה.

ווער רייסט זיך אַריין אַ פּאַרטיגער, אַ פּערקנאַקטער מיט די הוליאַקעס אין שוהל אַריין, בעת דער עולם איז נאָך ניכטער און דאַוענט נאָך? ווער שלעפּט־אָפּ דעם חזן פונ'ם עמוד און שטעלט־אַוועק אויף זיין אָרט אַליק דעם מעכאַניק, אז ער זאָל זיך צעבאָמ־קען אויף זיין באַסאָווער שטימע און חברה הוליאַקעס זאָלען איהם אונטערהעלפען מיט'ן גאַנצען פּאַראַד? ווער שטעלט זיך אַוועק ביי'ם אָרון־קודש אויסטיילען די פּסוקים פון „אתה־הראית" צווי־שען די הוליאַקעס?

קיינער נישט, נאָר שעיה־דוד דער כלי־זמר. אָט דער שטילער בעל־תשובה, וואָס מע הערט פון איהם קיין הויך וואָרט אַ גאַנץ יאָהר, איז דאָס מיט אַ מאָל געוואָרען אַ גאַנצער ברעכער, אַ קאָ־מאַנדיר, אַ רעדעלפיהרער. ער רופט־אַרויס מיט אַ ניגון די חברה הוליאַקעס איינציגווייז און איז מכבד יעדען מיט אַ פּסוק פון „אתה־הראית":

— איז מען מכבד התורני רב אליק מעכאַניק מיט'ן ער־שטען פּסוק פון אתה־הראית!

— איז מען מכבד התורני הסנדלר רב קאפּעל בעל־מח מיט'ן צווייטען פּסוק פון אתה־הראית!

— איז מען מכבד התורני הסאמאָווארניק רב מענדעל דער בלעכענער מיט'ן דריטען פּסוק פון אתה־הראית!

און אזוי ווייטער. מען איז שטאַרקער פון אייזען, אז מע האָלט דאָס אוים! נאָר מע האָט געדולד. מע לאַכט און מע קוקט, וואָס וועט זיין ווייטער. דער עולם ווייסט שוין פריהער, וואָס וועט זיין ווייטער. מע געדענקט דאָס פון פאַר־א־יאָהרען שמחת־תורה; מע ווייסט, אז נאָכ'ן אויסטיילען די פּסוקים פון אתה־הראית וועט שעיה־דוד דער כלי־זמר נעמען אויסטיילען אויך די הקפות צווישען דער חברה הוליאַקעס, מיט'ן זעלבען ניגון און מיט'ן אייגענעם סדר, וועמען די ערשטע און וועמען די צווייטע און וועמען די דריטע הקפה, נאָר זיך לאָזט ער אויפ'ן סוף און גיט זיך אליין אויך אַפּ כבוד:

— איז מען מכבד התורני הכלי־זמר רב שעיה־דוד מיט דער לעצטער הקפה!

און נאָכדעם נעמט מען זיך אלע חברה הוליאַקעס פאַר די הענד, און מע געהט ארום באַלעמער א ראָד, און מע זינגט „עוזר־דלים", און מע טאַנצט, און מע פרייהט זיך מיט דער תורה, און מעהר פון אלעמען — שעיה־דוד דער בעל־תשובה. ער האַלט צוגעטוליעט די ספר־תורה נאָהענט צום הארצען, ווי מע טוליעט צו א קינד א טרייסט.

— פרייהט זיך, אידען, מיט גאָט'ס תורה! — שרייט שעיה־דוד אויסער זיך פון התפעלות. — הוליעט, אידען, הוליעט! קיינער האָט נישט אזא תורה!

און מע פרייהט זיך מיט דער תורה, און מע טאַנצט מיט איהר, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

ט.

רבינו יונה.

או באניו — אין באָד אריין!
אידעלעך, פאמיטסא,
שמייסען זיך, פאסטריטסא,
קאָסטאָטשקי פאפראַוויט,
צרות טאם אָסטאַוויט,
או באניו — אין באָד אריין!

אָט דאָס ליעדעל קאָנט איהר ביי אונז הערען יעדען ערב־שבת און יעדען ערב יום־טוב.

דאָס זינגט יונה דער בעדער, א איד איין אַטלעט, א באָרדיגער, א האָריגער, א געלער, מיט געלע געדיכטע ברעמען, מיט זעהר א זיסער שטימע, האַלב אויף גוי'יש, האַלב אויף אידיש — בכדי יוצא צו זיין לכל הדעות, פאר אידען ווי פאר נישט אידען, וואָרום חאָטש אונזער באָד איז א קהל'שע באָד, געבויט פאר אידיש געלד פון אידענ'ס וועגען, און ווערד געהייצט אַלע ערב־שבת, אייגענטליך, פון אידענ'ס וועגען, דאָך איז אונזער באָד אָפען פאר אַלעמען, אָהן א שום אונטערשיעד און אָהן א שום פראָצענט־נאָרמע פאר „פרעמדע"... און בכדי אַלע טאַקי זאָלען וויסען, וואוהין מע רופט זיי, האָט יונה דער בעדער אָנגעהאָנגען אויף א גאַנץ הויכען שטעקען א בעזעם — איין עמבלעם אויף אין באָד אריין.

דערזעהען דעם בעזעם און דערהערט יונה דעם בעדער'ס געזאַנג, פיהלען אידישע קינדער בעציייטענס דעם טעם און דעם ריח און דעם תענוג פון באָד, און עס מאַהלט זיך זיי אויס, אז אָט

ליגען זיי שוין אויף דער אויבערשטער באַנק, אײַנגעהילט אין אַ געדיכטער היץ, מע זעהט נישט איינס דאָס אַנדערע, און איבער זיי, אין דער הויך, נעוועלטיגט יונה מיט'ן בעזעמעל, פּאַרעט זיי, בעזעמט זיי, שמייסט זיי און דרעשט זייערע לייבער און רעדט בעת מעשה איבער זיי העכער האַלב אויף רוסיש, ווי זיין שטייגער איז: „עך, דערזשים, בראַטצי, לכבוד שבת באַודיעם פּאַרו פּאַ־דאַוואַט!"...

העכער האַלב אויף רוסיש רעדט יונה דערפאַר, ווייל ער האַלט זיך פאַר איין עכטען פּאַני, פון „טיעף ראַסעיאַ", פון „סימביר". און ס'איז טאַקי אַזוי. דאָס הייסט, אייגענטליך, איז יונה דער בעדער, אויב איהר ווילט וויסען, נאָר אַ אונזעריגער, טאַקי פון אונזער שטאָדט. נאָר ס'איז מיט איהם אַ גאַנצע מעשה, און די דאָזיגע מעשה ווילען מיר אייך איבערגעבען אין קורצע ווערטער.

אַמאָל — שוין לאַנג — האָט יונה געהאַט אויף זיך אַ „דיעלע". וואָס — ווייס מען נישט, נאָר אַ דיעלע. יונה אַליין זאָגט, אַז די דיעלע איז געווען אַ „פּוסטיאַשנע דיעלע". אַ פּוסטיאַשנע, נישט קיין פּוסטיאַשנע — מע האָט איהם געבראַכט צום געריכט, אָפּגע'משפּט און פערשיקט אויף אַ היבש שטיקעל צייט אַהין, וואו מע לאָזט נישט אַריין קיין אידען, סיידען מע האָט איהם געחאַפּט מיט אַ גנבה. און אַז די צייט איז אַוועקגעגאַנגען און יונה האָט זיך בעדאַרפט אומקעהרען צוריק, האָט איהם אונזער שטאָדט אפילו נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צוצושרייבען, און מע האָט איהם דאָך צוגעשריבען, און „יונה דער סימבירניק" איז געוואָרען צוריק אַ אונזעריגער. האָט ער אָבער אין שטאָדט נישט געטראָפען שוין קיינעם פון זייניגע; מען איז זיך צע־קראָכען: דער איז אַרויסגעפאָהרען, דער איז אַוועקגעשטאָרבען. האָט ער זיך אויפגעהאַלטען די ערשטע צייט אין בית־מדרש. נאָר וואָס קאָן טהון אין בית־מדרש, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ איד איין עם־הארץ, וואָס ווייסט נישט קיין צלם פאַר קיין אלף? עס איז נאָר געווען שטאָף פאַר די לצים אויף אָפּצולאַכען,

ווי אזוי א איד א סימבירניק זאָגט עברי, זעצט ווי א באַנדער. און ווי אויף־צו־להכעיס, האָט מסתמא יונה ליעב, ווי אַלע גראָבע יונגען, דאַוונען דוקא הויך אויף א קול, בכדי די גאַנצע וועלט זאָל וויסען, אַז ער קען נישט קיין שטיקעל עברי. אַט דעמאָלט האָט דאָס איהם חברה געקרויינט מיט'ן נאָמען „ר ב י נ ו י ו נ ה", וואָס איז פאַר איהם ווי אָנגעמאָסטען.

— נו, רבינו יונה! זעצט זיך אַקאָרשט, זייט מוחל, אוועק אַט דאָ ביי'ם אויוועו און דערצעהלט אונז עפּיס פון די ווייטע מדינות, פון סימביר... יונגע לייט, דרך ארץ! צערוקט אייך, קוועטשט אייך, מאַכט איין אָרט פאַר רבינו יונה'ן!...

און „רבינו יונה" זעצט זיך אוועק, און חברה — אַרום איהם, און ער דערצעהלט זיי מעשיות פון די ווייטע מדינות, פון די קעלטען, וואָס דאָרטען, און פון דער ארבייט, וואָס מען ארבייט, און פונ'ם עסען, וואָס מען עסט, און פונ'ם שלאָגען, וואָס מע שלאָגט. אין די מעשיות איז דאָ א טייל אמת, א טייל צוגע־שמאַלצען פון יונה'ס פאַנטאַזיע, נאָר חברה הערט זיך צו מיט אינטערעס און מיט פערגעניגען, ווארום „רבינו יונה" האָט אין זיך א כח — ער קאָן דערצעהלען. עס געהט ביי איהם גלאַט, נישט צו דערקענען, וואו לאָזען זיך אויס פאַקטען און וואו הויבען זיך אָן פאַנטאַזיעס... גאַנצע נעכט וואָלט מען, דאַכט זיך, אַזוי געזעסען און אויסגעהערט זיינע שענע מעשיות. איז אָבער דער חסרון, וואָס עס עסט זיך צו. קרעפּלעך עסען, זאָגט מען, קאָן אויך נמאס ווערען. וואָס ווייטער, איז געוואָרען ווינציגער בעלנים אויף רבינו יונה'ס מעשיות, און רבינו יונה איז געוואָרען אויס מיוחס, און דער שמש, אונזער אַלטער בעקאַנטער „געצי־גובער־נאַטאָר", וואָס האָט שוין לאַנג געקוקט קרום אויפ'ן „סימבירניק", חאָטש ער אַליין האָט אויך נישט פיינט געהאַט הערען זיינע מעשיות, האָט געוואָרפען אויף איהם איין אום־חן און האָט גע־זאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: א מקום קדוש איז נישט קיין

הקדש. ווייל א איד שלאָפען, זאָל ער שלאָפען אין דרויסען, זאָל ער גאָרנישט שלאָפען, אבי נישט ביי איהם אין שוהל...

א שווער שטיקעל צייט איז איינגעטראָטען פאַר אונזער „רבינו יונה", א ביטערע צייט. וואָלט ער געווען א איד, וואָס קען לערנען, אָדער וואָלט ער חאָטש געווען א קראַנקער, א בעל־מום, א קאַליקע, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ווי, אשטייגער, „זיסעל דער יורד", וואָלט זיך שוין געפונען א איד, ווי, למשל, „רב רפאל בעל־משגיח", וואָס וואָלט זיך פאַר איהם געזאָרגט, ווי ער זאָרגט פאַר אַנדערע אָרעמע לייט. איז ער אָבער, אויף צו־להכעיס, גלאַט און געזונד און שטאַרק, נישט ווי איין גוי, נאָר ווי צעהן גויים, און געהן בעטלען קאָן ער נישט, חאָטש האקט איהם אָפּ דעם קאָפּ!

ליגענדיג אין דרויסען ביי'ם בית־מדרש מיט א קולאַק צו־קאָפּענס, האָט אונזער „רבינו יונה", וואָס האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס פערבענקט נאָך „יענער ווייטער מדינה", ווי א קליין קינד נאָך א מאַמע, נישט איין מאָל געזעהען אין חלום דאָס ברייטע, דאָס פרייע, דאָס קאַלטע לאַנד פון טאַיגעס און שנייען, און ער האָט זיך פערשאַלטען דאָס געביין — „וועלכער רוח האָט איהם געבראַכט צו טראָגען אהער, אויף זיין „ראָדינאַ", אין אַזאַ העק, א לאָך, וואו אידען ליגען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די הערינג אין א פעסעל, אויף דערשטיקט צו ווערען?!"...

דער גוטער רבונו־של־עולם אָבער פערלאָזט נישט קיינעם. געקומען א צייט אויך אויפ'ן אָרעמען עלענדען „רבינו יונה". איהם האָט געטראָפען א גליק, וואָס נישט ער, נישט קיינער האָט זיך דערויף גערעכט: רב אהרן, דער אַלטער בעדער, זאָל האָבען א ליכטיגען גן־עדן (געווען איין עהרליכער איד), איז אוועקגע־גאַנגען, און ס'איז געבליבען אין שטאָדט א פרייע וואַקאַנס אויף א בעדער. דאַרף מען דען האָבען נאָך א בעסערען פערטרעטער, ווי „רבינו יונה"? ס'איז געווען טאַקי נאָר מן השמים.

— לע ראַא ע מאָר — וויוו לע ראַא! — אַזוי זאָגט דער פראַנצויז. דער טייטש איז: דער קעניג איז געשטאָרבען —

לעבען זאָל דער קעניג. איין מלך אראָפּ, דער אַנדערער ארויף — אַט אזוי פיהרט זיך עס אויף גאָט'ס וועלטעל.

ווי ווייט הויך „רבינו יונה" האַלט די פּאָהן פון בעדעריי — דאָס האָבען מיר געזעהען אינ'ם אָנהויב פון דער דאָזיגער ערצעהלונג פון זיין זינגען און פון זיין רופען דעם עולם „או באניו — אין באָד אריין". נישט דאָס איז אָבער ביי אונז דער עיקר. די הויפּטזאַך איז, וואָס אַט דער „רבינו יונה" איז איינער פון די סאַמע פריילינע און סאַמע טיכטיגע אין אונזער בעריהמטער „חברה הוליאַקעס". ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט, ווי אזוי „רבינו יונה" הוליעט שמחת־תורה, דער האָט קיין שענס נישט געזעהען. א איד, וואָס איז אליין געווען א „פערשיקטער אויף סימביר", אליין „געארבייט טאַטשקע", געטהאָן כל עבודת־פּרך, אויסגעוועזען זיין צייט און געקומען בשלום צוריק „נאַ ראָדינו", אין זיין שטאָדט אריין, צווישען זיינע אידען, זאָל ער נישט זיין פריילין? זאָל ער נישט ארומהאַפּען אלעמען קושען זיך, האָליובען זיך — „עך, בראַטיקי ראָדימיע, גיסט מיר אָן נאָך א גלעזעל וויין!"

א איד, וואָס איז אויסגעשטאַנען אזוי פיעל אין זיין לעבען, וואָס איז שוין געווען, ווי יונה זאָגט אויף זיך, „נאַ קאָניע און פּיד קאָניאָם", זאָל ער נישט אויסרעדען אלעמען דאָס הארץ ביי אזא שלעכטער צייט, זיך אויסלאַכען פון אלע היינטיגע צרות, יסורים און גלות?

— עך, בראַטצי! — טענה'ט זיך אוים „רבינו יונה" אויף זיין געמישטער שפּראַך. — צרות — ניע ביעדאַ! גזירות — פּוסטיאַקי! גלות — נאַפּליעוואַט! אידען זענען מיר געווען — און אידען וועלען מיר בלייבען... א פּאַטאָמו — לחיים, און דאַוואַיטיע לכבוד שמחת־תורה א פריילינם!

אמת, „רבינו יונה" איז נישט מעהר טאַקי ווי א בעדער, און נאָך א „סימבירניק" דערצו. אָבער א איד איז ער דאָך! א איד גלייך מיט אלע אידען, טשאָרט פּאָבערי! איז דען זייער יום־טוב

ניש‍ט זיין יום־טוב? איז דען זייער שמחה נישט זיין שמחה? איז דען זייער תורה נישט זיין תורה?

ראדויסיא, איזראעל,
סעוואָדניא שמחת־תורה!

אזוי זינגט „רבינו יונה" דער בעדער אויף זיין העכסטער אָקטאווע, מיט'ן קנאק און מיט'ן קוויטש, אויפ'ן עכט פּאָנישען שטייגער, און אנו — לאָז עמיצער פון דער חברה הוליאַקעס אָדער פונ'ם איבעריגען עולם נישט וועלען מיטטאנצען מיט איהם אָט מיט דעם פּאָנישען שמחת־תורה'דיגען ניגון! נייִן, ווער וועט זיך דען איינשטעלען אזעלכעס צו טהון? סיידען דער, וואָס וויל פערזוכען „רבינו יונה'ס" האַריגע האַנד, וואָס וועט איהם א נעם טהון מיט גוואַלד, ער זאָל געהן אין קאָהן אריין. שוין גלייכער מיט גוטען. און אַלע געהען מיט איהם דעם דאָזיגען פריילינען רוסישען טאַנץ. אַלע זינגען, אַלע פּליעסקען, אַלע טאַנצען, אַלע זענען זיך משמח מיט'ן יום־טוב. און מעהר פון אַלעמען און העכער פון אַלעמען הערט זיך „רבינו יונה'ס" קול, האַלב אויף רוסיש, האַלב אויף אידיש:

ראדויסיא, איזראעל,
סעוואָדניא שמחת־תורה;
דאָזשע איוו סיבירי —
פאַר וועמען האָב איך מורא?!...

און עס גיסט זיך בראָנפען, אזוי ווי וואַסער, און אידען טרינקען, אידען שכור'ען, אידען הוליען אָהן איין עק.